STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00849

# YIDISHE VITSN

## Yehoshua Hana Rawnitzki

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Jules Levine*
*in memory of*
*Maita Sivitz Levine*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# יידישע וויצן

געזאמלט און באארבעט פון

# י. ח. ראבניצקי

צווייטער באַנד

משה־שמואל־שקלאַרסקי

ניו־יאָרק, 1950

J. CH. RAWNITZKI

# YIDISHE WITZN

*(JEWISH WIT)*

VOLUME TWO

MORRIS S. SKLARSKY
Publisher, Bookseller and Importer
10 Monroe Street
New York 2, N. Y.

Printed in U. S. A.

# „גוטע יידן" און חסידים

## 370. גלייך צו אַ מלאך

אַ חסיד האָט געזאָגט צום מתנגדישן רב פון זיין שטעטל:

— איך ווייס, אַז איר האַלט ניט פון רבין, און איך קען אייך עדות זאָגן, אַז אַליין מיט מיינע אויגן האָב איך געזען אַ בריוו פון אַ גרויסן גאון צום רבין, וואו ער שרייבט אויף אים: „הרב דומה למלאך ה' צבאות".

— גלייך צו אַ מלאך — ענטפערט דער רב — דאָס קען זיין גראָד אַן אמת. דו ווייסט, וואָס די גמרא הקדושה זאָגט: „לא נתנה תורה למלאכי השרת" (די תורה איז ניט געגעבן געוואָרן צו מלאכים). און אָט אין דעם איז דער רבי דיינער געווים גלייך צו אַ מלאך: ער האָט אויך ניט באַקומען קיין תורה.

## 371. קאַפּווייטאָק און בויכווייטאָק

— וואָס איז דער חילוק פון אַ רב צו אַ רבין? — האָט מען אַמאָל געפרעגט הערשל אָסטראָפּאָלער.

— דאָס זעלבע — האָט ער געענטפערט וואָס פון קאָפּווייטאָק און בויכווייטאָק. ווען איינער, אַ שטייגער, קלאָגט זיך אַז דער קאָפּ טוט אים וויי, קען מען דערקענען, מען טאַפּט דעם שטערן צי ער איז וואַרעם. אָבער בויכווייטאָק — דאָ קענט איר גאָר ניט אָנטאַפּן.

## 372. רעדט מיט מלאכים

איין חסיד באַרימט זיך פאַר אַ צווייטן חסיד פון אַן אַנדערן רבין:

— דו שפּילסט זיך עפּעס מיט מיין רבין? ער רעדט דאָך מיט מלאכים!

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? — פרעגט אים יענער.

— וואָס הייסט, איך האָב עס אַליין געהערט מיט מיינע אויערן פון זיין הייליקן מויל.

— עט, לאו דווקא.

— הולטיי איינער, אַ מענטש וואָס רעדט מיט מלאכים וועט דאָך ניט נעמען גלאַט און אויסטראַכטן...

## 373. גלוי אליהו

אַ חסיד דערציילט פאַר אַן עולם מענטשן די גרויסע שבחים פון זיין רבין און לאָזט-אויס:

— וואָס דאַרפט איר מער, דער רבי האָט נאַכט ביי נאַכט גלוי אליהו!

שטייט דערביי אַ מתנגד און גיט אַ פרעג:

— פון וואַנען, אַ שטייגער, ווייסט איר עס?

— וואָס הייסט פון וואַנען, דער רבי אַליין האָט עס דערציילט.

— איך מוז אייך זאָגן דעם אמת — מאַכט דער מתנגד — איך גלויב עס ניט.

— עזות-מחוצף-פנים! — פאַלט אויף אים אַן מיט כעס דער חסיד — אַ מענטש וואָס האָט גלוי אליהו וועט דאָך ניט ליגן!

## 374. דעם רבינס תורה

אַ מתנגד דערציילט פאַר חסידים, אַז איין מאָל אויף זיין לעבן איז ער געווען ביי אַ רבין, שבת פרשה משפטים איז עס געווען, האָט ער געהערט דעם רבינס תורה, קען ער זי איבערזאָגן וואָרט ביי וואָרט:

„כי תקנה" — אַז דו וועסט זיך מתקנא זיין, „עבד עברי" — אין אַ מתנגד וואָס איז אַ בעל-עברי, זאָג איך דיר: „שש שנים" — אויב זיין נשמה וועזט זיך דיר אוים ווייס ווי ליינוואַנד, איז זי אין אמתן ווי רויטע פאָדעם, „יעבד" — זאָל ער גיין לאיבוד צו אַלדע שוואַרצע יאָר, „בשביעי" — און מען מעג שווערן, „יצא לחפשי חנם" — ער וועט זיך גאָר אין גאַנצן אַוועקשמדן, „אם בגפו יבוא" — ווען איינער אָבער פון די אַנשי-שלומנו קומט צום רבין צופליען ווי אויף פליגעלעך, „בגפו יצא" — וועט זיין נאָמען פליען און ווערן מפורסם אויף דער גאָרער וועלט, „אם בעל אשה הוא" — אויב ער

האָט אָבער אַ ווייב אַן ארורה און זי לאָזט אים ניט צום רבין, „ויצאה" — זאָל ער זי גטן, „אשתו עמו" — איז דען דאָס ווייב אַ מאַמע זיינע? אַ מאַמען קען מען ניט אָפּגטן, אַ ווייב אָבער גיט מען אַ גט און מען ווערט פון איר פטור.

## 375. „רזין דרזין"

— מיין רבי — דערציילט אַ חסיד — האָט געזאָגט דאָס לעצטע מאָל תורה, איז עס געווען, זאָל איך אייך, רזין דרזין.

רופט זיך אָן איינער אַ מתנגד, וואָס איז געשטאַנען דערביי:

— ווייסט איר וואָס עס הייסט „רזין דרזין"? „רזין" הייסט, אַז דער רבי ווייסט וואָס ער זאָגט און די חסידים ווייסן ניט, און „רזין דרזין" — אַז ניט די חסידים ווייסן און דער רבי אַליין ווייסט אויך ניט וואָס ער זאָגט.

## 376. „לשובע ולא לרזון"

אַ יונגער חסיד איז געקומען צום רבין און אָפּגעזעסן דאָרטן היפּשע שבתים. פרעגט אים דער גבאי: ווי קומט עס, וואָס ער איז זיך דאָ פאַרזעסן היינטיקס מאָל מער ווי תמיד?

— דעם רבינס תורה — ענטפערט דער חסיד — לאָזט מיך ניט אוועק פון דאַנען: יעדן שבת זאָגט ער תורה, אַז ס'איז מחיה נפשות, ממש טאַקע רזין דרזין.

— און איך האָב מורא — זאָגט דער גבאי — אַז געקומען זענט איר אַהער „לשובע ולא לרזון" (ד"ה זיך אָנצוזעטן און ניט צו הערן רזין).

## 377. דין מיט רחמים

ר' נפתלי ראָפּשיצער האָט אַמאָל געהאַט צום טיש זייער אַ גרויסן עולם און ס'איז ניט געווען גענוג חלה פאַר אַלעמען. רופט ער זיך אָן צום גבאי וואָס האָט געשניטן די חלות:

— דו שנייד דין און דער עולם זאָל עסן מיט רחמים.

## 378. דריי — איז דריי

איין חסיד פרעגט דעם צווייטן, וואָס איז געקומען צופאָרן פונעם רבין:

— וואָס פאַר אַ נייע תורה האָסטו דאָרטן געהערט פונעם רבין?

— קיין נייע תורה — ענטפערט יענער — האָב היינטיקס מאָל ניט געהערט, דערפאַר האָב איך געבראַכט פונעם רבין אַ נייע סגולה אויף ניצל צו ווערן פון גזלנים, ווען זיי באַפאַלן אין וועג.

— דהיינו?

— מען דאַרף פאַרמאַכן די אויגן און זאָגן נאָר דריי ווערטער „תפל עליהם אימתה ופחד".

— ס'איז דאָך פיר ווערטער?

— שגץ איינער! אַז דער רבי זאָגט דריי — איז דריי!

## 379. ווער איז גרעסער

צוויי חסידים פון פאַרשיידענע „צדיקים" האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין אַ ברייטן און טיפן שמועס וועגן די רביים זייערע, און יעדער פון זיי, פאַרשטייט זיך, לויבט זיין רבין אין טאָג אַריין.

— וואָס איז שייך? — היצט זיך איינער — פאַר מיין רבין, מעג מען זאָגן, האָבן אַלע מורא, אַפילו גאָט אַליין אויך.

— אַזוינס, זעסטו — רופט זיך אָן דער אַנדערער — קען איך אויף מיין רבין ניט זאָגן, נאָר דאָס איז געוויס, אַז ער, זאָל לעבן, האָט קיין מורא ניט פאַר גאָט.

## 380. נעמט-מיט די מקווה

חסידים פון פאַרשיידענע רביים זיצן און יעדער דערציילט די גדלות און צדקות פון זיין רבין.

— מיין רבי — דערציילט איין חסיד — ווען ער פאָרט אין וועג נעמט ער מיט זיך שטענדיק אַן אייגענעם שוחט מיט אַן אייגענעם חזן!

— און מיין רבי — זאָגט דער צווייטער חסיד — נעמט מיט זיך מיט אין וועג זיין אייגענע ספר-תורה.

— און מיין רבי — מאַכט דער דריטער חסיד — נעמט מיט זיך תמיד אין וועג זיין אייגענע מקווה.

## 381. אַן עם-הארץ אויף חידושים

איין חסיד זאָגט דעם צווייטן:

—וואָס באַרימסטו זיך אַזוי מיט דיין רבין, אַז, ער איז אַ גאַנ־צער למדן און קען גוט לערנען? אַ גרויסע זאַך! גלויב מיר, ווען מיין רבי זעצט זיך אַוועק לערנען אַ שטיקל צייט, ווערט ער אַזאַ למדן פונקט ווי דיין רבי, אָבער לאָז נאָר פּרואוון דיין רבי און ווען זיך גלייכן צו מיין רבין, וועט ער עס בשום אופן ניט קענען.

— פאַרוואָס ניט — זאָגט דער צווייטער — ער דאַרף נאָר אַוועקזעצן זיך אַ שטיקל צייט און ניט נעמען קיין ספר אין האַנט, ווערט ער אַזאַ עם-הארץ פונקט ווי דיין רבי.

— וואָס רעדסטו? — רופט זיך אָן יענער חסיד — דער רבי דיינער מעג זיך אַוועקזעצן און ניט אַריינקוקן אין אַ ספר גאַנצע דרייסיק יאָר וועט ער אַלץ ניט קענען זיין אַזאַ עם-הארץ ווי מיין רבי, זאָל לעבן!

## 382. אַ נס, וואָס אַ נס הייסט

צוויי חסידים זיצן און שמועסן צווישן זיך. נעמט איינער דער־ציילן די גרויסקייט פון זיין רבין:

— איין מאָל פאָרט מען אין וועג, ער זאָל לעבן מיט זיינע מקורבים. פּלוצעם פאַרוואָלקנט זיך דער הימל און עס הויבט אָן צו דונערן און בליצן און עס נעמט גיסן ניט אַ רעגן נאָר ממש אַ מבול. וואָס טוט דער רבי? ער הויבט אויף די אויגן צום הימל, פאַר־שפּרייט די הענט רעכטס און לינקס — און עס געשעט תיכף אַ נס: רעכטס — אַ פינצטערניש מיט אַ שלאַקס-רעגן, לינקס — אַ פינצ־טערניש מיט אַ שלאַקס-רעגן, און אין מיטן — אַ קלאָרער הימל ווי קרישטאָל מיט אַ ליכטיקער שיינענדיקער זון.

— דאָס איז אויך אַ גרויסע זאַך — רופט זיך אָן דער צווייטער חסיד — איך וועל דיר דערציילן פון מיין רבין אַ נס, איז דאָ וואָס צו הערן: איין מאָל פאָרט ער זאָל לעבן מיטן גבאי צו איינעם פון די אַנשי-שלומנו אין אַ נאָענטן דאָרף אויף אַ ברית. געווען איז עס פונקט ערב-שבת. דאָרט איז מען זיך אַ ביסל פאַרזעסן. מען פאָרט צוריק — שלעכט! עס פאַלט אָן ווי מיט אַמאָל די נאַכט און עס באַווייזט זיך אַפילו אַ שטערן אויפן הימל. וואָס טוט מען דאָ? כאָטש־

נעם און פאַרבלייבט שבת האַלטן אין מיטן פעלד. הויבט אויף דער רבי די אויגן צום הימל, פאַרשפּרייט די הענט רעכטס און לינקס און תיכף ווערט אַ נס, טאַקע וואָס אַ נס הייסט: רעכטס — שבת, לינקס — שבת, און אין מיטן — וואָך.

## 383. פּשוט דערוואָרגן

אַ חסיד איז געקומען צום רבין בעטן פאַר זיין ווייב, וואָס ליגט מסוכן קראַנק.

— גיי אַהיים און זאָרג ניט — זאָגט אים דער רבי.

אין עטלעכע טעג אַרום קומט ווידער דער חסיד מיט אַ ביטער געוויין:

— אוי רבי, די פלונית מיינע איז געשטאָרבן.

— עס קען ניט זיין — מאַכט דער רבי רואיק — איך האָב אַליין מיט מיינע הענט אַרויסגעריסן ביים מלאך־המות פון די הענט דעם חלף זיינעם.

— רבי, זי ליגט דאָך פאַרט אַ טויטע!

— אויב אַזוי זאָגט דער רבי — איז ניט אַנדערש, אַז דער בעל־דבר האָט זי גענומען און פּשוט דערוואָרגן.

## 384. אַ שייגעצל אַ טויבער

אַ רבי איז געקומען מיט אַ גבאי פון וועג. דערציילט דער גבאי פאַר אייניקע חסידים אַ נס פון רבין: זיי זיינען אַדורכגעפאָרן אַ דאָרף זיינען אַרויסגעלאָפן אַ סך שקצימלעך און געכאַפּט שטיינער און געוואָלט וואַרפן, האָט דער רבי אַ זאָג געגעבן: „כאבן ידמו זרועך" זיינען זיי געוואָרן ווי פאַרשטיינערט און ניט געקענט אַ ריר טאָן מיט קיין אבר.

רופט זיך אָן איינער אַ מתנגד וואָס איז געשטאַנען דערביי:

— ווי קומט עס אָבער וואָס ביים רבין איז געשוואָלן אָן אויג?

— איין שייגעצל — ענטפערט דער גבאי — איז געווען אַ טוי־בער, האָט ער ניט גוט דערהערט דעם פּסוק וואָס דער רבי האָט געזאָגט.

## 385. אָן קוליעס

אַ גאַנץ רעדל חסידים שטייען און דערציילן צווישן זיך מופתים, איין מופת שענער און גרעסער פונעם אַנדערן. געפינט זיך צווישן עולם אויך איינער אַ מתנגד, רופט ער זיך אָן:

— אויב איר ווילט, קען איך אייך אויך דערציילן אַ מופת פונעם טשערנאָבילער צדיק, וואָס איך אַליין האָב עס געזען מיט מיינע אויגן.

די חסידים האָבן באַלד אָנגעהויבן שרייען אויף קולות:

— שאַ, שאַ! לאָז דער מתנגד דערציילן! עס מוז שוין זיין איינמאָל אַ מופת, אַז דער מתנגד מיט זיינע מגושמדיקע אויגן האָט עס געקענט אַרויסזען.

און דער מתנגד נעמט דערציילן:

— געווען בין איך איין מאָל אין מיין לעבן ביים טשערנאָבילער רבין, און דעמאָלט איז מיר אויסגעקומען אַליין צו זען דאָרטן דעם רבינס נס, וואָס איך וועל עס אייביק ניט פאַרגעסן. איר מעגט עס, כ'לעבן, אויסהערן. דערציילן גלאָט אַזוי מעשיות אין דער וועלט אַריין האָב איך, פאַרשטייט איר מיך, פיינט. געבראַכט האָט מען צום רבין אַ יידן מיט אָפּגענומענע פיס, וואָס גייט אויף צוויי קוליעס, דער רבי זאָל וויזן זיין וואונדער אויף אים, די פיס זיינע זאָלן ווערן אויסגעהיילט. דער רבי האָט אויפגעהויבן די אויגן און איין קוק געטאָן אויף דעם יידן — ס'איז שוין געווען דער רעכטער קוק, פאַרשטייט זיך — און באַלד האָט ער אים אַ זאָג געטאָן, ער זאָל אַוועקוואַרפן די רעכטע קוליע. דער ייד טוט, וואָס דער צדיק הייסט און בלייבט שטיין אויף איין קוליע, קוים וואָס ער האַלט זיך. „וואַרף געשווינד אַוועק די צווייטע קוליע!" — באַפעלט דער רבי. איר הערט אַ מעשה? וואָס טויג אייך, דער ייד פאַרטראַכט זיך ניט און טוט, וואָס דער צדיק הייסט.

דער דערציילער שטעלט זיך אָפּ, און די חסידים טרייבן אים אונטער מיט גרויס התלהבות:

— נו, נו, דערציילט שוין גיכער, וואָס איז ווייטער געוואָרן?

— וואָס ווייטער איז געוואָרן — לאָזט אויס דער מתנגד גע־לאַסן — מאַכט שוין ניט אויס. דער ייד האָט פאַרשטייט זיך דער־לאַנגט דעם אמתן פאַל און שיעור ניט צעשאָטן געוואָרן אויף שטיקלעך.

## 386. אַ ווייטער קוק

אַ חסיד האָט אַמאָל געבראַכט אַ באַווייז ווי דער צדיק זיינער האָט אַ ווייטן קוק און ווייסט, וואָס עס טוט זיך ערגעץ־וואו אין די ווייטע מקומות:

— אָט, למשל, געדענק איך אַ מעשה, ווי דער רבי האָט איין מאָל געזאָגט, אַז עס ברענט אין בריסק. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע בריסקער חסידים, וואָס זיינען דעמאָלט געווען ביים רבין, האָבן געכאַפּט און תיכף אַנטלאָפן אַהיים.

— האָבן זיי געפונען זייערע הייזער גאַנץ? — פרעגט מען אים.

— געווים גאַנץ — ענטפערט דער חסיד — די שטאָט בריסק האָט גאָרניט געברענט, אָבער דאָך איז עס אַ ווייטער קוק.

## 387. בדרך הטבע

אַ חסיד דערציילט מופתים פון זיין רבין:

— מיין רבי שטעלט זיך אין הויף אויף אַ באַנק און זעט מיט זיינע ליכטיקע אויגן, וואָס עס טוט זיך פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן.

— צו וואָס, אַ שטייגער — פרעגט אים איינער פון די צוהערער — טויג אים זיך שטעלן אויף אַ באַנק?

— די מעשה איז — ענטפערט דער חסיד — וואָס מיין רבי, פאַרשטייט איר, האָט ליב צו מאַכן, אַז עס זאָל אויסקומען בדרך הטבע.

## 388. „יזכור"

אחרון של פסח קומט צו לויפן צום רבין אַ חסיד פון זיינע מקורבים צו בעטן ביי אים עפּעס אַ סגולה פאַר זיין ווייב, וואָס איז אַ מקשה לילד (גייט שווער צו קינד). זאָגט אים דער רבי:

— גיכער גיי אַהיים און נעם זאָגן „יזכור".

דער חסיד גייט אַרויס פונעם רבין און דערציילט עס באַלד דעם גבאי שטאַרק דערויף פאַרוואונדערט.

— וואָס פאַרשטייסטו דאָ ניט? — דערקלערט אים דער גבאי — וויבאַלד צו „יזכור" גייען אַרויס גרויסע קינדער, און אַמאָל אַפילו יידן מיט בערד, וועט אַזאַ קליינער שנעק ניט אַרויסגיין?

## 389. וואָס זאָגסטו אויפן שטעל

איין חסיד האָט דערציילט מופתים פון זיין רבין:

— איינמאָל זיינען מיר אַרויסגעגאַנגען מוצאי־שבת פון קלויז מקדש זיין די לבנה. איז זיך מישב אַ גרויסער וואָלקן און שטעלט זיך אַנידער ווי אויף צו להכעים אויף דער לבנה און פאַרדעקט זי אין גאַנצן. וואָס טוט דער רבי? ער גייט אַרויס און טוט זיך אַ שטעל אַקעגן דעם וואָלקן און זאָגט כהאי לישנא: איך בין אויף דיר גוזר דו זאָלסט באַלד אַוועק פון דער לבנה.

— נו, — פרעגט דער צווייטער — האָט דער וואָלקן געפאָלגט?

— ניין, — ענטפערט יענער מיט התלהבות — אָבער וואָס זאָגסטו אויפן שטעל פונעם רבין?

## 390. מחיה נפשות

אַ חסיד, אַ גרויסער אָרעמאַן, האָט זיך באַקלאָגט פאַרן רבין, אַז ער איז אַ מטופל, קיין עין־הרע, מיט אַ גרויס הויזגעזינד און די דירה זיינע איז ענג ממש אויף דערשטיקט צו ווערן.

— אַ ציג האָסטו? — פרעגט אים דער רבי.

— יאָ.

— גיי אַהיים — זאָגט אים דער רבי — און נעם אַריין אין שטוב צו זיך די ציג דיינע.

אין עטלעכע טעג אַרום, קומט דער זעלביקער אָרעמאַן ווידער צום רבין.

— שלעכט, רבי, נישטאָ אין שטוב וואו דעם קאָפּ צושפּאַרן.

— נעם אַריין — עצהט ווידער דער רבי — צו זיך אין שטוב די עופות וואָס דרייען זיך אַרום ביי דיר אין הויף.

אין עטלעכע טעג אַרום קומט ער ווידער צום רבין:

— ביטער, רבי, שוין ניטאָ וואו אַנידערצוזעצן זיך אין שטוב. אַן אומקומעניש.

— איצט גיי אַהיים — זאָגט ער צום חסיד — און טרייב תיכף אַרויס די ציג מיט די עופות.

אויף מאָרגן קומט דער חסיד צום רבין דאַנקען פאַר דער לעצטער עצה:

— אוי, רבי — זאָגט ער — איז איצט ביי אונדז פריי געוואָרן! ממש מחיה נפשות!

## 391. מורא

יצחק-יהושע, אַ ייד אַ למדן און אַ ירא-שמים, איז געפאָרן אויף ימים נוראים צום רבין. יום-כפור צו מנחה איז דער רבי אים מכבד צו דאַוונען פאַרן עמוד. גייט ער צו צום רבין מיט אַ בלאַס פּנים און זאָגט מיט ציטערניש: „רבי, איך האָב מורא!" מאַכט דער רבי צו אים מיט אַ ליבלעכן שמייכל:

— נאַרעלע, ווען דען זאָל איך שיקן פאַר אַ שליח-צבור, אפשר אַזעלכן וואָס האָט ניט מורא?

## 392. אַ קאָפּיקע צום פּופּיק

אַן אָרעמע יידענע איז געקומען צו לויפן צום רבין מיט אַ יאָמער און קלאָג: איר טאָכטער גייט זייער שווער צו קינד, שוין דעם צווייטן מעת-לעת, און זי איז שטאַרק מסוכן. דעם רבין האָט די יידענע ניט געטראָפן, נאָר זי האָט געמיינט אויף הערשל אָסטראָפּאָלער, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ שטוב-מענטש ביים רבין, אַז דאָס איז טאַקע דער צדיק אַליין. בעט זי ביי אים, ער זאָל געבן פאַר דער טאָכטער עפּעס אַ סגולה צי אַ קמיע. נעמט הערשל אַרויס אַן אָפּגע-ריבענע קאָפּיקע פון קעשענע און גיט עס איבער דער יידענע, זי זאָל געשווינד גיין אַהיים און באַלד צולעגן די מטבע דער טאָכטער אירער צום פּופּיק. אויף מאָרגן קומט די יידענע אָפּדאַנקען דעם רבין פאַר דער סגולה: זי האָט אַזוי געטאָן ווי דער רבי האָט געהייסן און ס'האָט תיכף געהאָלפן. דער רבי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ שטעקט עפּעס הערשלס אַ שפּיצעל, און אַז די יידענע איז אוועקגעגאַנגען, פרעגט ער אים, און יענער דערציילט די מעשה.

— אָבער ווי פאַלסטו-אויס, הערשל — פרעגט אים דער רבי — צו געבן דער יידענע אַזאַ משונה סגולה?

— איך האָב פאַרשטאַנען — ענטפערט הערשל — אַז דער קליינער קבצן וועט נאָר דערשמעקן פון דרויסן אַ קאָפּיקע, וועט ער באַלד אַרויסשפּרינגען.

## 393. „ברגש״

דעם רבינס גבאי זאָגט איינמאָל צו הערשל אָסטראָפּאָלער:

— דו ווייסט, הערשל, דער רבי האָט געפרעגט אויף דיר, פאַר־וואָס דו גייסט היינטיקן שבת ניט געווען אין קלויז? איך האָב אים אַפילו געזאָגט, אַז דאָס איז צוליב די גרויסע בלאָטעס, האָט ער מיר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט: הערשל דאַרף וויסן, וואָס עס שטייט: „בבית אלהים נהלך ברגש״, און „ברגש״ הייסט: ברד, רעגן, גשם, שלג*).

— אמת — ענטפערט הערשל — דער רבי אָבער דאַרף אויך וויסן, אַז „ברגש״ מאַכט נאָך: „ביים רבין גאַנצע שיך״.

## 394. אַ קאַפּעלע מעוברת

צום צדיק קומט אַ הייסער חסיד זיינער און רעדט זיך אויס פאַר אים זיין שווער האַרץ:

— רבי, שלעכטע געשעפטן היינטיקע צייטן, זייער ביטערע. לייט מיינען נאָך, אַז דאָס רעדל דרייט זיך און זיי שאַצן מיך אין די שיינע טויזנטער, אָבער פאַר אייך מאָג איך דאָך זאָגן דעם אמת, אַז ס'האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעשטעלט. און דאָ איז נאָך מיין עלטערע טאָכטער שוין אין די יאָרן, לאַנג צייט חתונה צו מאַכן זי, און איך ווייס ניט קיין עצה זיך צו געבן. האָט מיר גאָט צוגעשיקט פאַר מיין טאָכטער אַ פיינעם חתן, אַ טאַטנס אַ קינד און אַ בן־תורה מיט היפּש געלט דערצו, וויל ער נעמען מיין טאָכטער ווי זי שטייט און גייט אָן שום נדן... ווי מיינט איר, רבי?

— וואָס האָסטו דאָ צו פרעגן? — זאָגט דער רבי — מאַך די טאָכטער חתונה און זאָל זיין למזל.

— יאָ, רבי, דער בחור האָט אָבער אַ חסרון.

— דהיינו?

— איך האָב מורא, ער איז אַ ביסל געכאַפּט אין אַפּיקורסות.

— אויב אַזוי — שרייט אויס דער רבי און שפּרינגט־אונטער ווי אַן אָפּגעבריטער — טאָרסטו ניט טראַכטן אַפילו פון אויסצוגעבן

---

*) אין גאָטס הויז דאַרף מען גיין, וואָס עס זאָל ניט זיין; האָגל, דונער, רעגן און שניי.

פאַר אַזעלכן דיין טאָכטער; שוין בעסער פאַר אַ שוסטער־יונג אָדער אַ בעל־עגלה איידער פאַר אַן אַפּיקורס, ימח־שמו.
— רבי — מאַכט דער חסיד — וואָס טוט מען? מיין טאָכטער האָט אָבער אויך אַ חסרון.
— דהיינו?
— איך האָב מורא, זי איז... אַ קאַפּעלע מעוברת.

## 395. אָנגעזאָלצן

אַ דאָרפס־ייד איז געקומען צום „צדיק", טרעפט ער אים זיצן ביים עסן. דערלאַנגט מען צום טיש אַ פולע שיסל מיט הייסע פעטע וואַרעניקעס. נעמט דער רבי און שיט־אוים אין שיסל אַריין כמעט אַ גאַנץ זאַלצמעסטל מיט זאַלץ.
דער גבאי בייגט זיך אָן צום יידן און זאָגט אים שטיל אין אויער:
— דאָס טוט ער, זאָל לעבן, כדי ניט הנאה צו האָבן...
דערוויל דערזעט דער דאָרפס־ייד די רביצין, אַ געזונטע יידענע, אַ שיינע און אַ פיין אויסגעפּוצטע, בייגט ער זיך אָן צום גבאי און טוט אים שטילערהייט אַ פרעג:
— וויפל מעסטלעך זאַלץ, אַ שטייגער, שיט אַריין ער, זאָל לעבן, אין אָט דער דאָזיקער...

## 396. בצדק

אַ גוטער ייד האָט געזאָגט אויף זיינעם אַ חסיד אַן עושר, וואָס פלעגט אָפט קומען צו אים מיט ליידיקע הענט, אַז ער איז אַ צדיק בצדק (ד"ה ב'יז צ'ו ד'ער ק'עשענע), און ווען ער קומט צו מיר קען ער בפירוש זאָגן: „אני בצדק אחזה פניך".

## 397. כדי מען זאָל ניט וויסן

אַ חסיד דערציילט פאַרן עולם, אַז דער רבי זיינער פאַסט אַלע טאָג אויסער שבת און יום־טוב.
— ס'איז ניט אמת — רופט זיך אָן אַ מתנגד וואָס איז געשטאַנען דערביי — איך האָב אַליין געזען ניט איין מאָל מיט מיינע אויגן ווי דער רבי האָט געגעסן אין אַ וואָכעדיקן טאָג.

— וואָס פאַרשטייט איר ניט — זאָגט דער חסיד — דער רבי, זאָל לעבן, עסט אָפטמאָל מיט אַ מיין, כדי מען זאָל ניט וויסן אַז ער פאַסט.

### 398. פון די אָבות

אַ רייכער ישובניק, וואָס פלעגט אָפט פאָרן צום „צדיק", האָט איין מאָל מיטגענומען מיט זיך זיין הינטל, מיט וועלכן ס'איז אים שווער געווען זיך צו שיידן. געוויינלעך האָבן די חסידים ניט געלעגט קיין איבעריקן כבוד אויף דעם כלב און פלעגן אים אומברחמנותדיק טרייבן און אַמאָל אויך שלאָגן. דעם ישובניק, פאַרשטייט זיך, פלעגט עס גוט פאַרדריסן. גייט ער אַריין איינמאָל צום רבין זיך קלאָגן אויף די חסידים.

— הערט איר, רבי — מאַכט ער צו אים — מיין הינטל, זאָג איך אייך, איז נאָר פון די אָבות, אַז עס קען אויסהאַלטן פון אייערע חסידים.

### 399. על אַחת כמה וכמה

אויף איין פורל, וואָס איין פערדל, אַן אויסגעדאַרטע קליאַטשע, האָט עס קוים-קוים געשלעפּט, זיינען געווען אָנגעזעצט איינס אויפן אַנדערן אַ גאַנצער מנין חסידים, וועלכע זיינען געפאָרן צום רבין. אויפן וועג זעען זיי ווי, ניט עס פאָרט נאָר עס פליט, אָקעגן זיי אַ פריץ, וואָס זיצט זיך ווי אַ גראַף, איינער אַליין צעלעגט אין אַ טייערער קאַרעטע מיט פיר פייערדיקע פערד „נאַ-שפּיץ". רופט זיך אָן איי-נער פון די חסידים.

— איצט פאַרשטיי איך דעם רעכטן פשט פון דער גמרא: „לעוברי רצונו כך" — די רשעים הייסט עס, לעבט זיך אויף גאַנס וועלט אַזוי, אָבער „לעושי רצונו" — די פרומע, זיי לעבט זיך גאָר אַנדערש: „על אחת" — אויף איין קליאַטשע, „כמה וכמה" — זיצן אָנגעפּאַקט אַזוי פיל און אַזוי פיל פון „אנשי שלומנו".

### 400. געוויס אַ חסיד

אַ מתנגד האָט איינמאָל געזאָגט צו אַ חסידישן יונגנמאַן:
— ווי מיינסטו, וואָס איז דער יצר-הרע, אַ חסיד צי אַ מתנגד?

— איך ווייס ניט — ענטפערט דער חסיד — וואָס זאָגט איר?
— איך זאָג — מאַכט דער מתנגד — אַז דער יצר־הרע איז געווים אַ חסיד, ווייל מען זעט אים גאַנץ אָפט ביים רבין.

## 401. וואָס שטייט העכער

צוויי גוטע באַקאַנטע, אַ חסיד מיט אַ מתנגד פון די למדנים, פלעגן אָפט זיך אַמפּערן צווישן זיך און פירן הייסע וויכוחים וועגן חסידות און מתנגדישע למדנות. איינמאָל גיט דער חסיד אַ פרעג דעם מתנגד:

— זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס איז אַזוינס דער יחוס דיינער? פון וואַנען איז געדרונגען, אַז דיין למדנות שטייט העכער פון מיין חסידות?

— איך וועל דיר זאָגן — ענטפערט דער מתנגד — ווען היינטיקן טאָג, אַ שטייגער, קומט אליהו הנביא און איך הער פון זיין מויל, אַז אַ חסיד שטייט העכער פון אַ מתנגד, מאַך איך ניט קיין לאַנגע שהיות, נעם און ווער אַ חסיד באַלד אויפן שטעל. ווען דו אָבער דערהערסט פון אליהון, אַז אַ למדן שטייט העכער, וועט דיר ניט העלפן קיין שום זאַך: מיטאַמאָל אַ למדן קענסטו ניט ווערן, און דו מוזט ערשט אויף אַ היפּשע צייט, ווער ווייס אויף וויפל, זיך אָוועקזעצן לערנען — היינט פרעג איך דיך, זאָג דו אַליין, וואָס שטייט העכער?

## 402. אַ קאָצקער חסיד

איינער הערט ווי מען דערציילט אויף די קאָצקער חסידים, אַז דאָס דאַווענען מאַכט ביי זיי גאָר ווינציק אוים, רופט ער זיך אָן:

— הערט אַ מעשה, שוין העכער צוואַנציק יאָר אַז איך האָב אויפגעהערט צו דאַווענען, און איך האָב ביז איצט גאָר ניט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז איך בין שוין אַזוי פיל צייט אַ קאָצקער חסיד.

## 403. אַז ישיר

די יוצאי מצרים — זאָגט אַ חסיד — זיינען געווים געווען חסידים.
— פון וואַנען איז עס געדרונגען? — פרעגט אים אַ מתנגד.

— ווייל אין פסוק שטייט: אז ישיר, און זינגען זינגט געוויינ־לעך א חסיד.

— פונקט פאַרקערט — רופט זיך אָפּ דער מתנגד — זינגען ביים ים, ביי פּראָסטע וואַסערן אָן יי״ש, דאָס איז ניט קיין חסידישע זאַך.

## 404. איך האָב אַ יצר הרע

ר׳ נפתלי ראָפּשיצער איז געווען יינגלוויז אַ גרויסער שטיפער, ער פלעגט איבערקערן די וועלט, מוסרט אים דער טאַטע:

— שוין צייט דו זאָלסט ווערן אַ מענטש, אָוועקוואַרפן שטי־פעריי, נאַרישקייטן, און זיך נעמען צום לערנען.

— וואָס זאָל איך טאָן, טאַטע, אַז איך האָב אַ יצר הרע וואָס רעדט מיך אָן צו אַזעלכע זאַכן? שולדיק בין איך ניט, שולדיק איז ער, דער יצר הרע.

—פאַרקערט, נעם זיך אַראָפּ אַ מוסר טאָקע פון אים, פונעם יצר הרע. פאַרוואָס רעדט ער דיר צו צו שלעכטע מעשים? וואָס האָט ער דערפון? ער טוט נאָר דעם רצון פונעם רבונו של עולם, וואָס האָט אים דערויף באַשאַפן, פאָלג זשע אויך דעם רבונו של עולם און גיי בדרך הישר און באַגער צום לערנען.

— יאָ — ענטפערט דער קליינער נפתלי — גוט איז אים, דעם יצר הרע, ער האָט ניט קיין יצר הרע וואָס זאָל אים אָנרעדן ניט צו פאָלגן דעם רבונו של עולם, אָבער איך האָב דאָך יאָ אַ יצר הרע.

## 405. מיט אַ בלויען זאַק

אין אַ בויד, וואָס איז געווען פול אָנגעפּאַקט מיט פאַרשוינען, האָט זיך איינער אַנידערגעזעצט אויף יענעמס אַ פּוס, טוט ער אַ פרעג:

— רבותי, זאָגט דעם אמת, אויף וועמענס פוס האָב איך זיך אַנידערגעזעצט?

רופט זיך אָן אַ ייד אַ חסיד:

— אויב דער פוס איז מיט אַ בלויען זאָק, איז ער מיינער.

## 406. אַ גרויסע חכמה

אַ חסיד איז געפאָרן אויפן אייזנבאַן, האָט ער באַדאַרפט טאָן זיין באַדערפעניש און ניט געקענט געפינען אַזוי גיך דאָס נויטיקע

אָרט. דערווייל שטעלט זיך דער צוג אָפּ אויף אַ סטאַנציע, כאַפּט זיך דער חסיד געשווינד אַראָפּ ערגעץ-וואו אונטער אַ בוים. נאָר איידער ער איז אין גאַנצן פאַרטיק געוואָרן, הויבט זיך דער צוג אָן צו רירן. נעמט דער חסיד גיך נאָכלויפן דעם צוג, מיט איין האַנט האַלט ער צו די ניט-פאַרשפּילעטע תחתונים און מיט דער אַנדערער מאַכט ער שטאַרק אין דער לופטן און שרייט אויף אַ קול:

— הע, הע, אַ גרויסע חכמה!

## 407. אַן אַנדער מענטש

אַמאָל האָט מען אַ פרעג געטאָן איינעם אַ חסיד, וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם „ביטערן טראָפּן", ווי אַזוי קען עס איין מענטש אַריינגיסן אין זיך אַזוי פיל משקה?

— וואָס הייסט איין מענטש! — ענטפערט דער חסיד — איר דאַרפט וויסן, אַז נאָך יעדן גוטן שנאַפּס, וואָס איך נעם, ווער איך גאָר אַן אַנדער מענטש. נו און ער, דער אַנדער מענטש, מיין איך, דאַרף דאָך אויך מאַכן אַ רעכטן שנאַפּס.

## 408. אַ טפש איז ער געווען

אַ חסיד, וואָס האָט גאָרנישט פיינט געהאַט דעם טרונק, האָט געדרונגען:

— איך טרינק משקה מיט אַ קל-וחומר: אויב שלמה המלך, וואָס איז געווים לכל הדעות געווען דער גרויסער חכם, האָט אַזוי געהאַלטן פון משקה, מעג איך דאָך אַוודאי און אַוודאי טרינקען.

— פון וואַנען ווייסטו עס — פרעגט אים דער צווייטער — אַז שלמה המלך האָט געהאַלטן פון משקה?

— אַ גרויסער חכם ביסטו — ענטפערט יענער — ווי מיינסטו, אַ שטייגער, ער האָט ניט געהאַלטן? וואָס איז, עפּעס אַ טפש איז ער געווען?

## 409. אַ גוטער קאָפּ

אַ חסיד דערציילט:

— געהערט האָב איך אַמאָל זאָגן, אַז אַ גוטער קאָפּ קען אַ סך טרינקען, האָב איך זיך מישב געווען און יענע וואָך מיטגענומען מיט

זיך דעם רמב״ם מיינעם. דער רמב״ם, האָב איך זיך געטראַכט, האָט דאָך געוויס דעם גוטן קאָפּ, האָבן מיר דאָרטן געמאַכט ביידע דעם היפּשן טרונק, אַזוי ווי איך האָב ליב. וואָס־זשע איז געווען דער סוף? איך האָב זיך נאָך, ווי עס איז, געקענט דערשלעפּן אַהיים, און דער רמב״ם דווקא האָט געמוזט פאַרבלייבן ביים שענקער אין שטוב.

## 410. יי״ש מיט קעז

— אַז מען טרינקט יי״ש — האָט געזאָגט אַ חסיד — מוז מען פאַרבייסן מיט קעז, ווייל יי״ש איז בגימטריא קעז.

— אַ גראָבער טעות אין חשבון! — פרעגט אים אָפּ אַ מתנגד — בארעכנט וועט איר זען, אַז קעז באַטרעפט פיל וויניקער ווי יי״ש.

— נו, איז וואָס, מתנגד? — ענטפערט דער חסיד — נעמט מען פאַרבייסן צוויי שטיקער קעז.

— ווערט עס דאָך שוין צו פיל?

— נעמט מען נאָך אַ ביסל יי״ש, און אויב יי״ש קומט דער־נאָך אויס שוין ווידער צופיל, נעמט מען נאָך אַ שטיקל קעז, אַזוי לאַנג — ביז עס גלייכט זיך אויס.

## 411. מענטשן אויף דער לבנה

— הערסטו, גוטער ברודער — זאָגט אַ חסידישער יונגערמאַן צו זיינעם אַ חבר — אַ פּנים טאַקע, ס׳איז אמת וואָס איך האָב גע־הערט, אַז עס געפינען זיך מענטשן אויף דער לבנה.

— וואָס איז די ראיה? — פרעגט אים יענער.

— אָט האָסטו אַ באַווייז: איך שטייט אַזוי אַנומלט אין דרויסן און בין מחדש די לבנה — מיט אַמאָל איז מיר איינגעפאַלן אין קאָפּ אַ מיידל...

## 412. כשר פאַרדינט

אַ חסיד, וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם טרונק, האָט זיך איינמאָל געגעבן דאָס וואָרט מער ניט צו טרינקען.

אויף מאָרגן, גייענדיק פון שול נאָכן דאַווענען אַהיים, גייט ער פאַרביי אַ שענקל. דאָס האַרץ ציט אים אַריינצוכאַפּן זיך און כאַפּן

אַ שנעפּסל, נאָר ער איז גובר דעם יצר-הרע און טענהט מיט זיך: ניין, אברהמל, טאָרסט זיך ניט אונטערגעבן. איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַ וואָרט איז אַ וואָרט!

דאָס זעלבע איז געווען אַז ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ צווייט שענקל און אַ דריטס, ביז ער איז געקומען צום זעקסטן שענקל, אַ הויז פאַר זיין היים. דאָ האָט עס אים אַ שטאַרקן צי געטאָן און ער זאָגט צו זיך: הערסטו, אברהמל, ביסט אַ מענטש, אַז דו האָסט גע־קענט דורכגיין דורך פינף שענקלעך און ניט אַריינשמעקן אין איינעם פון זיי, האָסטו דערפאַר כשר פאַרדינט דאָס אמתע שנעפּסל — און ער איז געשווינד אַריין אין שענקל.

## 413. אָן פיש אינמיטן

אַ חסיד פלעגט זאָגן אויף זיך:

— ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך ליב צו טרינקען יי״ש פאַר די פיש און נאָך די פיש, און ווען אפילו אין מיטן איז קיין פיש ניטאָ.

## 414. די תרומה איז ניט קיין תרומה

דער סלאָנימער רב ר׳ אייזיל חריף האָט אַמאָל באַגעגנט זיי־נעם אַן אַלטן חבר פון דער יוגנט, וואָס איז געוואָרן אַ „רבי״ פון חסידים, פרעגט ער אים:

— ווי אַזוי, זאָג מיר, ביסטו עס געוואָרן מיטאַמאָל אַ „צדיק״ און אַ הייליקער?

— יידן האָבן מיך געמאַכט — ענטפערט יענער — אין אַ קופּע ווייץ איז יעדער ווייץ גלייך צום אַנדערן, נאָר דאָס ביסל דערפון, וואָס ווערט געמאַכט פאַר תרומה, רעכנט זיך פאַר הייליק.

— ווייזט-אויס — זאָגט אים דערויף ר׳ אייזיל חריף — אַז זינט דו ביסט אַ רבי געוואָרן האָסטו, מחילה, אין גאַנצן פאַרגעסן דאָס לערנען. ס׳איז דאָך אַ בפירושער דין: „חרש שוטה וקטן אין תורמתן תרומה״ — די תרומה וואָס אַ חרש וקטן האָט געמאַכט איז ניט פאַר־רעכנט פאַר קיין תרומה.

# רייכע און אָרעמע

## קמצנים

### 415. אַ פאַרקערטע וועלט

— ס׳איז עפּעס אַ פאַרקערטע וועלט — פלעגט זאָגן ר׳ ברוך־מרדכי סעדליצער. — די גבירים, וואָס זיי פעלט קיין מאָל ניט אויס קיין מזומנים, דווקא נאָך זיי יאָגט מען זיך און מען שטופּט זיי אַלע סחורות פון דער וועלט אויף באָרג, און דער אָרעמאַן נעבעך, וואָס האָט תמיד אַ ליידיקן בייטל — אים וועט קיינער ניט געבן קיין ברעקל סחורה סיידן ער צאָלט דערפאַר מזומן. ווען די מענטשן אָבער זאָלן זיין פיינע לייט און האָבן גאָט אין האַרצן, וואָלטן זיי באַדאַרפט טאָן פונקט פאַרקערט: דעם רייכן געבן נאָר פאַר מזומן און דעם אָרעמען אויף באָרג. אַי וואָס, וויבאַלד דער אָרעמאַן האָט ניט און וועט ניט האָבן צו באַצאָלן, קען דאָך דער סוחר, וועלכער באָרגט, אַליין אויך ווערן מיט דער צייט אַזאַ אָרעמאַן ווי ער — וואָס־זשע קען דאָ שטעקן אין דעם פאַר אַן אומגליק? אדרבה, ער וועט ווערן אַן אָרעמאַן, וועט ער דעמאָלט אויך קריגן אַלץ אויף באָרג.

### 416. אַ מזל־זאַך

איינעם אַ פּקח האָט מען געפרעגט ער זאָל געבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס דער אָרעמאַן טאָר קיין זאַך ניט און דעם גביר, פאַרקערט, איז אַלצדינג דערלויבט צו טאָן, גלייך ווי פאַר אים איז געשריבן גאָר אַן אַנדער תורה?

— וואָס פאַרשטייט איר דאָ ניט? — האָט יענער געענטפערט — ס׳איז אַלץ אַ מזל־זאַך. נאָך דעמאָלט, אין אַמאָליקער צייט, ווען משה רבנו איז בייז געוואָרן אויף דער מעשה פונעם עגל, האָט ער אַ וואָרף געטאָן די לוחות און צעבראָכן אויף שטיקער. און געווען

זיינען די לוחות, ווי מיר ווייסן, פון די טייערסטע שטיינער, האָט דער עולם באַלד, מיט אימפּעט זיך אַ לאָז געטאָן צו כאַפּן די שטיקער, וואָס זיינען זיך צעפלויגן אין אַלע זייטן. נו, האָט דאָס מזל, ווי שטענדיק, געשפּילט די רייכע און זיי איז געראָטן אויפצוכאַפּן די גרעסערע שטיקער, אויף וועלכע ס'איז געווען אויסגעקריצט: „תגנב", „תרצח", „תנאף", „תחמוד"; די אָרעמע לייט אָבער, די דאָזיקע שלימזלניקעס פון אייביקע יאָרן, האָבן דאָס מאָל אויך ניט געהאַט קיין גליק, און זיי אין די הענט זיינען אַריינגעפאַלן נאָר שטיקלעך און פּיצלעך מיט הוילע „לא" און „לא"...

## 417. קאַפּיטאַל און אַרבעט

אַ ייד האָט דערקלערט וואָס איז אַזוינס קאַפּיטאַל און אַרבעט:

— ווען איך, אַ שטייגער, פאַרמאָג אַ הונדערטער, הייסט עס „קאַפּיטאַל", און אַז איך נעם און ליי איינעם אַוועק דעם דאָזיקן קאַפּיטאַל מיינעם, האָב איך אַ גוט שטיקל אַרבעט נאָכצולויפן יענעם ביז גאָט העלפט עס געראָטט מיר צו באַקומען צוריק מיין „קאַפּיטאַל".

## 418. געגאַנגען שווער צו קינד

שייקע פּייפער האָט אַמאָל געבעטן ביי איינעם אַ קאַרגן ער זאָל אים אַנטלייען אויף איין טאָג אַ רובל. אויף מאָרגן ברענגט אים שייקע אָפּ צוויי רובל. פרעגט אים יענער: וואָס איז די מעשה מיט אייך וואָס איר גיט מיר אָפּ פאַר איינס, צוויי?

— גאָר פּשוט — ענטפערט שייקע — איבער נאַכט איז דער רובל געגאַנגען צו קינד און געבוירן נאָך איינעם.

— אויב איר זענט אַזאַ מאַכער — רופט זיך אָן דער קמצן — נאַט אייך אַ גאַנצן הונדערטער און לאָז ער געווינען נאָך איינעם.

— אָך, פאַרוואָס ניט? — מאַכט שייקע — מיטן גרעסטן כּבוד!

שייקע האָט גענומען דעם הונדערטער און ווייזט זיך ניט פאַר יענעם עטלעכע טעג. נאָכדעם טרעפט יענער שייקען אין גאַס, פרעגט ער אים: וואָס הערט זיך מיטן הונדערטער?

— שלעכט, זייער שלעכט! — זאָגט שייקע — איך וויל אייך גאָר ניט אָנזאָגן אַזאַ בשורה.

— וואָס איז אַזוינס ? — פרעגט דער קמצן דערשראָקן.
— וואָס זאָל זיין? ענטפערט שייקע — ס'האָט זיך געטראָפן אַן אומגליק: דער הונדערטער אייערער איז געגאַנגען נעבעך זייער שווער צו קינד און איז אַוועקגעשטאָרבן.
— וואָס דערציילט איר בבא-מעשיות געשטאָרבן? — מאַכט יענער קולות — איר האָט ניט פון וועמען חוזק צו מאַכן, צי וואָס?
— איך פאַרשטיי אייך ניט — זאָגט שייקע — געבוירן איז אייך רעכט געווען, פאַרוואָס ווילט איר ניט גלויבן איצט אויך אויף געשטאָרבן?

## 419. אַ קליינע טובה

צו אַ נגיד אַ לץ איז אַמאָל געקומען אַ ירושלים-ייד בעטן, ער זאָל אים באַהילפיק זיין אויף הוצאות-הדרך צוריקצופאָרן קיין ארץ-ישראל. דער עושר גיט אים אַ נדבה מיט דער ברייטער האַנט און זאָגט דערביי:
— מיין ליבער ייד, איר פאָרט אין יענע מקומות, האָב איך צו אייך אַ בקשה, איר זאָלט מיר טאָן אַ קליינע טובה, אָבער טאַקע גאָר אַ קלייניקייט.
— אדרבה — זאָגט דער אָרעמאַן, — איך בין גרייט צו טאָן מיטן שענסטן פאַרגעניגן.
— זייט-זשע אַזוי פיל גוט — מאַכט דער נגיד מיט אַ קול פון איינעם וואָס בעט רחמנות — נעמט מיט זיך מיט אונדזער תורהלע און טראָגט עס אָפּ אויף דעם אָרט פון וואַנען ס'איז גענומען געוואָרן, צוריק אויפן באַרג סיני.

## 420. די וועלט און יענע וועלט

אַ נגידס ווייב זאָגט דעם מאַן מיט האַרץ:
— איך זאָג דיר, מיין מאַן, מען דאַרף מקנא זיין די קבצנים, וואָס גייט זיי אָן? זיי שלעפּן זיך אַרום ליידיק און טוען ניט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, און טראָגן טראָגט זיי אויף אַלץ אין דער וועלט.
— ערגער זיך ניט אַזוי, מיין ווייב — מאַכט דער נגיד — מילא האָבן זיי, די קבצנים די וועלט; דערפאַר אָבער וועלן מיר האָבן יענע וועלט.

## 421. דווקא חם

דער סלאָנימער רב ר׳ אייזיל חריף האָט איינמאָל געזאָגט אויף אַ סלאָנימער גביר אַ שרעקלעכן קמצן:

— אויב ס׳איז אים שוין יאָ געפעלן געוואָרן צו זיין אַ „בן־נח״ *), פאַרוואָס האָט ער אויסגעקליבן צו זיין דווקא חם?

## 422. „נעבעך אַ יתום״

צו אַ גביר אַ קמצן איז מען געקומען נאָך „מעות־חטין״. קנייטשט ער זיך און דערלאַנגט גאָר אַן אָרעמע נדבה. די גבאים קוקן זיך איבער און איינער פון זיי טוט אים אַ זאָג:

— האָט קיין פאַראיבל ניט, ס׳איז אַ צו קליינע נתינה אויף אַזאַ גרויסע מצווה־זאַך, אייער עלטערער זון אַפילו, וואָס איז אַן אָרעמאַן אַקעגן אייך, האָט אונדז אויך געגעבן מיט אַ ברייטערער האַנט.

— מיין זון, זאָגט איר! — מאַכט דער קמצנישער גביר — וואָס גלייכט איר מיך צו אים — ער האָט אַ טאַטן אַ גביר, און איך בין דאָך אַ יתום!

## 423. אַן אייגענער אָרעמאַן

די גבאים פון „מעות־חטין״ זיינען געקומען צו אַ גביר, אַ געוויסן קמצן, און געבליבן איז ביי זיי נעמען וויפל ער וועט געבן — גוט איז פון אַ חזיר אַ האָר, ער האָט זיי אָבער גאָר ניט געגעבן.

— לאָזט מיר צורו — האָט ער זיי געזאָגט — איך האָב אַן אייגענעם אָרעמאַן, טאַקע מיין אָרעמען ברודער מיין איך, וואָס מען באַדאַרף אים אויך געבן אויף פסח.

אין אַ פּאָר טעג אַרום קומט דעם גבירס אָרעמער ברודער צו די גבאים בעטן עפּעס אויף יום־טוב פון „מעות חטין״.

— און דער ברודער דער גביר — פרעגן זיי אים — האָט אייך גאָרנישט געגעבן אויף פסח?

— אַפילו ניט אַ צעבראָכענעם גראָשן.

---

*) אויף אַ „בן־נח״ זאָגט די גמרא, אַז ער לאָזט זיך אומברענגען איבער אַ קלייניקייט, וואָס האָט די ווערט ווינציקער פון אַ פרוטה.

באַגעגנט דערנאָך איינער פון די גבאים דעם גביר און מאַכט צו אים מיט גרויס תרעומות:

— געזאָגט האָט איר אונדז בשעת מיר זיינען געווען ביי אייך נאָך „מעות-חטין”, אַז איר האָט אַן אייגענעם ברודער אַן אָרעמאַן, צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז אייער ברודער איז אויך געקומען צו אונדז בעטן אויף פסח.

— וואָס? — ענטפערט דער קמצן קאַלטבלוטיק — האָב איך אייך דען אַ ליגן געזאָגט? דאָס האָב איך דאָך געמיינט: אַן איי־גענעם ברודער האָב איך, וואָס באַדאַרף אויך אויף פסח, און וויבאַלד איך גיב אים גאָרניט, וועל איך נעמען און געבן פאַר גאָר ווילד־פרעמדע מענטשן!

## 424. שלום-עליכם

אַן אָרעמאַן איז געקומען נאָך אַ נדבה צו אַ גביר אַ קמצן, שטעקט אים יענער אָפּ אַ שלום-עליכם. וואונדערט זיך דער אָרעמאַן און פרעגט:

— פון וואַנען דערקענט איר עס, אַז איך בין ניט קיין היגער?

— געוויס ניט קיין היגער — ענטפערט דער גביר — וואָרעם אַלע היגע ווייסן שוין גאַנץ גוט, אַז צו מיר נאָך אַ נדבה האָט מען ניט וואָס צו קומען.

## 425. גאָטס טעות

צו איינעם אַ קאַרגן גביר אין אַ קליין שטעטל זיינען געקומען צוויי צדקה-גבאים און געבעטן ער זאָל עפּעס שענקען פאַר די אָרעמע און נויטבאַדערפטיקע פונעם שטעטל. זאָגט צו זיי דער קאַרגער גביר:

— הערט איר, מיינע ליבע יידן, מען קען גאָרניט וויסן היינטיקע צייטן, ווער ס'איז באמת אַ נויטבאַדערפטיקער און ווער ניט, און דעריבער האַלט איך זיך אָפּ און גיב גאָרניט.

— און אַז דער רבונו-של-עולם — רופט זיך אָפּ איינער פון די גבאים — ווייסט שוין יאָ וועמען ער גיט, פונדעסטוועגן מאַכט ער אויך אַמאָל אַ טעות, און גיט אַזעלכן וועמען ער וואָלט ניט גע־דאַרפט געבן.

## 426. לאָזט זיך נישט מעלקן

דער ראַיעצער מגיד קומט איינמאָל צו אַ נגיד אַ קמצן נאָך אַ נדבה אויף זייער אַ נויטיקער מצווה־זאַך. דער קמצן אָבער האָלט זיך פעסט און וויל נישט געבן קיין פּרוטה. וויפל דער מגיד רעדט איבער אים — העלפט נישט. פאַרן אַוועקגיין זאָגט אים דער מגיד:

— הערט איר וואָס איך וועל אייך זאָגן, צוליב אייך, רעכן איך, מעג מען גאָר אָן אַ שום חשש מתיר מאַכן גויישע מילך.

— וואָס הייסט? — וואונדערט זיך דער נגיד.

— גאָר פּשוט — מאַכט דער מגיד — מן־הסתם ווייסט איר דעם טעם פאַרוואָס גויישע מילך איז אָסור? דערפאַר וואָס מ'האָט מורא טאָמער וועט דער גוי נעמען און אויסמעלקן אַ בהמה טמאה און פאַרקויפן יידן די מילך אירע, פון אייך אָבער קען מען האָבן אַ קלאָרע ראיה, אַז אַ בהמה טמאה לאָזט זיך ניט מעלקן.

## 427. דאַכט זיך אַ נגיד

איינער פרעגט דעם צווייטן ווי גייט עס אים.

— דאַכט זיך איך הייב־אָן צו ווערן אַ נגיד — ענטפערט ער.

— וואָס הייסט, דאַכט זיך? איר דאַרפט דאָך וויסן צו האָט איר געלט צו ניין?

— דערווייל — מאַכט דער ייד — האָב איך נאָך קיין געלט ניט, נאָר זען זע איך אַרוים באַשיימפּערלעך, אַז איך הייב־אָן צו ווערן אַ חזיר.

## 428. כסף מטהר ממזרים

דעם רבי רב העשל פון קראָקע האָט מען געפרעגט:

— וואָס הייסט: „כסף מטהר ממזרים" („געלט מאַכט ריין ממזרים"), ווי קען עס זיין אַז געלט זאָל האָבן אַזאַ כוח צו מאַכן ריין דאָס וואָס די תורה האָלט פאַר טמא?

— דער פּשט דערפון — האָט רב העשל געענטפערט דערויף — איז אַזוי: מיר האָבן אַ קימא־לן: „מדחציף כולי האי שמע מינה ממזר הוא, הייסט עס אַז סתם אַ חצוף ווערט גערעכנט פאַר אַ ממזר. ווייבאַלד אָבער אַז אַ נגיד ווערט בטל דער כלל, ווייל „עשיר יענה עזות". און דאָס מיינט מען: „כסף מטהר ממזרים" — דער

וואָס האָט געלט, איז ווען ער ווייזט־אַרויס זיין חוצפה הענגט מען עס אָן ניט אין ממזרשאַפט, נאָר אין עזות פון אַן עושר.

## 429. קאַלטע לאַקשן

אַ קבצן קומט צו אַ בעל־הבית אַ קמצן נאָך מיטאָק־צייט און בעט עפּעס עסן.

— עס איז גאָר ניטאָ — זאָגט דער בעל־הבית — אויסער קאַלטע לאַקשן.

— וואָס איז קאַלטע לאָקשן? — מאַכט דער קבצן — אַז מ׳איז הונגעריק איז עס גאָרניט קיין שלעכט מאכל. פאַרקערט, איך האָב גאָר ליב קאַלטע לאָקשן.

— אויב אַזוי — זאָגט דער בעל־הבית — קומט אַן אַנדערש מאָל, איצט זיינען די לאָקשן נאָך הייס.

## 430. ניט קיין היגער

אַ קמצנישער גביר רופט זיך אָן בייז צו אַן אָרעמאַן, וואָס איז געקומען צו אים נאָך אַ נדבה, מיט די ווערטער:

— איר זענט ניט קיין היגער, איך וועל אייך ניט געבן קיין נדבה און לאָזט מיך געמאַך!

— וואָס הייסט, איך בין ניט קיין היגער — טענהט דער אָרע־מאַן — איך בין בפירוש יאָ אַ היגער.

— ניין! — גיט אַ מאַך דער גביר — עס קען ניט זיין! ווייל אַלע היגע קענען מיך גוט און ווייסן שוין, אַז אַ נדבה געבן איז צו מיר ניט שייך.

## 431. מבקר־חולה זיין

אַ משולח איז געקומען אין אַ שטעטל צו קלייבן געלט אויף אַ ישיבה. קומט ער נאָך אַ נדבה צו איינעם אַ גביר, וואָס זיין קמצנות איז אין לשער און מען קען ביי אים קיין מאָל ניט אַרויס־רייסן קיין פּרוטה אויף קיין זאַך. דער משולח האָט געוואוסט פריער די דאָזיקע מעלה פון דעם גביר: אַלע האָבן אים געזאָגט אַז ס׳איז אַרויסגעוואָרפן זיין מי אַהין צו גיין, ווייל ער וועט גאָר ניט באַקומען; נאָר ער האָט פונדעסטוועגן געפּרואווט, אפשר וועט אים פאַרט

גערעטן עפּעס וואָס עס איז פון אַזעלכן אויך אַרויסשלעפּן. ווי נאָר אָבער ער האָט אָנגעהויבן צו ריידן: איר האָט געוויס געהערט פיל מאָל פון אונדזער ישיבה, איך בין אַ משולח"... — שלאָגט אים דער גביר באַלד איבער די רייד:

— מיין ליבער ייד, אומזיסט אייער טרחה, פרעגט די גאַנצע שטאָט וועט מען אייך זאָגן, אַז אויף קיין זאַך, עס מעג זיין וואָס עס איז, בין איך זיך ניט נוהג צו געבן קיין נדבות.

— פון וואַנען דרינגט איר — זאָגט דער משולח — אַז איך בין געקומען נאָך אַ נדבה? געקומען בין איך גאָר אייך מבקר חולה זיין.

— וואָס הייסט מבקר חולה זיין? — וואונדערט זיך דער גביר — בין איך דען קראַנק? איך בין, ברוך־השם, געזונט, הלוואי אויף תמיד אַזוי.

— ניין, זאָגט עס ניט — מאַכט דער משולח ערנסט — בפירוש אַ חולה. שלמה המלך האָט לאַנג דערויף געזאָגט אין קהלת: „יש רעה חולה... עשר שמור לבעליו לרעתו".. דאָס הייסט, אויך דאָס איז אַ שלעכטע קרענק, פאַראַן אַזאַ מין עשירות...

— מילא, זאָל זיין קראַנק — לאַכט דער גביר — אָבער זאָגט מיר, אויב עס גייט אייך נאָר אין דער מצווה פון בקור־חולים, איז דען ביי אונדז אין שטעטל פאַראַן וויניק קראַנקע, פאַרוואָס־זשע עפּעס זענט איר געקומען צו מיר און ניט צו אַנדערע מבקר חולה זיין?

— איך וועל אייך זאָגן — ענטפערט דער משולח, — דער וואָס איז מבקר חולה, זאָגט די גמרא הקדושה, נעמט צו פונעם קראַנקן אַ זעכציקסטל פון זיין חולאת. היינט ווען איך וועל גיין מבקר־חולה זיין, אַ שטייגער, צו איינעם וואָס איז קראַנק אויף קדחת, וועל איך צונעמען אַ זעכציקסטל פון זיין קדחת. אויף וואָס טויג עס מיר? אַ זעכציקסטל אָבער פון אייער חולאת, זעט איר, איז גאָר ניט שלעכט, עס קען ווערן אַ היפּש ביסל טויזנטער.

## 432. פון היץ

גבאים פון אַ חברה זיינען געקומען צו אַ קאַרגן גביר אויפצו־מאָנען דעם פינף־און־צוואַנציקער, וואָס ער האָט צוגעזאָגט אויף דער חברה.

— ווען האָב איך צוגעזאָגט צו געבן אַזאַ היפּשע נדבה? — פרעגט דער גביר פאַרוואונדערט.

— מיר אַליין האָט איר דאָך צוגעזאָגט — רופט זיך אָן איינער פון די גבאים.

— פאַרט ווען?

— אַנומלט, ווען איר זענט, ניט היינט געדאַכט, געלעגן קראַנק און איך בין געקומען אייך מבקר־חולה זיין.

— אַזוי? — מאַכט דער קמצן — האָב איך דעמאָלט צוגעזאָגט אויף אייער חברה גאַנצע פינף־און־צוואַנציק קאַרבן? אין אַזאַ היץ בין איך עס געלעגן!

## 433. איך שוויץ

אַ גביר אין אַ שטעטל, אַ גרויסער דבר־אחר, וואָס האָט קיין מאָל ניט געגעבן קיין גראָשן אויף צדקה, איז געלעגן שטאַרק קראַנק, און דער באַרימטער דאָקטאָר, וועלכן מען האָט אַראָפּגעבראַכט פון דער גרויסער שטאָט, האָט געזאָגט אַז דער חולה איז מסוכן, ער קען נאָר גענעזן ווערן אויב ער וועט גוט שוויצן. אַלע מיטלען דערצו האָבן אָבער ניט געהאָלפן — דער קראַנקער האָט ניט געשוויצט.

דערווייל האָבן זיך מישב געווען די ראשי־הקהל און געקומען צום קראַנקן רעדן איבער אים ער זאָל אָנשרייבן אַ צוואה און איבער־לאָזן עפּעס אויף אַ קהל־זאַך.

— לאָז גאָט געבן — האָבן זיי אים געזאָגט — איר זאָלט אויפשטיין פון בעט אַ געזונטער און לעבן נאָך לאַנגע לאַנגע יאָר, אָבער אַ מענטש לעבט ניט אייביק און סוף אדם ווייסט מען דאָך, דאַרף זיך דער מענטש פאַרזאָרגן צידה לדרך, די צדקה וועט אייך ביישטיין און אין דעם זכות וועט איר ווערן גענעזן.

הכלל, זיי האָבן איבער אים גערעדט אַזוי לאַנג ביז ער איז באַשטאַנען אָפּצושרייבן פאַרן קהל אַן אַלט הייזל זיינס אין עק שטאָט. די ראשי־הקהל האָבן ניט געוואַרט און איינער פון זיי האָט באַלד גענומען שרייבן. אין מיטן גיט דער גביר אַ געשריי:

— וואַרט, וואַרט, שרייבט ניט וויטער! איך שוויץ!

## 434. בלויז איין דאגה

אַן אָרעמאַן האָט זיך געקלאָגט פאַר פסח פאַר זיינעם אַ קרוב אַ גביר אַ קמצן:

— מיין קאָפּ ווערט מיר ממש צעשפּאָלטן פאַר הונדערטער דאגות, און דאָ גייט נאָך אַזאַ יום-טוב און מ׳איז, קיין עין-הרע, אַזאַ משפּחה, מען דאַרף דאָס, יענץ.

רופט זיך אָן דער גביר:

— זעץ זיך אַנידער און רעכן מיר אויס אויף וואָס דו דאַרפסט און איך וועל פאַרשרייבן.

דער אָרעמאַן האָט זיך דערפרייט און נעמט רעכענען דאָס נויטיקסטע:

— מצות — אַכט רובל, קאַרטאָפל — דריי, הייגנט דערצו שיך — צען, מלבושים — צוואַנציק, און דירה-געלט אויך צוואַנציק.

דער גביר פירט אונטער דעם סך-הכל.

— דאַרפסטו, הייסט עס, — מאַכט ער — 61 רובל, אָט אַזוי האָסטו איצט שוין ניט קיין הונדערטער דאגות, נאָר בלויז איין דאגה: ווי קריגט מען 61 רובל?

## 435. אַן אמתער באַווייז

אַמאָל איז געשטאָרבן אַ גביר, וועלכער איז געווען ביים לעבן אַ שרעקלעכער קמצן און קיין מאָל ניט געגעבן קיין גראָשן אויף צדקה. אַלע זיינע קינדער האָבן געוויינט, נאָר דער איידעם זיינער איז זיך אַרומגעגאַנגען קאַלט ווי גאָר אַ זייטיקער מענטש. נאָר אַז מ׳האָט גענומען קלאַפּן מיט די פּושקעס „צדקה תציל ממות״, האָט ער זיך ערשט דעמאָלט פאַנאַנדערגעוויינט, זאָגנדיק דערביי:

— ביז אַהער האָב איך אַלץ ניט געגלויבט אַז מיין שווער איז געשטאָרבן, אָבער איצט אַז מען קלאַפּט מיט די פּושקעס אויף צדקה און ער אַנטלויפט ניט — איז עס אַן אמתער באַווייז אַז ער איז טאַקע געשטאָרבן.

## 436. פאַרוואָס ביסטו אַ חזיר

איינמאָל קומט אַן אָרעמאַן צו זיינעם אַ רייכן קרוב, וואָס איז געווען אַ גרויסער קמצן, מיט אַ בקשה ער זאָל אים מיט עפּעס

באַהילפיק זיין. דער רייכער קרוב ענטפערט אים באַלד אָפּ קורץ און שאַרף, אַז ער קען אים העלפן נאָר מיט אַ קרעכץ. רופט זיך אָן צו אים דער אָרעמאַן:

— איצט איז מיר רעכט געוואָרן פאַרוואָס דער הונט בייסט דעם חזיר ביים אויער. דער הונט, פאַרשטייט איר, איז אַ ביטערער קבצן: ער מוז נעבעך שטיין ביים קצבס קלאָץ און אַרויסקוקן ביז דער קצב וועט זיך אויף אים מרחם זיין אַמאָל און צוואַרפן אים אַ ביין, און אָפּטמאָל באַקומט ער גאָר אָנשטאָט אַ ביין אַ האַק אין קאָפּ. דעם חזיר אָבער איז גוט ווי די וועלט, וואו ער גייט האָט ער זיין עסן בשפע. און אָט דערפאַר טאַקע נעמט-אָן דער הונט דעם חזיר ביים אויער און שרייט: ביסטו יאָ אַזאַ עושר, פאַרוואָס ביסטו נאָך אַ חזיר?

## 437. אָן איבעריקע זאַך

מ'איז געקומען צו אַ גביר אַ קמצן נאָך אַ נדבה צו מאַכן אַ צוים צום בית-הקברות.

— איך האָב פיינט — זאָגט דער גביר — געבן אויף אָן איבעריקער זאַך. זאָגט אַליין: אויף וואָס דאַרף מען דעם צוים? די טויטע וועלן ניט אַרויסקריכן פון זייערע קברים, און די לעבעדיקע ווילן ניט אַריינקריכן אין די קברים. הייַנט צו וואָס דאַרף מען אַ צוים?

## 438. אַ בעלן צו ויסן

אַ ייד אַ קבצן האָט חשק געהאַט צו האַלטן שבת ביי איינעם אַ רייכן גאָלדהענדלער, וועלכער האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר אַ קמצן וואָס לאָזט נישט קיין אָרעמאַן צו זיך אויפן שוועל. פאַלט ער אויף אַזאַ איינפאַל: ער קומט צוגיין צום גאָלדהענדלער שבת פאַרנאַכט מיט אַ ציגל אין דער האַנט און זאָגט אים:

— געקומען בין איך צו אייך פון אַ קליין שטעטל און געוואָלט וויסן וויפל קענט איר געבן פאַר אַ שטיק גאָלד גרויס ווי דער דאָזיקער ציגל.

דער רייכער קמצן האָט געקלערט אַז עס שטעקט דאָ אַ היפּש פאַרדינסטל, רופט ער זיך אָן צום אָרעמען יידן:

— איצט, ליבער ייד, איז באַלד שבת, ניט קיין צייט אויף צו

מאַכן געשעפטן. איר פאַרברענגט ביי מיר שבת און שבת־צו־נאַכטס וועלן מיר שמועסן.

דער אָרעמאַן האָט געהאַט דעם אמתן פעטן שבת, הלוואי אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן.

געקומען שבת־צו־נאַכטס נאָך הבדלה זאָגט דער גאָלדהענדלער שטאַרק אויפגעלעגט צום יידן:

— איצט, זייט מוחל, ברענגט אַהער אייער שטיק גאָלד, וועלן מיר עס נעמען באַטראַכטן.

— וואָס פאַר אַ שטיק גאָלד? — פרעגט יענער גאַנץ תמע־וואַטע.

— וואָס הייסט, איר זענט דאָך נעכטן פאַרנאַכט מיר געקומען פרעגן די פרייז פון אַ שטיק גאָלד גרויס ווי דער ציגל?

— האַ, דאָס מיינט איר — מאַכט דער אָרעמאַן — איך בין גלאַט געווען נייגעריק, פאַרשטייט איר, אַ בעלן געווען צו וויסן וויפל איר וואָלט מיר געגעבן ווען איך האָב, אַ שטייגער, אַזאַ שטיק גאָלד גרויס ווי דער ציגל.

## 439. קרן מיט רווחים

איינער אַ זקן, אַ שטאַרק רייכער און אַ שרעקלעכער קאַרגער, איז קראַנק געוואָרן און געהאַלטן ביים שטאַרבן. געלעבט האָט ער איינער אַליין, ניט געהאַט קיין ווייב און קיין קינד. שיקט ער רופן צו זיך דריי פיינסטע שטאָט־בעלי־בתים און זאָגט זיי אַזוי:

— איך גיי, ווייזט־אויס, פון דער וועלט. קיין יורש האָב איך ניט. לאָז איך איבער מיין גאַנץ פאַרמעגן אין אייערע הענט און איר זאָלט זען פאַרטאָן מיין געלט אין זיכערע הענט אויף אַ גוטן פראָצענט.

— און וואָס זאָלן מיר טאָן דערנאָך מיטן געלט? — פרעגן זיי אים.

— דאָס געלט מיטן פראָצענט — ענטפערט ער — דאַרף זיין אָפגעהיט און באַוואָרנט ביז אַלע וועלן אויפשטיין תחית־המתים, דעמאָלט וועט איר מיר אָפגעבן צו דער האַנט דעם גאַנצן קרן מיט די רווחים.

## 440. גאָר אַנדערש געמאָלט

אַן אָרעמאַן איז געקומען צופאָרן צו זיינעם אַ רייכן ברודער. דער רייכער פרעגט ניט דעם גאַסט וואָס ער און דאָס הויזגעזינד זיינס מאַכט און ווי אַזוי עס לעבט זיך זיי, נאָר ער האַלט אים אין איין דערציילן פון זיך, ווי גוט עס לעבט זיך אים, קיין עין־הרע, און ער פירט אַרום דעם ברודער איבער די ברייטע און שיינע צימערן, באַוויזט אים מיט גרויס שטאָלץ דאָס שיינע אויסלענדישע מעבל און באַזונדערס די פּראַכטפולע בילדער, מיט וועלכע אַלע ווענט זיינען באַהאַנגען.

— האַ, וואָס זאָגסטו, ברודער? — פרעגט דער גביר מיט אַ שיינענדיק פּנים — אמת, קיין גרויסער מבין אויף אַזעלכע זאַכן, פאַרשטיי איך, ביסטו ניט, ווי קומט עס צו דיר? אָבער דאָך, מעגסטו זיך פאַרגינען צו באַטראַכטן ווי שיין די בילדער זיינען געמאָלט.

דער אָרעמער ברודער קוקט און באַטראַכט, שאָקלט צו מיטן קאָפּ און מאַכט דערביי מיט אַ ביטער שמייכעלע:

— און ביי מיר אין דער היים, זעסטו איז גאָר אַנדערש געמאָלט.

— וואָס הייסט?

— ביי מיר אין דער היים, ברודער, איז געמאָלט, פאַרשטייסטו מיך, איך זאָל ניט האָבן אויף שבת.

## 441. דער שידוך געפעלט ניט

צו איינעם אַ גביר איז געקומען צופאָרן זיינער אַן אָרעמער קרוב בעטן אים מיט עפּעס באַהילפיק צו זיין: די עלטערע טאָכטער זיינע, אַ בתולה שוין גאָר היפּש אין די יאָרן, איז, למזל, אַ כלה געוואָרן און די טעג דאַרף, אין אַ גוטער שעה, זיין דאָס קנסמאָל, און טאַקע גאָר אין גיכן די חתונה אויך. פאַרשטייט זיך, אַז צו אַזאַ זאַך דאַרף מען היינטיקע צייטן זיך גוט אונטערגאַרטלען. און דער אָרעמער קרוב נעמט אויסרעכענען פאַרן רייכן אַ גאַנץ צעטל, וואָס אַזאַ עסק פאָדערט הוצאות. דער נגיד זיצט זיך און רויכערט גאַנץ געמיטלעך דעם פּאַפּיראָס און הערט־אויס אַלצדינג ביזן סוף. דערנאָך גיט ער אַ פרעג דעם קרוב:

— זאָג מיר, איך בעט דיך, איך וויל הערן מיט וועמען טוסטו עס דעם שידוך?

דער אָרעמער קרוב נעמט אים דערציילן ווער דער מחותן איז און וואָס איז אַזוינס דער חתן.

— אויב אַזוי — מאַכט דער נגיד — מוז איך דיר זאָגן דעם אמת, אַז דער שידוך הויבט מיר גאָרניט אָן צו געפעלן.

— ס׳טייטשט, וואָס רעדט איר? די גאַנצע וועלט, וועמען איר וועט אַ פרעג טאָן, וועט אייך זאָגן, אַז ס׳איז פאַר מיין טאָכטער אַ גליקלעכער שידוך.

דער גביר גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און זאָגט מיט אַ פעסטן קול:

— וואָס טויג דיר, וואָס די וועלט זאָגט? דו הער בעסער וואָס איך זאָג דיר: נעם און פאַר געזונטערהייט אַהיים און שלאָג זיך די זאַך אַרוים פון קאָפּ; איך זאָג דיר בפירוש, אַז דער שידוך געפעלט מיר כלל וכלל ניט.

## 442. אַ תקנה פון די „אַרבע ארצות“

דער ווילנער גאון האָט אָפּגעמאַכט מיט די ווילנער שטאָט־פּרנסים, כדי מען זאָל אים ניט צו אָפּט מבטל זיין פון תורה, אַז מען זאָל אים ניט רופן אויף קיין שטאָטישע אַסיפות, סיידן עס וועט זיך האַנדלען וועגן זייער אַ וויכטיקער זאַך, אַ שטייגער צו מאַכן אַ נייע תקופה.

איין מאָל האָבן די פּרנסים געוואָלט איינפירן אַ נייע תקנה, אַז קיין פרעמדע אָרעמעלייט זאָל מען אין ווילנע ניט אַריינלאָזן. האָט מען געשיקט בעטן דעם גאון ער זאָל קומען אויף דער אַסיפה.

דער גאון איז געקומען, הערט ער וואָס פאַר אַ נייע תקנה מען וויל איינפירן. זאָגט ער צו די פּרנסים.

— איך האָב דאָך מיט אייך בפירוש אָפּגעמאַכט, אַז רופן זאָלט איר מיך נאָר דעמאָלט ווען מען וויל מאַכן אַ נייע תקנה.

— יאָ, רבי — ענטפערן זיי — וועגן מאַכן אַ נייע תקנה האָבן מיר צונויפגערופן די היינטיקע אַסיפה.

— וואָס פאַר אַ נייע תקנה? — זאָגט דער גאון — דאָס איז דאָך אַן אַלטע תקנה פון די „ארבע ארצות“.

— פון די ארבע ארצות! — חידושט זיך איינער פון די

פּרנסים — דאַכט זיך אין פּנקס פון די אַרבע ארצות איז אַזאַ תקנה ניט דערמאָנט.

— ניט די היינטיקע ארבע ארצות מיין איך — זאָגט דער גאון — איך מיין די ארבע ארצות פון גאָר אַמאָליקע יאָרן: „סדום ועמורה, אדמה וצבוים", אַט יענע האָבן נאָך געהאַט אַזאַ תקנה ניט אַריינצולאָזן צו זיך קיין אָרעמע לייט.

## 443. קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט קיין אָרעמאַן

אַ גביר אַ קמצן האָט זיך באַרימט:

— הערט איר, אויף מיין לעבן האָב איך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט קיין אָרעמאַן, וואָס קומט צו מיר נאָך אַ נדבה, נאָר איך לאָז אים שטיין אַזוי לאַנג ביז די פיס ווערן אים געשוואָלן, שטויסט ער זיך שוין אַליין אָן, אַז ער האָט ניט געטראָפן דאָ דאָס אָרט און לאָזט זיך גיין זיין וועג.

## 444. דער אמתער יורש

אַן אָרעמאַן קומט איין מאָל צום גביר פון שטאָט בעטן אַ היפּשע נדבה אויף חתונה צו מאַכן זיין בת־יחידה, וואָס איז אַ כלה שוין עטלעכע יאָר. דער גביר גיט אים אַ שיינע נדבה.

אויף מאָרגן דערוויסט זיך דער גביר, אַז דעם אָרעמאַנס טאָכטער איז טויט שוין זייט אַ פּאָר יאָר. פאַרדריסט אים שטאַרק דאָס אָפּנאַרן און ער שיקט רופן דעם אָרעמאַן און זאָגט אים מיט כעס:

— אַ שיינע זאַך פון אייער זייט, קומען אָפּנאַרן און נעמען אַ נדבה פאַר אַ חתונה פון אַ טאָכטער, וועלכע איז שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ?

— איך פאַרשטיי אייך ניט — מאַכט דער אָרעמאַן — דאַכט זיך, אַז מיין טאָכטער איז געשטאָרבן, בין איך דער אמתער יורש און ניט איר.

## 445. אַ בעל־רחמנות

אַן אָרעמאַן איז אַריינגעקומען צו אַ פאַרמעגלעכן יידן נאָך אַ נדבה. טרעפט ער אים אין זאַל ווי ער שטייט אין טלית און תפילין און זאָגט „ברוך שאמר". יענער האָט דערזען דעם אָרעמאַן מיט די

קויטיקע שטיוול, מאַכט ער צו אים מיט אַ בייזער: „נו, נו... ארץ, ארץ!" דאָס הייסט, אַז ער שמירט אוים מיט זיינע שטיוול די ריינע פּאָדלאָגע, און דערביי ווייזט ער אים מיט דער האַנט צו דער טיר. רופט זיך אָן דער אָרעמאַן:

— איר זענט אַ בעל־רחמנות און לאָזט ניט אָנרירן די ערד. זייער וואויל, ווי שטייט עס טאַקע אין „ברוך שאמר" דאָרט: „ברוך מרחם על הארץ" (געלויבט איז דער וואָס האָט רחמנות אויף דער ערד), באַלד אָבער דערביי שטייט דאָרט אויך: „ברוך מרחם על הבריות" (געלויבט איז דער וואָס האָט רחמנות אויף לייטן), און פון דעם, ווייזט אוים, הויבט איר גאָר נישט אָן צו האַלטן.

## 446. צעבּרעכט דאָס האַרץ

אַן אָרעמאַן איז געקומען צו אַ באַקאַנטן גביר, טרעפט ער אים ביים פרישטיק און נעמט אויסדערציילן פאַר אים זיין ביטער האַרץ, ווי דאָס ווייב זיינס ליגט טויט־קראַנק און געשוואָלן, די קינדערלעך וואַלגערן זיך נאַקעט און באָרוועס און גייען אוים פאַר הונגער. דער גביר פּאַקט אויף ביידע באַקן און לאָזט אַרוים אַ קרעכץ איין מאָל און אַ צווייט מאָל, און יענער האַלט אין איין דערציילן ווייטער זיינע צרות. טוט דער גביר אַ געשריי צום משרת זיינעם, וואָס האָט אים דערלאַנגט די גוטע גלאָז קאַווע:

— הער נאַר, דו! אַנו נעם אים אָן און וואַרף אים אַרוים, וואָרעם ער צעבּרעכט מיר דאָס האַרץ.

## 447. געשיקט פון „דלות"

צו אַ גביר, אַ רעכטן דבר־אחר, איז געקומען אַן אָרעמאַן בעטן אַ נדבה. פאַלט אויף אים אָן דער גביר מיט קולות און געשרייען:

— וואָס קריכן זיי אַהער, די קבצנים, צו אַלדע שווארצע יאָר? איר ווייסט דען ניט, אַז אָנקוקן קען איך ניט אייערע לייט און קיין נדבות גיב איך ניט — און לאָזט מיך געמאַך!

— הערט איר — מאַכט דער אָרעמאַן — איך האָב עס כשר פאַרדינט. וואָס האָט מיר געטויגט גיין צו אייך? גלייכער עס זאָל קומען צו אייך טאַקע דער אַליין, וואָס האָט מיך אַהער געשיקט.

— וואָס הייסט — פייערט דער גביר — ווער האָט עס געהאַט אַזאַ חוצפּה, אייך צו מיר צו שיקן?

— ווער, פרעגט איר? — זאָגט דער אָרעמאַן — געשיקט האָט מיך צו אייך דער „דלות".

## 448. נישט אַזאַ אויסברענגער

מיך וואונדערט שטאַרק אויף אייך — האָט איינער אַמאָל געזאָגט צו אַ גביר — איר פאַרמאָגט אייער אייגנם אַזוי פיל צירונג, נאָר איין צירונג פעלט אייך.

— דהיינו למשל? — פרעגט דער גביר.

— איר ווייסט די גמרא — זאָגט יענער — יאי עניותא לישראל (יידן איז שיין צוגעפּאַסט דאָס אָרעמקייט) און אָט דאָס צירונג פעלט אייך.

— איך בין ניט אַזאַ אויסברענגער — זאָגט דער גביר — פון יענע מיני שאַרלאַטאַנעס, וואָס זאָל פאַרשווענדן מיין גאַנץ פאַרמעגן צוליב איין איינציקע צירונג.

## 449. פון אַן אויסשטעלונג

איינער באַגעגנט זיינעם אַ באַקאַנטן און פרעגט אים: פון וואַנען ער גייט?

— איך גיי איצט פון אַן אויסשטעלונג — ענטפערט יענער — דער בעל־הבית האָט אַרויסגעשטעלט מיינע זאַכן אויף דער גאַס.

## 450. צעטיילן די אַרבעט

אַ פּאָר יידישע יונגעלייט פון דער חברה סאָציאַליסטן זיינען געקומען אַמאָל צום ווילנער מגיד ר' וועלוועלע און אים געזאָגט:

— רבי, זאָגט אַליין וואו איז באמת דער יושר, אַז די נגידים, די קאַפּיטאַליסטן זאָלן פאַרנעמען די גאַנצע וועלט און לעבן ווי די פּריצים, און די אָרעמע אַרבעטער וואָס האָרעווען מיטן ביטערן שווייס זאָלן ווערן פאַרשוואַרצט אויף זייער גאַנץ לעבן? און דעריבער זיינען מיר איצט געקומען צו אייך, רבי, אַזוי ווי איר האָט אויפן עולם אַ גרויסע השפעה, זאָלט איר טאַקע זען וועגן דעם אויפקלערן דעם עולם.

— איר זענט געווים גערעכט — זאָגט דער מגיד — און איך וועל אוודאי זען אייך מיטהעלפן אין דער זאַך. נאָר ווייסט איר וואָס,

קינדער, לאָמיר נעמען און צעטיילן צווישן זיך די אַרבעט: גייט איר נאָר און פּועלט פון איין צד, אַז די קאַפּיטאַליסטן זאָלן געבן, און איך וועל שוין פּועלן ביים אַנדערן צד, אַז די אָרעמע לייט זאָלן נעמען.

## 451. אַ מזומן לעולם הבא

דער דובנער מגיד איז אַמאָל געקומען אין אַ שטעטל צו זאַמלען נדבות אויף פּדיון שבויים. זאָגט מען אים, אַז צו דעם און דעם גביר זאָל ער זיך גאָר ניט פּרואוון אַריינגיין. אמת — ער איז שטאַרק רייך, אָבער ער איז אַ גרויסער דבר־אחר, און ס'איז ביי אים אומ־מעגלעך עפּעס אַרויסשלעפּן אַ נדבה.

דער דובנער מגיד האָט זיך דאָך געפּרואווט גיין צו יענעם

— רבי — זאָגט אים דער קמצן — האָט קיין פּאַראיבל ניט, איך בין זיך ניט נוהג צו געבן קיין נדבה, די גאַנצע שטאָט ווייס עס.

— ווייסן ווייס איך עס אויך, נאָר איך בין געקומען אייך אָנ־זאָגן, אַז דערפאַר זענט איר „מזומן לעולם הבא" — מאַכט דער מגיד און לאָזט זיך אַוועקגיין.

דעם גביר זיינען די ווערטער אַריין אין נאָז און ער האָט ניט געקענט רוען. רופט ער צוריק דעם מגיד און זאָגט אים צו אַ שיינע נדבה, ער זאָל אים דערקלערן דעם מיין פון זיינע ווערטער.

— פאַרשטייט איר, — זאָגט דער דובנער מגיד — ס'איז אַמאָל געשטאָרבן אַ גביר אַזאַ קמצן ווי איר. האָט ער אָנגעזאָגט פאַרן טויט מען זאָל מיט אים באַגראָבן זיין גאַנץ גאָלד אין קבר. אַז דער מלאך הדומה איז דערנאָך צו אים געקומען אין קבר און פרעגט אים, ווי דער שטייגער; מה שמך? דערלאַנגט אים דער מת אַ גאָלדן רענדל. ווערט דער מלאך דומה מטושטש: וואָס הייסט דאָס? דערציילט עס באַלד אין פּמילא של מעלה, בלייבט, מען זאָל זוכן אין דער געשיכטע: צי האָט זיך שוין געטראָפן אַזאַ צופאַל? האָט מען געזוכט צווישן אַלע מתים זינט די וועלט שטייט און מ'האָט געפונען אַז נאָך אין משהס צייטן איז קורח איינגעזונקען געוואָרן מיט זיין גאַנץ גאָלד.

הייסט עס, אַז עס איז שוין דאָרט פאַראַן צוויי אַזעלכע, איצט זעט־אויס, אַז איר טראַכט אויך מיטצונעמען אייער גאַנץ רייכקייט

מיט זיך אין קבר אריין, אַז איר וועט קומען אַהין מיט אייער גאָלד וועט איר שוין זיין צוזאַמען אַ מזומן לעולם הבא.

## 452. אַ ראשון בראשון

אַן אָרעמאַן איז געקומען צו אַ רייכן קרוב בעטן הילף אין אַ נויט, און יענער האָט אים אָפּגעזאָגט. זאָגט צו אים דער אָרעמאַן מיט פאַרדראָס:

— צו וועמען זאָל איך זיך ווענדן אויב ניט צו אייך? איר זענט דאָך מיר עפּעס אַ „שני בשני"!

— איך ווייס — מאַכט דער נגיד דער קמצן — אַז איך בין אייך אַ „שני בשני". דאָס געלט איז מיר אָבער אַ „ראשון בראשון".

## 453. גוט שפּילן

אַ הינקעדיקער בעטלער איז צוגעגאַנגען אין גאַס צו אייזיק-מאיר דיק מיט זיינעם אַ פריינד, און מיט שטאַרקע רחמנות-העויות געבעטן אַ נדבה. נעמט אַרויס אייזיק-מאיר אַ שיינע נדבה און גיט יענעם. רופט זיך אָן דער פריינד:

— איך בין איבערצייגט אַז ס'איז אין גאַנצן אַן אָנשטעל, ער שפּילט נאָר אַ קאָמעדיע.

— פאַר אַזוי גוט שפּילן — ענטפערט אייזיק-מאיר — האָט די וועדט דאָפּלט.

## 454. מכבד עשירים

אַ גביר האָט געהאַט ביים רב אַ דין-תורה מיט אַן אָרעמאַן, האָט דער רב געפונען, אַז גערעכט איז דער אָרעמאַן, רופט זיך אָן דער גביר צום רב מיט אַ נגידישער עזות:

— איך מוז אייך זאָגן, אַז איך ווייס נישט, צי איך מעג אייך אויף ווייטער רופן „רבי", ווייל אויף רבין ווייסט איר דאָך וואָס די גמרא זאָגט: „רבי מכבד עשירים", און איר זענט זיך ניט אַזוי נוהג ווי רבי.

— איר האָט אַ טעות אין פשט — זאָגט דער רב — „רבי מכבד עשירים" האָט גאָר אַן אַנדער מיין. אויב איר געדענקט, געפינט זיך אין משנה אַזוי: „חרש שוטה וקטן פגיעתם רעה, הם שחבלו

באחרים פטורים ואחרים שחבלו חיבים" (אַ טויבער, אַ נאַר און אַ קליינער איז שלעכט מיט זיי זיך צו באַגעגענען, ווען זיי שעדיקן יענעם, זיינען זיי פטור, אז יענער שעדיקט זיי איז ער חיב). וואָלט איינגנטלעך רבי, וועלכער האָט מסדר געווען די משנה, באַדאַרפט צו די דריי נאָך צורעכענען פאַר אַ פערטן דעם רייכן אויך, וואָס געהערט געוויינלעך אויך צו דעם דאָזיקע מין. נאָר רבי האָט ניט געוואָלט דעם גביר אָנטאָן אַזאַ אום-כבוד און ער האָט אים אין יענע משנה ניט אַריינגעשטעלט. אָט מיט וואָס רבי האָט אַרויסגעוויזן אַז ער איז מכבד די עשירים!

# אביונים און שנאָרער. מקבלים

## 455. צוויי הונדערט קאַרבן

צוויי באַקאַנטע ליטוואַקעס,ביידע רעכטע אביונים, וואָס האָבן שוין געוואוינט אין וואַרשע היפּשע עטלעכע יאָר, האָבן זיך באַגעגנט אין גאַס. פרעגט איינער דעם אַנדערן:

— וואָס מאַכסטו עפּעס, גוטער ברודער? שוין אַ צייט ניט געזען. ווי גייט עס דאָ אין וואַרשע?

— עט — ענטפערט יענער — מען לעבט ווי עס איז, אַלץ בעסער ווי געשטאָרבן. און דו?

— מיר וואָלט געוועזן גאָר ניט שלעכט, ניט צו פאַרזינדיקן, אַבי מען האָט אַ שטיקל ברויט. וואָס דאַרף אַ ייד מער? האָב איך אָבער, ניט פאַר דיר געדאַכט, אָפּגעקרענקט צוויי חדשים צייט און פאַרקרענקט גאַנצע צוויי הונדערט קאַרבן.

— אָווא, צוויי הונדערט קאַרבן זאָגסטו? אַ שאָד, ווי איך בין אַ ייד! ביי אונדז אין ליטע וואָלסטו דאָך פאַר דעם געלט געקענט קרענקען אפשר צוויי יאָר.

## 456. דער נשרף

אַן אָרעמאַן איז געקומען אין אַ שטאָט קלייבן נדבות און האָט געזאָגט אויף זיך, אַז ער איז פון אַ קליין שטעטל, וואָס איז אַוועק אין גאַנצן מיטן פייער. פרעגט מען אים:

— וואו איז אייער כתב צו באַווייזן, אַז איר זענט באמת אַ נשרף?

— דער כתב — ענטפערט ער — איז אויך אין גרויסן פייער פאַרברענט געוואָרן.

## 457. אויך געליטן

אין אַ קליין שטעטל איז געווען אַ גרויסע שריפה. גאַנצע גאַסן זיינען אַוועק מיטן פייער און פיל פאַרמעגלעכע זיינען געוואָרן שרעקלעכע אביונים. פון אַרומיקע שטעט זיינען אָנגעקומען היפּשע נדבות פאַר די געליטענע. קומט איינער אַן אָרעמאַן, וואָס צו זיין שטיבל איז דאָס פייער ניט צוגעקומען, און פאַרלאַנגט מען זאָל אים אויך געבן אַ חלק.

— וואָס, איר האָט דען אויך געליטן פון דער שריפה? — פרעגט אים דער גבאי, וואָס צעטיילט די אָנגעקומענע נדבות.

— אַוודאי האָב איך אויך געליטן — ענטפערט ער — איך האָב אויך, גלייך ווי אַלע, זיך שטאַרק דערשראָקן.

## 458. גמרא . . .

אַן אָרעמאַן איז געקומען אין דער פרי צום גביר פון שטעטל ר׳ אַנשיל נאָך אַ נדבה און פאַרלאַנגט מען זאָל אים צולאָזן צום גביר אליין. זאָגן אים די שטוב-מענטשן:

— ר׳ אַנשיל איז איצט שטאַרק פאַרנומען און האָט קיין צייט ניט.

— איך האָב צו זאָגן — בעט זיך דער אָרעמאַן — ניט מער ווי איין און איינציק וואָרט.

דערהערט עס דער גביר, גייט ער אַרויס צום אָרעמאַן און מאַכט צו אים:

— זאָגט, רב ייד, דאָס איינע וואָרט וואָס איר האָט צו זאָגן, אָבער טאָקע איין וואָרט ניט מער.

דער אָרעמאַן טוט זיך העפלעך אַ בייג און זאָגט:

— גמרא.

— וואָס מיינט איר דערמיט? — פרעגט אים דער גביר.

— „גמרא" מאַכט: גוט מאָרגן, ר׳ אַנשיל — ענטפערט דער אָרעמאַן.

— גוט מאָרגן, גוט יאָר. נו, און מער האָט איר גאָר ניט וואָס צו זאָגן?

— גמרא — מאַכט ווידער דער אָרעמאַן.

— וואָס הייסט עס ווידער?

— דאָס הייסט: גיט מעות, ר׳ אַנשיל!

דער גביר שמייכלט און דערלאַנגט אים אַ נדבה. דער אָרעמאַן נייגט זיך ווידער און זאָגט אַ דריט מאָל:

— גמרא.

— וואָס הייסט עס נאָך?

— עס הייסט נאָך: גיט מער, ר' אַנשיל!

## 459. ווידער די זעלביקע קשיא

אַן אָרעמאַן קומט אַריין צום רב פון שטעטל:

— רבי — זאָגט ער — מיך אַרט אַ האַרבע קשיא: ואם תאמר מה נאכל?

דער רב נעמט אַרויס אַ מטבע און גיט דעם אָרעמאַן.

אויף מאָרגן קומט דער אָרעמאַן ווידער.

— וואָס ווייטער? — פרעגט דער רב.

— פאַרשטייט איר מיך, רבי, איך האָב נעכטן גוט איבער־געקייט דעם תירוץ, איז מיר ווידער פאַרבליבן די זעלביקע קשיא.

## 460. אַ גאַנץ זיכערע רפואה

אַ געוויסער שנאָרער איז געקומען אין אַ גרויסער שטאָט און האָט געוואָלט אַריינגיין נאָך אַ נדבה צו איינעם פון די גרויסע נגידים; האָט מען אים אָבער אַהין ניט אַריינגעלאָזט, ווייל דער נגיד איז געלעגן אין בעט געפערלעך קראַנק. דער שנאָרער איז אָבער ניט אָפּגעשטאַנען און האָט פאַרלאַנגט מען זאָל אים צולאָזן צום קראַנקן, פאַר וועלכן ער האָט אַ זיכערע רפואה. וויבאַלד עס האַנדלט זיך וועגן אַ רפואה האָט מען אים צוגעלאָזט. דער שנאָרער איז צוגע־גאַנגען צום חולה און זאָגט אים:

— איך קען אייך געבן אַ גאַנץ זיכערע רפואה, וועט איר מיך דערפאַר פאַרגיטיקן?

— וואָס פרעגט איר? — מאַכט דער חולה — געוויס וועל איך אייך באַלוינען אויפן שענסטן אופן. זאָגט וואָס פאַר אַ רפואה האָט איר?

— פאָרט באַלד קיין מעזריטש.

— וואָס עפּעס מעזריטש? דאָרטן איז אַזאַ לופט אַ גוטע, צי אפשר געפינט זיך דאָרט עפּעס אַ דאָקטאָר אַ גרויסער מומחה?

— ניין, ניט דאָס. נאָר איך אַליין בין אַ דאָרטיקער, אַ מעז־

ריטשער הייסט עס, און קען עדות זאָגן, אַז זינט די וועלט שטייט האָט זיך נאָך ניט געמאַכט, אַז ביי אונדז אין מעזריטש זאָל אַ גביר האָבן געשטאָרבן.

## 461. ניט קיין קרוב

אַן אָרעמאַן איז נאָכגעגאַנגען נאָכן גרויסן בראָדסקים לוויה און אַלע מאָל אַרויסגעלאָזט אַ טיפן קרעכץ פונעם האַרצן. פרעגט אים איינער:

— וואָס קרעכצט איר אַזוי, רב ייד? ס'איז אייערער אַ נאָענטער קרוב?

— ניין — ענטפערט דער אָרעמאַן — דער געשטאָרבענער גביר געהער מיר ניט אַן קיין שום קרוב, און אָט דערפאַר טאַקע קרעכץ איך און זיפץ אַזוי.

## 462. אָט דאָס הייסט געלעבט

אויפן פראַנקפורטער בית-עולם איז געקומען אַן אָרעמאַן, שטעלט זיך אָפּ ביי ראָטשילדס זעלטן שיינער און פּראַכטפולער מצבה, באַטראַכט זי און באַטראַכט זי זייער לאַנג פון אַלע זייטן און זאָגט צו זיך אַליין:

— אָט דאָס הייסט געלעבט אויף דער וועלט!

## 463. צוויי מיידלעך אויף איין פּיאַנע

אַ שנאָרער פון אַ קליין שטעטל איז געוועזן איינמאָל אין קיעוו ביים גרויסן גביר בראָדסקי. געקומען דערנאָך אַהיים צו זיך אין שטעטל דערציילט ער וועגן די חידושים, וואָס ער האָט זיך אָנגעזען אין דער גרויסער שטאָט קיעוו. און בפרט אין הויז פונעם מיליאָנער בראָדסקי.

— אמת, איך מוז אייך זאָגן — האָט ער צוגעגעבן — אַז דער דאָזיקער בראָדסקי וויזט אויס צו זיין, צווישן אונדז גערעדט, אַ גרויסער דבר-אחר, אַ קמצן הייסט עס. שטעלט אייך פאָר, וואָס איך האָב אַליין געזען דאָרט אין שטוב מיט מיינע אויגן: צוויי מיידלעך שפּילן ביי אים מיטאַמאָל אויף איין פּיאַנע!

## 464. קיין יידישן טעם

אַן אָרעמאַן איז איינמאָל געקומען אַהיים און זאָגט דער ווייב:
— הערסט, מיין ווייב, איך בין געווען איצט ביי אונדזער גביר פון שטעטל האָב איך אים געטראָפן עסן טריפלעך, האָט עס מיר שטאַרק פאַרשמעקט. זאָלסט זיין אַ גוטע און וואוילע וואָלסטו אויך געפּרואווט, מאַכן טאַקע היינט פאַר אונדז טריפלעך. לאָמיר אויך כאָטש איינמאָל אין לעבן געניסן אַ נגידיש מאכל.
— וואו וועל איך נעמען אייער דערצו? — פרעגט דאָס ווייב.
— מילא, וועט זיין אָן אייער.
— און מילך האָב איך דאָך אויך ניט?
— אַ דאגה דו האָסט, וועלן מיר זיך באַדרייען אָן מילך.
— אָבער מעל מוז מען דאָך האָבן דערויף.
— נישקשה, מיין ווייב, וועסטו אויסשקראָבען די מולטער, וועט קלעקן.
האָט דאָס ווייב צוליב געטאָן דעם מאַן, אויסגעשקראָבעט ווי עס איז די מולטער און פאַרטיק געמאַכט טריפלעך אָן אייער און אָן מילך, דערלאַנגט צום טיש דאָס מאכל, פאַרזוכט עס דער מאַן, מאַכט ער אַ זויערע מינע און זאָגט דערביי:
— הערסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן, מיין ווייב, דער שוואַרצער יאָר ווייסט זיי, די נגידים מיין איך, מיט זייערע שיינע מאכלים, וואָס זיי טראַכטן אוים — עס האָט דאָך ניט קיין יידישן טעם!

## 465. געננוג אַ פּאָר מינוט

צום טאַלנער רבין ר׳ דודל איז אַמאָל געקומען אַ רייכער חסיד, האָט אים דער רבי אויפגענומען און פאַרבליבן מיט אים ביחידות אַ היפּשע שעה. שפּעטער איז אַריין צום רבין אין חדר אַ חסיד אַן אָרעמאַן. האָט אים דער רבי אָפּגעפּטרט אין עטלעכע מינוט. איז עס דעם אָרעמען חסיד געווען קשה און האָט מיט מורא אַ פרעג געטאָן, צי איז אויך דער רבי מכבד עשירים מער ווי קבצנים?
— שוטה איינער — האָט ר׳ דודל געענטפערט — פאַר אַזעלכע ווי דו איז גענוג אַ פּאָר מינוט, כדי צו דערציילן אַז מ׳איז אַ קבצן. מיט יענעם גביר אָבער מוז איך אָפּשמועסן אַ היפּשע שעה ביז

מען ווערט געוואויר, אַז ער איז אַ קבצן ווי דו און ער דאַרף אויך מען זאָל אים ווינטשן פרנסה.

## 466. מאַיענעזע

איינמאָל איז אַן אָרעמאַן געקומען צו אַ גביר, געמאַכט פאַר אים אַ קרום פּנים, ווי איינער וואָס האָט שוין עטלעכע טעג אין מויל ניט געהאַט, און ביים גביר אין האַרצן האָט זיך עפּעס שטאַרק דערוועקט דאָס רחמנות און ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ גאַנצן רובל און געגעבן דעם אָרעמאַן.

מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער גייט דער גביר אַריין אין אַ פיינעם גאַרקיך און געפינט דאָרט דעם זעלביקן אָרעמאַן, ווי ער זיצט זיך און עסט אַ מאַיענעזע פון פיש. ווערט ער אויפגעבראַכט, גייט צו אים צו און זאָגט מיט אַ בייזער:

— אָט אויף דעם גייט עס אַ ייד איבער די הייזער און נעמט צונויף נדבות צו עסן מאַיענעזעס!?

— איך פאַרשטיי אייך ניט — מאַכט דער אָרעמאַן אויך אין כעס — פריער איידער איך האָב געהאַט אַ רובל אין קעשענע האָב איך קיין מאַיענעזע ניט געקענט עסן, איצט אַז גאָט האָט מיר געהאָלפן און איך האָב דעם רובל באַקומען טאָר איך ניט עסן. אויב אַזוי, זאָגט-זשע מיר, ווען פאָרט וועט מיר אויסקומען צו עסן אַ מאַיענעזע?

## 467. טאַקע ווערט

אַן אָרעמאַן איז געקומען אין אַ שטעטל און באַקומען דאָרט אויף שבת אַ „פּלעט”. זיצט ער פּריטיק צונאַכטס ביים שיינעם שבתדיקן טיש און עסט געשמאַק די חלה. די קאַרגע בעל-הביתטע האָט געמוזט קוקן און שווייגן. צום סוף קען זי שוין מער זיך ניט איינהאַלטן און מאַכט צו אים:

— רב ייד, פאַרוואָס עסט איר אַלץ חלה, ניט קיין ברויט.

— עס מאַכט ניט אויס — זאָגט דער אָרעמאַן — די חלה איז אויך גאָרנישט שלעכט.

— יאָ, אָבער איר ווייסט, חלה קאָסט גאַנץ טייער.

— וואָס־זשע מיינט איר, — מאַכט ער גאַנץ רואיק — ס׳איז טאַקע ווערט, כ׳לעבן.

## 468. אַן איידעם אויף קעסט

צו איינעם אַ בעל־הבית איז געווען באַשטעלט אויף שבת פּאָר אַן אורח אַן אָרעמאַן אַן עלטערער ייד. פרייטיק צו נאַכטס גייט פון שול דער בעל־הבית מיטן אורח און נאָך זיי גייט נאָך איינער אַ יונגערמאַן. געקומען צו דער שטוב, גייט דער יונגערמאַן אויך אַריין. דער בעל־הבית קוקט און וואונדערט זיך: ווער איז דער?

— עס דאַרף אייך ניט חידושן — רופט זיך אָן דער עלטערער אורח, — וואָס איך בין געקומען אין צווייען. דאָס איז מיין איידעם; ער זיצט נאָך אויף מיינע קעסט.

## 469. צום ברודער אויף אַ שמחה

אַן אָרעמאַן איז געקומען צו פאָרן צו זיין רייכן ברודער, אָפּ־געווען ביי אים אַ שטיקל צייט, גענומען וויפל ס׳האָט זיך געלאָזט צידה לדרך, זיך אָפּגעזעגנט און איז אַוועק. אויף מאָרגן עפנט זיך אויף די טיר און דער אָרעמער ברודער קומט אַריין ווידער מיטן פעקל. דער רייכער שטעלט אויף אים אוים אַ פּאָר אויגן, ווי איינער רעדט: וואָס הייסט עס?

— פאַרשטייסטו מיך — רופט זיך אָן צו אים דער אָרעמער ברודער — איך האָב זיך באַטראַכט, אַז מיין אַוועקפאָרן איז ביי דיר געווים ניט קיין קליינע שמחה. פרעג איך דיך, ווי זאָל איך ניט קומען צו מיין ברודער אין שטוב אויף אַ שמחה?

## 470. נאָך אויף איין יום־טוב

צו אַ רייכן קרוב פלעגט קומען צופאָרן אַן אָרעמאַן פון אַ נאָענט קליין שטעטל אויף יעדן יום־טוב. איין מאָל איז ער געקומען צו גאַסט, ווי זיין שטייגער, אויף אַ יום־טוב, אָפּגעזעסן אַ פּאָר וואָכן נאָך יום־טוב, דערנאָך האָט ער פאַרנומען זיין פעקל און איז אַוועק. אויף מאָרגן קומט ער ווידער צוריק מיטן קלימעקל.

— וואָס איז די מעשה?

— די מעשה איז אַט־וואָס — דערקלערט דער אָרעמאַן דעם רייכן קרוב זיינעם — געווען בין איך שוין ביי אייך אויף אַלע ימים־טובים, נאָר אויף איין יום־טוב איז מיר נאָך ניט אויסגעקומען צו זיין ביז איצט: אויף דעם יום־טוב, וואָס איר מאַכט אין שטוב ווען איר ווערט פון מיר פּטור. בין איך איצט געקומען אויף דעם דאָזיקן יום־טוב.

## 471. גייט אַליין איבער די הייזער

אויף אַן אַכסניא האָט זיך אָפּגעשטעלט אַן אָרעמאַן, געהייסן באַלד זיך דערלאַנגען אַ גוטן מיטאָק. געקומען ביינאַכט האָט ער ווידער געהייסן זיך געבן עסן און טרינקען פונעם בעסטן, וואָס דאַרט געפינט זיך. אויף מאָרגן שטייט ער אויף פרי, פּאַדערט אַ זאַטן פרישטיק, אָפּגעגעסן נעמט ער זיך געזעגענען מיטן בעל־אכסניא. רופט זיך יענער אָן:

— נו, און וואָס הערט זיך, רב ייד, מכּוח באַצאָלן פאַרן עסן און טרינקען און נאַכט־לעגער?

— זאָרגט ניט — מאַכט דער אָרעמאַן — ס'איז גלייך ווי ביי אייך אין קעשענע. איך פאָר נאָך ניט אַוועק. געקומען בין איך אַהער אין שטעטל קלייבן נדבות, דאָס איז מיין שטענדיקע פּרנסה. נאָר נעכטן בין איך נאָך געווען מיד פונעם וועג, איצט נעם איך זיך צו דער אַרבעט, און איר מעגט זיין זיכער, אַז איך וועל אייך אייערס אָפּ־ברענגען וויפל עס קומט ביז איין פּרוטה.

— וואָס דערציילט איר מיר: איך מעג זיין זיכער? — שרייט דער בעל־אַכסניא — איך בין גאָר ניט זיכער.

— אויב איר גלויבט מיר ניט, קומט־זשע מיט מיר, זייט מוחל, וועלן מיר גיין צוזאַמען, איבער די הייזער.

— וואָס רעדט איר, משוגע זענט איר? וואָס הייסט, איך וועל זיך לאָזן מיט אייך איבער די הייזער גיין!

— וואָס, איר שעמט זיך מיט מיר אין איינעם גיין? ווייסט איר גאָר וואָס, נאָט אייך מיין טאָרבע און גייט אַליין אַן מיר איבער די הייזער.

## 472. פרנסה בלייבט פרנסה

אין שטעטל איז אָנגעקומען פּריוויק פאַרנאַכט אַן אָרעמאַן גייט ער אַריין צום רב און דערציילט אים, אַז געקומען איז ער אַהער, צו גיין איבער די היגע הייזער און בעטן, זיין קלימעקל זאָל דאָ אין שטוב איבערליגן ביז איבער שבת. שבת-צונאַכטס נעמט מען ביים רב איבערטראָגן דעם אָרעמאַנס קלימעקל פון איין אָרט אויפן אַנ־דערן בינדט זיך עס אויף און עס פאַלט פון דאָרט אַרויס אַ היפּש פּעקל אַסיגנאַציעס. דער רב האָט באַלד געשיקט רופן די ראש־הקהל און דערציילט זיי די מעשה און מע נעמט זיך מישב זיין, וואָס טוט מען מיט אַזאַ אָרעמאַן? איז געבליבן, אַז מען זאָל דעם יידן פאַרלייגן איינס פון די צוויי: אָדער דאָס גאַנצע געלט זיינס פאַרבלייבט ביי קהל אויף צדקה-זאַכן, אָדער ער זאָל געבן אַ תקיעת־כף, אַז ער מאַכט זיך פאַרן געלט עפּעס אַ געשעפט און מער גייט ער ניט איבער די הייזער.

זונטיק אין דער פרי קומט דער ייד נאָך זיין קלימעקל, דער־ציילט אים דער רב, וואָס מען האָט נעכטן ביינאַכט באַשלאָסן וועגן זיין געלט, און איצט איז די ברירה ביי אים. דער ייד האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט, דערנאָך רופט ער זיך אָן:

— רבי, לאָזט איבער דאָס געלט ביי אייך, קיין תקיעת-כף וועל איך ניט געבן, פרנסה בלייבט פרנסה...

## 473. דערמאָנט דעם אָרעמאַן

אַן אָרעמאַן איז געקומען אויף אַ רייכער חתונה, לאָזט מען אים שטיין ביי דער טיר און קיינער איז אים מיט גאָרניט מכבד. דערווייל קוקט מען זיך אום, אַז עס פעלט אַ זילבערנער לעפל — נעמט מען זיך צום אָרעמאַן ניט אַנדערש, דאָס איז זיין אַרבעט. רופט זיך אָן דער אָרעמאַן מיט אַ טיפן זיפץ:

— איצט ערשט פאַרשטיי איך דעם רעכטן פשט פון דוד המלכס ווערטער אין תהילים: „נשכחתי כמת מלב" — פאַרגעסן האָט מען אין מיר גלייך ווי איך זאָל זיין אַ מת און מען האָט מיר גאָר ניט געגעבן די נשמה צו דערהאַלטן; „הייתי" — ווען בין איך געוואָרן און מען האָט זיך אויף מיר אומגעקוקט? — „ככלי אובד" — ווען עפּעס אַ כלי איז פאַרפאַלן געוואָרן.

## 474. גיין לערנען זיך שנאָרען

אַ שנאָרער קומט צו אַ גביר נאָך אַ נדבה און האַלט זיך דערביי מיט צו פיל עזות. באַמערקט דערויף דער גביר, אַז ניט אַזוי האַלט מען זיך, בשעת מען קומט צו יענעם בעטן אַ נדבה.

— דאָס געפעלט מיר דווקא! — מאַכט דער שנאָרער באַליי־דיקט — דאַכט זיך, ניט פון נעכטן האָב איך זיך גענומען צו שנאָ־רעריי; איך בין שוין, ברוך־השם, ווי איר זעט מיך, גאַנצע פינף־און־צוואַנציק יאָר אין דער דאָזיקער פרנסה, וועל איך איצט אויף דער עלטער גיין ביי אייך זיך לערנען שנאָרען!

## 475. פאַרשטעלט פאַר אַ קבצן

אַ קבצן איז געקומען צו אַ גביר אַ קמצן בעטן אַ נדבה. פאַלט אויף אים אָן דער גביר מיט כעס און נעמט זיך זידלען:

— שלעפערס, גנבים, שווינדלער וואָס איר זייט אַלע! איר מאַכט אַ קרום פנים און נאַרט אָפּ די וועלט! אָט ערשט נעכטן איז אין „הקדש" געשטאָרבן איינער פון אייערע לייט קבצנים, האָט מען ביי אים געפונען אונטערן קישן אַ גאַנצן אוצר מיט געלט.

— אַ וויסטע פינצטערע פרנסה איז אונדזערע — ענטפערט דערויף דער קבצן — דאַכט זיך, אַזוי פיל קבצנים פאַרשטעלן זיך פאַר גבירים, זיצן אין די פיינסטע דירות מיטן שענסטן מעבל און פירן אַ רייך לעבן, זידלט זיי קיינער ניט דערפאַר; און טאָמער האָט זיך אַמאָל געטראָפן, אַז איין עושר האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ קבצן, איז מען מרעיש עולם און אַלע אָרעמעלייט קענען זיך שוין פון דעם חטא ניט אָפּוואַשן!

## 476. אויך אַ געשעפט

אַ קבצן קומט צו אַ רייכן נאָך אַ נדבה, וויל יענער פון אים פטור ווערן, זאָגט ער אים:

— איך בין איצט פאַרטראָגן אין געשעפט־זאַכן, האָב איך קיין צייט ניט.

— און איך — מאַכט דער קבצן — מיינט איר, בין ניט געקומען צו אייך וועגן אַ געשעפט־זאַך?

— וועגן וואָס פּאַר אַ געשעפט? — וואונדערט זיך דער נגיד.
— קבצנות, פאַרשטייט איר מיך — זאָגט דער קבצן — דאָס איז ביי מיר אַ געשעפט־זאַך.

## 477. אַ שיינער נדן

צוויי באַקאַנטע לאַנד־קבצנים, וואָס גייען אַרום איבער די הייזער פון שטאָט צו שטאָט, האָבן זיך באַגעגנט. רופט זיך אָן איינער צום אַנדערן:

— מעגסט מיר אָפּגעבן מזל־טוב, גוטער ברודער, גאָט האָט מיר געהאָלפן, איך האָב אויסגעגעבן מיין עלטערע טאָכטער. און ווייסטו ווער דער איידעם מיינער איז? דו מוזט אים אויך קענען, ער איז טאַקע פון אונדזער צעך: פישקע דער האַרבאַטער.

— געוויס קען איך אים. אַ פיינער איידעם, אַזאַ יאָר אויף מיר. וואָס פּאַר אַ נדן האָסטו אים געגעבן?

— פרעג ניט, ס'איז שוין איינמאָל אַ ממזר־יונג! ער האָט מיר אָפּגעשונדן די הויט ווי עס געהער צו זיין: איך האָב אים געמוזט אָפּגעבן גאַנץ ליטע מיט זאַמוט, און אַלע דאָרטיקע הייזער גייען אין זיין גבול אַריין און איך טאָר שוין מער אַהין ניט אַריינשמעקן. וואָס זאָגסטו? אַ יאָ אַ שיינער נדן? הלוואי זאָל איך מיין יינגערער טאָכטער קענען געבן אַזאַ שיינעם נדן!

## 478. אַ צולהכעיס שפּיל

אַן אָרעמאַן האָט זיך געקלאָגט:

— גאָט, זאָג איך אייך, שפּילט מיט מיר ניט אַנדערש ווי אַ מין צו־להכעיס־שפּיל: געמאַכט האָט זיך ביי מיר אַ לעכל אין די שיך — רינט אין זיי אַ ר י י ן; האָט זיך געמאַכט ווידער אַ שפּאַלט אין דער כלי באַרשט, וואָס מיין ווייב האָט געשטעלט אויף פּסח — איז פאַרקערט, רינט פון דאָרט אַ ר ו י ס.

## 479. שלעכט אין אַלע צייטן

שלמה המלך אין „משלי" זאָגט: „כל ימי עני רעים" (אַלע טעג פונעם אָרעמאַן זיינען שלעכטע) — האָט עס איינער געגעבן קלאָר צו פאַרשטיין מיט אַזאַ ביישפּיל:

— דעם אָרעמאַן איז טאַקע שלעכט און ביטער אין אַלע צייטן: האָט אים גאָט צוגעשיקט אַ מכה, פעלט אים אַ ציבעלע צו איר צוצו־לעגן; האָט אים גאָט געהאָלפן, אַז ער האָט שוין אַ ציבעלע — ג'אַד דעמאָלט מאַכט זיך אים ניט קיין מכה...

## 480. אַ מלבוש אויף אַלע ימים־טובים

איינער אַן אָרעמאַן, פון די פריילעכע קבצנים, האָט זיך באַ־רימט, אַז ער פאַרמאָגט, ברוך־השם, זיין אייגנס אַ מלבוש, איז ער פון די אמתע מלבושי כבוד, צוגעפּאַסט צו אַלע ימים־טובים פון אַ גאַנץ יאָר:

פּסח — איז אין אים ניטאָ קיין גאַנץ ברעקל.
שבועות — איז ער דורך און דורך מיט תיקון.
ראש־השנה — פון אַלע זיינע זייטן בלאַזט.
יום־כיפּור — טויג ער אויף אַכצן כּפרות.
חנוכה — איז ער פול מיט לאַטקעס.
פּורים — צעשיט ער זיך אויף מאָן.

## 481. אַ באַקאַליי־קרעמל

איינעם פון די פריילעכע קבצנים האָט מען אַ פרעג געטאָן:
— ווי גייט עס?
— ניט צו פאַרזינדיקן — האָט ער געענטפערט — איך האָב מיר מיין אייגנס אַ קרעמל מיט שטענדיקע סחורה: ניסלעך — אין קאָפּ, מאַנדלען — אין האַלדז, בוימל — אין די אויערן, פלאַמען — פון אונטן, און פייגן — אין קעשענע.

## 482. געוואָרפן אַן אום־חן

אַן אָרעמער שכן קלייבט זיך ווינטער פון אַ דירה. פרעגט אים אַ באַקאַנטער:
— ווי קומט עס, וואָס אין מיטן ווינטער איז אייך פּלוצעם געפעלן צו בייטן די דירה?
— איך וועל אייך זאָגן — ענטפערט ער — איך האָב אויף מיין דירה געוואָרפן אַן אום־חן.
— פאַרוואָס, אַ שטייגער?

— דערפאַר וואָס דער בעל־הבית איז אַ שלעכטער יונג: ער האָט גענומען און מיך אַרויסגעוואָרפן.

## 483. טוט־אָן און טוט־אויס

צוויי אָרעמע מקבלים ליגן ביינאַכט אין בית־המדרש אויף די הארטע בענק און פאַרן שלאָפן שמועסן זיי זיך איבער, ווי גוט און וואויל עס לעבט זיך דעם נגיד אויף דער וועלט.

— דו ווייסט — זאָגט איינער צום אַנדערן און טוט זיך דער־ביי אַ געשמאַקן קראַץ — אונדזער נגיד פון שטעטל, עס זאָל אַפילו דונערן און בליצן, מוז ער אָנטאָן אַלע שבת אַ ווייס העמד.

— און דער קיעווער בראָדסקי? — פרעגט דער צווייטער.

— וואָס פרעגסטו, בראָדסקי פאַרגינט זיך שוין אָנצוטאָן אַ ווייס העמד צוויי מאָל אַ וואָך.

— און דער שני למלך?

— אַלע טאָג.

— און דער קיסר אַליין?

— צוויי מאָל אין טאָג.

— נו, און ראָטשילד, אַ שטייגער?

— ראָטשילד! ווער קען זיך גלייכן צו ראָטשילדן? ער טוט־אָן און טוט־אויס, טוט־אָן און טוט־אויס.

## 484. אַזוי פיל מזוזות

צוויי אָרעמעלייט זיינען געגאַנגען פאַרביי אַ גרויסן פּאַלאַץ. זאָגט איינער דעם צווייטן:

— דאָס מוז געווים זיין ראָטשילדס פּאַלאַץ. דו אַ שטייגער וואָלסט חשק געהאַט צו האָבן אַזאַ היפּשן פּאַלאַץ?

— חס וחלילה! — האָט יענער געענטפערט — וואו וועל איך נעמען אַזוי פיל מזוזות צו אַזוי פיל טירן!

## 485. אַ גאַנץ היטל צוקער

צוויי מקובלים זיצן און שמועסן וועגן וועלט־זאַכן. זאָגט איינער צום אַנדערן:

— דו ווייסט ווי אַזוי דער קיסר טרינקט טיי? ער נעמט אַ

גאַנץ היטל צוקער, מאַכט דאָרט אַ לעכל און גיסט אַהין אַריין די טיי.

### 486. אויסבייטן אַ הונדערטער

איינער, וואָס איז געקומען פון אַ קליין שטעטל אין אַ גרויסער שטאָט, דערציילט דאָרט:

— איך ווילט וויסן, וואָס פאַר אַ דלות ס'איז אין אונדזער שטעטל, קענט איר זיך שוין פאַרשטעלן פון דעם, וואָס טאָמער באַדאַרף עמעצער ביי אונדז אויסבייטן אַ הונדערטער, לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז גאָר ניטאָ — דער הונדערטער...

# קלויזניקעס און בטלנים

### 487. אַ פולער בית-מדרש מיט תורה

דער רב פון שטאָט קומט איינמאָל אַריין אין בית-מדרש. זעט ער ווי יונגעלייט זיינען זיך שטאַרק מפלפל אין לערנען און יעדערער וויל אַרויסווייזן דאָס גרויסע לומדות זיינע, אַז קיינער איז צו אים ניט גלייך אין לערנען. זאָגט דער רב אויף אַ קול:

— האַ, האַ, אַ פולער בית-מדרש מיט תורה!

ווערן די יונגעלייט נאָך גרעסער ביי זיך. אָבער דער רב דער־קלערט זיי באַלד וואָס ער האָט געמיינט מיט זיינע ווערטער:

— פאַרשטייט איר מיך, אַז מען לערנט תורה לשמה, גייט די תורה באַלד אַרויף אויבן אויפן הימל צו גאָט ברוך-הוא און דער בית-מדרש איז אַ ליידיקער. אָבער אַז מען לערנט תורה ניט לשמה, נאָר זיך אַרויסצושטעלן, בלייבט די תורה דאָ אונטן און עס ווערט אַ פולער בית-מדרש מיט תורה.

### 488. וויסן אויף אַן אַנדערש מאָל

צוויי יונגעלייטלעך האָבן זיך אָנגעקאַמפּערט אין בית-המדרש אַ היפּשע צייט איבער אַ האַרב שטיקל גמרא. קומט אַריין אַן אַלטער מאַן אַ שניידער, וואָס זיין פּנים האָט אויסגעוויזן פון אַ שיינעם יידן

אַ למדן, בעטן זיי אים ער זאָל זאָגן, ווער פון זיי איז גערעכט אינעם פשט פון דער גמרא?

רופט זיך אָן צו זיי דער אַלטער שניידער:

— ס'איז גוט וואָס איר האָט דאָס מאָל אָנגעטראָפן אויף אַזאַ יידן, וואָס איז, ברוך־השם, אַ וויסער אין די קליינע אותיותלעך. וואָס וואָלט אָבער געווען, אַ שטייגער, ווען איר טרעפט אָן, חלילה אויף אַ גראָבן יונג, וואָלט איר דאָך געבראַכט דערצו, אַז אַ ייד זאָל צוליב אייך ווערן מבויש. דערפאַר, זעט איר, וועל איך אייך אויך גאָרניט זאָגן, כדי איר זאָלט ווייסן ווייטער אויף אַן אַנדערש מאָל.

## 489. וואו זיינען מיינע ברילן

אַ בית־המדרש־ייד זיצט איבער אַ גרויסער גמרא. האָבן זיך ביי אים אומבאַמערקט די ברילן זיינע פאַררוקט אויפן שטערן. זוכט ער זיי אומעטום און געפינט ניט. נעמט ער זיך גלעטן ביים בערדל און הויבט אָן צו דרינגען אַזוי:

וואוהין האָבן געקענט אַהינקומען די ברילן מיינע? ניט אַנדערש, איינער האָט זיי פאַר זיך צוגענומען. פרעגט זיך אָבער: ווער, אַ שטייגער האָט זיי געקענט נעמען? זאָל עס אַנדערש זיין, אַז איינער אַזעלכער, וואָס טראָגט ניט קיין ברילן, איז דאָך די קשיא: צו וואָס טויגן אים מיינע ברילן? אלא וואָס דען, ער טראָגט יאָ ברילן — טאָ וואו זיינען עס זיינע ברילן? דער תירוץ איז אָבער: גענומען האָט טאַקע אַזעלכער וואָס טראָגט יאָ ברילן, אַי וואָס, וואו זיינען עס זיינע ברילן? למאי וואו זיינען עס מיינע ברילן?

## 490. וואָס אַ קבצן פאַרגינט זיך

— ס'איז גאָר קיין קלייניקייט — האָט איינער געזאָגט — וואָס אַ קבצן פאַרגינט זיך! איר זעט יענעם ישיבה־בחור, דאַכט זיך גאָר אַ פשוט מענטשל, פאַרגינט ער זיך פון דעסטוועגן צו שלאָפן אויף אַ בעט פון שיינע עטלעכע הונדערט רובל.

— וואָס הייסט?

— ווי איר קוקט אים אָן שלאָפט ער נאַכט ביי נאַכט אין בית־המדרש און בעט זיך אוים דאָרט אין מזרח־וואַנט אויף עטלעכע „שטעט" וואָס יעדע פון זיי קאָסט געווים אַ פאָר הונדערט רובל.

## 491. אַ פּשוטער קל-וחומר

אַ קלויזניק ליגט ביינאַכט אויף אַ האַרטער באַנק אין בית-המדרש און קען ניט אַנטשלאָפן ווערן. טאַפּט ער אַן עפּעס אַ פעדער אויף זיין קאַפּאָטע, וואָס ליגט אים צוקאָפּנס, און ער נעמט דרינגען:

— איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין מיטן שכל, אויף וואָס טויג עס אַנדערע לייט צו האָבן אַ סך קישנס מיט פעדערנעס? ס'איז דאָך אַ פּשוטער קל-וחומר: וויבאַלד אַז מען ליגט אויף איין פעדער, איז אַזוי האַרט, מוז דאָך אויף אַ סך פעדערן אַוודאי און אַוודאי זיין האַרט צו ליגן.

## 492. אַ פּשוטער ממה-נפשך

אַ ישיבה-בחור האָט ביינאַכט דערהערט עפּעס אַ שאָרך אין דער שטוב, וואו ער האָט גענעכטיקט, האָט ער גענומען שרייען:

פּשיק, פּשיק! גוואַלד, גוואַלד! שמע ישראל, שמע ישראל!

אַז מ'האָט אים דערנאָך געפרעגט דעם פּירוש דערפון, האָט ער געענטפערט:

— וואָס פאַרשטייט איר דאָ ניט? ס'איז דאָך אַ פּשוטער ממה-נפשך: איז דאָס אַ קאַץ — לאָז זיין פּשיק, פּשיק! איז דאָס אַ גנב — גוואַלד, גוואַלד! איז דאָס אַ שד — שמע ישראל, שמע ישראל!

## 493. אַ בקשה

איינער האָט אַמאָל געזאָגט צו אַ ישיבה-בחור:

איר הערט, יונגערמאַן, איך האָב צו אייך אַ בקשה: אַזוי ווי איר עסט ממילא „טעג", טוט מיר אַ טובה און עסט אויף אַלע תעניתים פון אַ גאַנץ יאָר.

## 494. „זיבן גוטע טעג"

ווען איך געפין אין גאַס אַ זיבן טויזנט רובל — האָט איינמאָל געזאָגט אַ ישיבה-בחור — וואָלט איך שוין געוואוסט וואָס מיט זיי צו טאָן אַזוינס.

— וואָס אַ שטייגער? — פרעגט מען אים.

— איך וואָלט גענומען, פאַרשטייט איר, די זיבן טויזנט רובל

און וואָלט זיי צעטיילט צווישן די יידן, וואָס איך עס ביי זיי „טעג", וואָלט איך שוין דערנאָך געווען באַוואָרנט מיט גוטע „טעג".

— און ווען איך זאָל זיין ראָטשילד — רופט זיך אָן אַ צווייטער ישיבה-בחור — וואָלט איך גענומען און אויפגעבויט אַ זיבן-גאָרן-דיקן מויער, און יעדן גאָרן וואָלט איך אַוועקגעגעבן אַ שכן מיט דעם תנאַי איך זאָל ביי אים האָבן אַ טאָג צו עסן, וואָלט איך אויף אַזאַ אופן געהאַט זיבן גוטע טעג.

## 495. זיבן הייזער

— היינטיקן הושענא-רבא ביינאַכט — האָט געזאָגט אַ ישיבה-בחור — ווען דער הימל וועט זיך שפּאַלטן, וועל איך בעטן גאָט ער זאָל מיר געבן זיבן הייזער. די הייזער וועל איך פאַרדינגען זיבן פיינע, לייטישע בעלי-בתים, מיט דעם תנאַי: יעדערער פון זיי זאָל מיר געבן ביי זיך עסן איין טאָג אין וואָך — וועל איך זיין באַוואָרנט אַ גאַנצע וואָך מיט טעג.

## 496. הלוואַי אַ גאַנצן טאָג

דער באַוואוסטער גאון ר' חיים וואָלאָזשינער איז אַמאָל אין דער פרי אַריינגעקומען אין בית-המדרש דאַווענען שחרית. די ישיבה-בחורים, וואָס זיינען פריער געזעסן איבער די אָפענע גמרות און געשמועסט, האָבן ביים דאַוונען גענומען לערנען און מיט זייערע קולות געשטערט די מתפּללים.

נאָכן דאַוונען רופט זיך אָן ר' חיים צו די לערנערס:

— איצט פאַרשטיי איך וואָס דער תנא ר' יהודה זאָגט אין ברכות: הלוואי שיתפלל אדם כל היום כולו (הלוואי אַ מענטש זאָל דאַוונען אַ גאַנצן טאָג), איז דאָך אין פלוג אַ קשיא: אויב אַ גאַנצן טאָג דאַוונען, ווען וועט מען לערנען? נאָר דער תירוץ איז: ר' יהודה האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די ישיבה-בחורים לערנען נאָר דע-מאָלט ווען מען דאַוונט, דעריבער זאָגט ער: הלוואי וואָלטן יידן געדאַוונט אַ גאַנצן טאָג, וואָלטן די ישיבה-בחורים ממילא שוין גע-מוזט לערנען אַ גאַנצן טאָג.

## 497. די צווייטע קו״ף

צוויי קלויזניקעס האָבן געהאַט אַ וויכוח וועגן ראשי־תיבות פון ק״ק, איינער זאָגט אַז דאָס מאַכט „קשה קצת", און דער צווייטער — „קצת קשה".
רופט זיך אָן דער ערשטער:
— חכם איינער לויט דעם וואָס דו זאָגסט, וואָלט דאָך די צווייטע קו״ף באַדאַרפט שטיין פריִער.

## 498. וואָס פאַר אַ ברכה מאַכט מען

אַ ישיבה־בחור איז געווען באַשטעלט ביי איינעם פון די בעלי־בתים צו עסן דריי „טעג" אין דער וואָך. און שטענדיק פלעגט מען אים דאַרט געבן עסן איין מאכל: קאַרטאָפל און ווידער אַמאָל קאַרטאָפל.
איינמאָל דערזעט ער, ווי מען דערלאַנגט צום טיש דאָס שטענדיקע מאכל, וואָס האָט זיך אים שוין אַזוי צוגעגעסן, טוט ער אַ פרעג דעם בעל־הבית:
— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס פאַר אַ ברכה מאַכט מען אויף קאַרטאָפל?
— וואָס איז דאָס פאַר אַ שאלה? — ענטפערט יענער פאַרוואונדערט — ביסט דאָך עפּעס אַ ישיבה־בחור, ווייסט דען נישט, וואָס יעדער פראָסטער ייד ווייסט, אַז מען מאַכט „בורא פרי האדמה" אויף יעדע זאַך וואָס גייט אַרויס פון דער ערד?
— יאָ — זאָגט דער ישיבה־בחור גאַנץ תמעוואַטע — וואָס טוט מען אָבער, אַז עס קריכט שוין גאַר פון האַלדז?

## 499. אַן אָנצוהערעניש

אַ ישיבה־בחור האָט געגעסן שבת ביי אַ יידן אַ קמצן. זעט דער בעל־הבית ביים עסן, אַז דער בחור טונקט גאַנץ געשמאַק חלה אין בראָנפן. וויפל ער האָט געקענט האָט ער געשוויגן. צום סוף האָט ער זיך ניט געקענט מער איינהאַלטן, וויל ער אים געבן אַן אָנצוהערעניש און טוט אים אַ פרעג:
— צוליב וואָס האָט משה רבינו געדאַרפט מאַכן אַזאַ גרויסן נס, דער ים־סוף זאָל ווערן אויסגעטריקנט, גענוג וואָלט געווען ער זאָל

געבן יעדן יידן אַ שטיק חלה, וואָלטן זיי אַזוי לאַנג געטונקען, ביז זיי וואָלטן אויסגעטונקט דעם גאַנצן ים-סוף?

— איר האָט אַפּנים פאַרגעסן — האָט אים דער ישיבה-בחור דערויף גאַנץ תמעוואַטע געענטפערט — אַז ס'איז געווען פּסח, ווען מען טאָר קיין חלה אין דער האַנט ניט האַלטן, ווער שמועסט נאָך אין מויל אַריין נעמען.

## 500. פריילעכער געוויס

אַ קלויזניק פרעגט איינעם פון די אַלטע מקובלים:

— מען זאָגט, אַז ספּירט מאַכט מען פון קאָרן, פון וואַנען-זשע נעמט זיך דער שכל דערפון, וואָס איך ווער באַלד שיכור פון אַ ביסל ספּירט און פון קאָרן-ברויט מאַכט זיך ניט קיין מאָל איך זאָל ווערן מבוסם?

— עס נעמט זיך דערפון — ענטפערט אים דער מקובל — וואָס דו עסט זיך קיין מאָל ניט אָן מיט ברויט, ווי עס דאַרף צו זיין. דו פּרואוו מאָרגן, אַ שטייגער, איין מאָל זיך זאַט אָנעסן מיט ברויט, וועסטו זען אַז דו וועסט פון דעם אויך ווערן ווי שיכורלעך.

אויף מאָרגן האָט דער קלויזניק געבעטן ביי דער קעכין, דאָרט וואו ער האָט דעם „טאָג" געגעסן, זי זאָל אים געבן היינטיקס מאָל מער אַ שטיקל קאָרנברויט, און ער האָט זיך דאָס מאָל אמת גוט אָנגעגעסן.

— נו, וואָס הערט זיך? — פרעגט אים דערנאָך דער מקובל אין קלויז — ביסטו היינט שיכור געוואָרן פונעם קאָרן-ברויט?

— שיכור ווי שיכור — ענטפערט דער קלויזניק — נאָר דאָס קען איך אייך זאָגן, אַז פריילעכער בין איך געוויס.

## 501. לאָקשן צי פאַרפל

איין קלויזניק פרעגט דעם אַנדערן:

— וואָס האָסטו בעסער ליב — אין אַ יוך, לאָקשן צי פאַרפל?

— איך האָב ליב — ענטפערט יענער, — לאָקשן בעסער, ווייל לאָקשן קען איך אָננעמען אַ פולן לעפל און עס זאָל זיך נאָך נאָכשלעפּן אויך.

— און איך — זאָגט דער ערשטער — האָב ליב, פונקט פאַרקערט, בעסער פאַרפל, ווייל דאָס איז, פאַרשטייסטו מיך, אַ גאַנץ

ראַיעלע זאָך: אַנגענומען אַ פולע לעפל. בין איך שוין מיט דעם זיכער; מיט לאָקשן אָבער ביסטו נישט באַוואָרנט — עס קען נאָך צוריק אין שיסל אַראָפּפאַלן ניט נאָר די „נאָכשלעפּערס", וואָס הענגען אין דער לופטן, נאָר זיי קענען נאָך מיטשלעפּן יענע לאָקשן צוריק פונעם לעפל אַרוים.

## 502. קאַשע מיט תירוצים

צוויי אָרעמע קלויזניקעס פון די „טעג"־עסער זיצן און שמועסן. קלאָגט זיך איינער פאַרן אַנדערן:

ס'איז שלעכט, ברודער, מיך באַשערט גאָט אַלץ „טעג" ביי אַזוינע בעלי־בתים, וואו מען האַלט מיך אין איין האָדעווען מיט קאַשע: אָבער קאַשע און ווידער קאַשע.

— זינדיק נישט — זאָגט דער צווייטער — דו האָסט כאָטש קאַשע, און מיך, אויף מיינע „טעג", הערט מען ניט אויף צו האָדע־ווען מיט תירוצים, יעדעס מאָל אַן אַנדער תירוץ פאַרוואָס מען קאָכט ניט: דאָ איז די בעל־הביתטע קראַנק געוואָרן, דאָ ליגט די קעכין אין היץ און נאָך אַזעלכע תירוצים, מיט אַ קאַשע, ברודער, איז נאָך מעגלעך ווי עס איז דעם מאָגן אָנצושטאָפּן, אָבער מיט תירוצים קען מען געוויס ניט שטילן דעם הונגער.

## 503. היינטוועלטיקע המצאות

אויף אַ סטאַנציע צווישן ווילנע און קאָוונע גייט אַ ייד אַריין אין אַ וואַגאָן, פאַרכאַפּט אַן אָרט, און אַז דער צוג רירט זיך נעמט ער שמועסן, ווי דער שטייגער, מיט אַ יידן וואָס זיצט אַקעגן אים:

— וואוהין פאָרט עס אַ ייד?

— פון קאָוונע קיין ווילנע.

— הערט אַ מעשה! — מאַכט דער ערשטער — איך זאָג אייך, די חכמה פון היינטוועלטיקע המצאות האָט גאָר קיין שיעור נישט. אָט פאָרט איר, אַ שטייגער, פון קאָוונע קיין ווילנע, און איך פאַרקערט פאָר קיין קאָוונע, און מיר זיצן זיך ביידע אין איין וואַגאָן, נאָר איר מיטן פּנים קיין מזרח, און איך פאַרקערט מיטן פּנים קיין מערב.

## 504. איין ברויט וואָס איז צוויי

צוויי ישיבה־בחורים האָבן זיך אַוועקגעלאָזט גיין צופוס פון איין ישיבה אין דער אַנדערער אין אַ צווייטער שטאָט. אויפן וועג האָט זיי אויסגעפעלט ברויט און דער הונגער האָט זיך זיי גע־לאָזט שטאַרק פילן. העלפט גאָט און זיי דערזעען אַז אין מיטן וועג ליגט אַ גאַנצער קיילעכדיקער ברויט. די שמחה זייערע איז געווען אין לשער. אַ קלייניקייט, אַזאַ מציאה ווען מ'איז טויט־הונגעריק! איינער האָט שוין געוואָלט אַ כאַפּ טאָן אַ שטיק ברויט אין מויל אַריין; דער צווייטער אָבער, וואָס האָט ליב געהאַט שטענדיק אַריינלאָזן זיך אין טיפע חקירות, האָט אים אָפּגעשטעלט און גע־זאָגט:

— ווי אַזוי איז עס אַ מענטש, אַ בר דעת, אַזוי להוט, מ'שטיינס געזאָגט, נאָך דער אַכילה? פריער, איידער מיר וועלן נעמען אָנ־שטאָפּן דעם גראָבן מאָגן, לאָמיר אָנזעטן מיט דעם אַ ביסל דאָס אויג. וואָס זאָגסטו אויף דער שענקייט פונעם ברויט, ס'איז אַ מחיה אויף דעם צו קוקן! אויסער דעם האָב איך דיר געוואָלט אויפ־קלערן זאָלסט וויסן, אַז יעדע זאַך אויף דער וועלט דאַרף מען רע־כענען ניט פאַר איינע נאָר פאַר צוויי; ווייל אויסער די עצם־זאַך איז נאָך פאַראַן דער געדאַנק וועגן דעם, וואָס איז אייגנטלעך אויך ממש גלייך ווי יעדער יש. אויף אַזאַ אופן האָבן מיר איצט ניט איין ברויט אַליין, נאָר אויסערן ברויט אויך דעם געדאַנק וועגן דעם, און מיר מעגן זאָגן, אַז מיר פאַרמאָגן גאַנצע צוויי ברויט.

— שוין אָפּגעחקירהט, — זאָגט דער ערשטער — איצט מעג מען שוין נעמען אין מויל?

— דו מעגסט — מאַכט דער חקרן — עסן דיין חלק באַלד, איך אָבער האָב ליב פאַרן עסן זיך מכין זיין ווי געהעריק.

יענער איז זיך אַוועק אַ ביסל מכין צו זיין, ווי ער האָט ליב, און דער האָט גענומען דאָס ברויט פּאַקן אויףביידע באַקן, און ביז יענער איז געקומען צוריק, איז פונעם גאַנצן ברויט קיין סימן ניט געבליבן.

— וואו איז מיין חלק ברויט? — פרעגט דער חקרן.

— דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט — ענטפערט דער — אַז מיר פאַרמאָגן ניט איין ברויט נאָר גאַנצע צוויי, האָב איך גענומען און אויפגעגעסן איין ברויט און פאַר דיר איבערגעלאָזט דעם צווייטן.

## 505. אַ שיינער חלום

צוויי הונגעריקע קלויזניקעס זיינען געגאַנגען אין וועג פון איין שטאָט אין דער אַנדערער. האָבן זיי געפונען אַ בייגל און זיך גענומען פּזפערן צווישן זיך, וועמען פון זיי עס קומט די מציאה. איינער טענהט: איך האָב דעם בייגל פריער אויפגעהויבן, און דער אַנדערער: איך האָב אי סדער ערשטער דערזען. רופט זיך אָן איינער פון זיי:

— איינגנטלעך וואָלטן מיר על־פי־דין באַדאַרפט מאַכן אַ חלוקה אויף דער העלפט, נאָר דעמאָלט וועט אונדז ביידן ניט בלייבן רעכט וואָס צו געניסן. דערפאַר לייג איך פאָר אַט־וואָס: לאָז דער בייגל בלייבן ביז מאָרגן, און באַקומען אין גאַנצן וועט אים דער פון אונדז וואָס וועט זען ביינאַכט אַ שענערן חלום.

און אַזוי איז געבליבן. אויף מאָרגן אין דער פרי נעמט איינער דערציילן דעם שיינעם חלום וואָס ער האָט געזען:

— איך שפּאַציר אין אַ שיינעם גאָרטן אין אַ שיינער ליכטיקער נאַכט. פּלוצעם קומט צו פליען אַ גרויסער פויגל, אַ קלאָר־ווייסער ווי שניי, און שטעלט זיך אַנידער אויף דער ערד פונקט ביי מיינע פיס. טראַכט איך ניט לאַנג און זעץ זיך אַרויף רייטנדיק אויפן פויגל און פלי און פלי אַזוי לאַנג, ביז דער פויגל האָט מיך אַריינגעפירט, ווייסט וואוהין? גלייך אין גן־עדן אַריין.

— הער אַ מעשה — זאָגט דער צווייטער — איך האָב אויך געזען דעם זעלבן חלום, ווי דו זיצסט אַזוי שיין און פיין אויף דעם גרויסן ווייסן פויגל און פליסט און פליסט, און איך פלי אויך אויף אַן אַנדער פויגל נאָך דיר. נאָר דיין פויגל, האָב איך געזען, האָט דיך אַריינגעפירט גלייך אין גן־עדן אַריין, מיינער אָבער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי די טויערן פון גן־עדן — און איך האָב זיך אויפגע־כאַפּט. באַלד האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז דיר וועט שוין געוויס זיך ניט גלוסטן קומען פון גן־עדן צוריק, האָב איך זיך מישב געווען און גענומען און אויפגעגעסן אַליין דעם גאַנצן בייגל.

## 506. אַ שרעקלעכער פּראַל

איינער פון די בית־המדרש־חקרנים איז אַוועקגעזעסן אַ היפּשע צייט שטאַרק פאַרטראַכט. פרעגט מען אים, וואָס האָט ער זיך פאַר־טיפט אין די געדאַנקען?

— איך טראַכט אַט וואָס — ענטפערט ער — ווען, אַשטייגער, פון אַלע מענטשן פון דער גאַנצער וועלט זאָל ווערן איין און איינציקער מענטש, און פון אַלע בוימער פון דער גאַנצער וועלט זאָל ווערן איין און איינציקער בוים, און פון אַלע העק פון דער גאַנצער וועלט זאָל ווערן איין און איינציקע האַק, און פון אַלע טייכן פון דער גאַנצער וועלט זאָל ווערן איין און איינציקער טייך.

— נו, וואָס וואָלט דעמאָלט געווען? — פרעגט מען אים.

— וואָס הייסט וואָס? — מאַכט ער — שטעלט זיך פאָר אַז דער איינער מענטש, וואָס איז געוואָרן פון אַלע מענטשן, הויבט אויף די איינע האַק, וואָס איז געוואָרן פון אַלע העק, און האַקט אויס דעם איינעם בוים, וואָס איז געוואָרן פון אַלע בוימער, און דער דאָזיקער בוים נעמט און טוט אַ פאַל אין דעם טייך, וואָס איז געוואָרן פון אַלע טייכן...

— נו?

— אַט דאָס קלער איך און קלער — ענדיקט דער חקרן, און טוט דערביי אַ ענערגישן מאַך מיטן גראָבן פינגער — וואָס פאַר אַ פּראַל דאָס וואָלט געמאַכט!

## 507. פאַרביטן די יוצרות

אויף אַן אַכסניא האָבן איבערגענעכטיקט אין איין צימער אַ רב מיט אַ ישיבה־בחור. אַזוי ווי דער ישיבה־בחור האָט באַדאַרפט גאַנץ פרי אַוועקפאָרן מיטן אייזנבאַן, האָט ער געבעטן דעם משרת, ער זאָל אים אויפוועקן אין דער פרי. האָט ער פון גרויס איילעניש געכאַפּט און אָנגעטאָן אין דער פינצטערניש דעם רבס לאַנגן אַטלעסן מלבוש און געשווינד אַוועק אויפן וואָקזאַל. געקומען אַהין, כאַפּט ער לויפנדיק אַ קוק אין שפּיגל און דערזעט זיך, שרייט ער אויס מיט כעס:

— אַזאַ טיפּש דער משרת! געבעטן האָב איך אים מיך אויפוועקן, צום סוף האָט ער פאַרביטן די יוצרות און אויפגעוועקט גאָר דעם רב!

## 508. פון וואַנען וואַקסט דער מענטש

צוויי קלויזניקעס זיצן ווינטער ביי דער וואַרעמער רובע און אַמפּערן זיך וועגן דער שאלה: פון וואַנען וואַקסט דער מענטש?

— דער מענטש וואַקסט פון אונטן — זאָגט איינער, — אַ סימן, פאַר אַ פּאָר יאָר האָט דער טאַטע מיר געקויפט אַ פּאָר הויזן זיינען זיי געווען אויף מיר לאַנג און זיך געשלעפּט אויף דער ערד, און איצט אַז איך טו זיי אָן זיינען זיי אויף מיר שטאַרק קורץ.

— און איך רעכן — דרינגט דער צווייטער — אַז פונקט פאַרקערט, דער מענטש וואַקסט פון אויבן, און איך האָב דערויף אַ פשוטע ראיה: נעכטן ערשט האָב איך געזען אין גאַס דורכגיין אַ ראָטע סאָלדאַטן, האָב איך זיך צוגעקוקט און באַטראַכט — פון אונטן זיינען די פיס זייערע אַלע גלייך ווי איין מענטש, נאָר פון אויבן איז איינער העכער און איינער נידעריקער.

## 509. די נאָזלעכער

איינעם פון די בית-המדרש-חקרנים האָט מען געפרעגט:

— וואָס איז דער שכל דערפון וואָס גאָט האָט געמאַכט ביים מענטשן די נאָזלעכער פון אונטן דער נאָז און נישט אויף דער נאָז פון אויבן? דעמאָלט וואָלט דאָך קיין איין שמעק טאַבאַק ניט געגאַנגען לאיבוד?

דער חקרן האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און געענטפערט:

— אדרבה, דאָס איז אינגאַנצן דער שכל וואָס פון אונטן, וואָרעם פון אויבן וואָלט אַהין אַריינגערונען טראָפּנס רעגן און געמאַכט דאָרט פונעם טאַבאַק אַ גאַנצע קאַשע.

## 510. באַשיימפּערלעך

איינער פון די קלויז-חקרנים האָט גערדונגען דעם חבר זיינעם:

— דעם כלל זאָלסטו האָבן איין מאָל פאַר אַלע מאָל: דער מענטש, וואָס ביי אים איז איינער פון זיינע חושים שוואַכער, צאָלט אים גאָט דערמיט, וואָס אַן אַנדער חוש זיינער איז דערפאַר שטאַרקער.

— דהיינו?

— קענסט עס זען באַשיימפּערלעך: וויבאַלד ביי איינעם איז איין פוס אַ קורצער, איז דער צווייטער פוס זיינער דערפאַר אַ לאַנגער.

## 511. בעסער דיין רובל

צוויי בטלנים האָבן געשמועסט אין קלויז, פרעגט איינער דעם צווייטן:

— צוליב וואָס דאַרף דער קיסר נעמען ביי מיר אַ רובל פּאַ־דאַטקעס? קאַרג רובלען מאַכט ער, קען ער דאָך אַליין זיך מאַכן נאָך און נאָך אַ רובל וויפל ער וויל.

— פאַרשטייסטו — האָט אים דער צווייטער געענטפערט — מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיע, הייסט עס אַז די מלכות אויף דער ערד אונטן איז פּונקט ווי די מלכות אויפן הימל אויבן. און דאָס איז יודע, אַז אַ מענטש טוט אַ מצווה באַשאַפט ער אַ מלאך. איז דאָך די קשיא: צוליב וואָס דאַרף דער אויבערשטער דו זאָלסט טאָן אַ מצווה און דערמיט באַשאַפן אַ מלאך, קען ער אַליין ניט זיך באַשאַפן מלאכים וויפל ער וויל? נאָר דער תירוץ איז: געווים קען ער אַליין באַשאַפן דעם מלאך, ער וויל אָבער בעסער דיין מלאך. און פּונקט אַזוי איז אויך מלכותא דארעא: דער קיסר קען טאַקע געווים אַליין מאַכן דעם רובל, נאָר ער וויל בעסער דיין רובל.

## 512. כח הראַפּטאָם און כח האימפּעט

קלויזניקעס זיצן אין בית־המדרש און שמועסן מכוח וועלט־זאַכן. נעמט איינער דערקלערן פאַר זיינע חברים דעם אמתן שכל וואָס ליגט אין חכמת הוואַסערלייטונג:

— די זאַך, פאַרשטייט איר, איז גאָר אַ פּשוטע: ראשית חכמה גראָבט מען אויס אַ טיפן ברונעם, אַהין לייגט מען אַריין אַ לאַנגע רער און דעם שפּיץ פון דער רער פירט מען אַריין אין שטוב. און וויבאַלד מען נעמט און מען טוט מיטאַמאָל אַ דריי־אָפּ דעם קראַן מיטן כוח הראַפּטאָם, טוט תיכף דאָס וואַסער אַ שפּאַר מיטן כוח האימפּעט.

## 513. פאַניעס מזל

אַ בטלן קומט איינמאָל אין מרחץ, ווען ס'האָבן זיך דאָרט גע־באָדן אַ סך סאָלדאַטן. שטעלט ער זיך אַנידער און באַטראַכט זיי גאַנץ ערנסט אַ היפּשע צייט. גייט צו צו אים זיינער אַ באַקאַנטער, טוט אים אַ טאָרע און דערביי אַ פרעג:

— וואָס שטייט איר דאָ אַזוי ווי פאַרגאַפט? דאָס ערשטע מאָל זעט איר נאַקעטע מענטשן אין באָד?

— איך וועל אייך זאָגן — ענטפערט דער בטלן — איך קוק

און טראַכט ביי זיך, ווי פּאָניע האָט עס מזל: אַזוי פיל סאָלדאַטן האָט ער און איינער פון זיי זאָל עס האָבן כאָטש אַ שטיקל שבר!..

## 514. אַ קאָמעטע

צוויי בטלנים זיצן אין קלויז און שמועסן צווישן זיך וועגן וועלט־ניים. רופט זיך אָן איינער:

— דו האָסט געהערט דאָס נייס? דער עולם איז שטאַרק איבערגעשראָקן. מען זאָגט, אַז אינגיכן וועט עפּעס אַ מין קאָמעטע באַגעגענען זיך מיטן כדור הארץ, און עס וועט שוין זיין דאָס גוטע באַגעגעניש: די קאָמעטע וועט פאַרטשעפּען די ערד אויף גאַנצע דריי איילן די טיף.

— איך רעכן — מאַכט דער צווייטער, אַז אחינו בני ישראל האָבן בכלל ניט וואָס מורא צו האָבן, ווייל מען ליגט ברוך־השם ניין איילן טיף אין דער ערד.

## 515. גאָר אַן אַנדער זאַך קשה

צוויי בחורים פון די קלויזניקעס זיינען געזעסן אין בית־המדרש און אַ היפּשע צייט זיך אָנגעשפּאַרט איבער עפּעס אַ „כלומר" אין רש"י. איינער זאָגט, אַז רש"י קומט דאָ מיטן כלומר צו באַוואָרענען אַזאַ קשיא, און דער צווייטער דרינגט, אַז גאָר אַן אַנדער קשיא. קומט אַריין אַ ייד מיט אַ שיינער באָרד, זעט אוים צו זיין אַ ייד אַ למדן, ווענדן זיך צו אים ביידע בחורים ער זאָל זאָגן, ווער פון זיי ביידע איז גערעכט, צי וויל רש"י באַוואָרענען דאָ מיטן „כלומר" די קשיא אָדער יענע.

דער שיינער ייד אָבער איז געווען, ווי עס מאַכט זיך אַמאָל, אַ פּשוטער מעקלער, גאָר אַ קליינער יודע ספר. קוקט ער זיך איין אין דער רש"י און מאַכט צו די קלויזניקעס אַזוי:

— מיר, זעט איר, איז דאָ גאָר אַן אַנדערע זאַך קשה.

— גאָר אַן אַנדערע זאַך! — וואונדערן זיך די בחורים — וואָס נאָך פאַר אַ קשיא, אַ דריטע, קען דאָ שטעקן?

— מיר איז, פאַרשטייט איר מיך — מאַכט דער שיינער ייד — שטאַרק קשה: אַזעלכע קליינע פּיצעלעך אותיותלעך, ווי קען מען עס גאָר לייענען?

# הכנסת־אורחים און גמילות־חסדים

## 516. נאָך אַ דריטע גלאָז

— איך וועל אייך אָנגיסן נאָך אַ גלאָז טיי — זאָגט די בעל־הביתטע צו איינער פון אירע געסט.

— אַ דאַנק — זאָגט זיך אָפּ יענע — איך טרינק ניט מער ווי איין גלאָז.

— מאָלט אייך — מאַכט די מכנים־אורחטע — געטרונקען האָט איר שוין ניט איין גלאָז נאָר צוויי, פאַרוואָס אָבער זאָלט איר ניט טרינקען נאָך אַ דריטע גלאָז?

## 517. אויב איר פאַרשטייט קאַטאָוועס

איינער איז אַרייַנגעקומען צו זייַנעם אַ באַקאַנטן בשעתן עסן, רופט זיך יענער אָן:

— אויב איר פאַרשטייט קאַטאָוועס, קומט עסן.

— אויב איר פאַרשטייט קאַטאָוועס, עסט געזונטט — ענטפערט־אָפּ דער אַרייַנגעקומענער.

## 518. גאָטס און פרעמדס

איינער איז געקומען אַנטלייען ביי אַ באַקאַנטן אַ ספר, זאָגט אים יענער:

— איר קענט דאָך מיך, איך האָב ליב צו לייען אַמאָל אַ באַ־קאַנטן אַ גמילת־חסד, נאָר ספרים איז ביי מיר אַ פּרינציפּ קיינעם אין דער וועלט ניט צו לייען, ווייל אַזוי איז שוין דער שטייגער: אַ ספר לייט מען און ער ווערט פאַרפאַלן.

— וואָס הייסט ער ווערט פאַרפאַלן?

— גאָר פּשוט, דער וואָס אַנטלייט פאַרגעסט אָפּצוגעבן. טאָ־מער גלויבט איר נישט קען איך עס אייך באַווייזן.

און דער ייד וואָס לייט ניט קיין ספר לויטן פּרינציפּ, פירט

יענעם אַריין צו זיך אין קאַבינעט און אָנווייזנדיק אים אויף אַ גרויסן שראַנק מיט ספרים, זאָגט ער:

— זעט איר אָט די אַלע ספרים, ווי איר קוקט זיי אָן זיינען זיי אַלע געליענע, גאַנץ און פרעמדם.

## 519. שלאָפט געשמאַק

הערשל אָסטראָפּאָלער האָט אַמאָל געטראָפן נאָך מעריב פון שול אַן אָרעמאַן פאַר אַן אורח צו זיך אויף וועטשערע. געקומען מיטן אורח אַהיים איז אים דאָס ווייב גאַנץ פיין מקבל פנים מיט איר „מענה-לשון”:

— קבצן איינער, האָסט אַליין ניט קיין ביסן ברויט, ברענגסטו נאָך מיט זיך צו שלעפן אויף מיין קאָפּ אָרעמע לייט אורחים!

— וואָס הערט איר זי? — מאַכט הערשל צום אורח — זאָל זי זיך שרייען וויפל איר האַרץ גלוסט און איר טוט זיך אייערס: נעמט, מיין ליבער ייד, אייער קלימעקל צוקאָפּנס און לייגט זיך שלאָפן און שלאָפט געשמאַק!

## 520. אַ בית-עלמין פאַר אורחים

אַן אורח איז געקומען אין אַ דאָרף, וואו עס האָבן זיך געפונען פונקט צען יידן. זעט ער ווי זיי האַלטן אין בויען אַ שול מיט אַ בית-עלמין אין איין צייט. וואונדערט ער זיך און טוט אַ פרעג די דאָרפסלייט:

— איך הויב ניט אָן צו פאַרשטיין, רבותי, צו וואָס טויג אייך אי דאָס אי יענץ? ממה-נפשך, אויב איר וועט לעבן, איז דאָך אי־בעריק דער בית-עלמין, און אויב איינער פון אייך, חלילה, וועט שטאַרבן, בלייבט איר דאָך דעמאָלט אָן אַ מנין, — וואָס-זשע דאַרפט איר די שול?

רופט זיך אָן איינער פון די דאָרפס-יידן:

— פאַרשטייט איר, די שול בויען מיר טאַקע פאַר זיך און דעם בית-עלמין פאַר די אורחים.

## 521. שלעכט אַזוי און שלעכט אַזוי

איינער האָט זיך געקלאָגט:

— שוין ניט איינמאָל האָב איך געפרואווט דאָ אין שטאָט

בעטן מען זאָל מיר לייען אַ גמילות-חסד, וויל קיינער מיר ניט געטרויען, ווייל איך בין דאָ אַ פרעמדער און קיינער קען מיך ניט. און ביי אונדז אין דער היים, אין מיין שטאָט, הייסט עס, איז געווען אַ פּאַרקערטער אומגליק: קיינער האָט מיר ניט געוואָלט אַנטלייען דערפאַר וואָס מען קען מיך. שלעכט אַזוי און שלעכט אַזוי!

## 522. שולדיק אַן ענטפער

איינער בעט ביים אַנדערן ער זאָל אים אַנטלייען אַ פינף-און-צוואַנציקער, און יענער שווייגט.

— וואָס ענטפערט איר ניט, יאָ צי ניין? — פרעגט דער שוין מיט אַ ברוגזדיקן קול.

— וואָס האָב איך צו ענטפערן — זאָגט יענער גאַנץ קאַלט — גלויבט מיר, ס'איז פיל גלייכער איך זאָל אייך בלייבן שולדיק אַן ענטפער איידער איר מיר אַ פינף-און-צוואַנציקער.

## 523. אויף דריי שעה

צו אַ גביר, אַ גרויסן דבר-אחר, איז געקומען איינער בעטן אַ גמילת-חסד. פרעגט אים דער גביר: אויף וויפל צייט ער פאַרלאַנגט דעם גמילות-חסד.

— אייגנטלעך — ענטפערט יענער — באַדאַרף איך עס סך-הכל נאָר אויף דריי שעה, ניט מער.

— אויב נאָר אויף דריי שעה — זאָגט אים דער גביר — איז ניט קיין אומגליק, קען איך אייך געבן.

דערווייל פאַרהאַלט אים דער גביר ביי זיך און זעצט זיך מיט אים אַוועק שמועסן פון דעם און פון יענעם, פון תורה און פּאָליטיק, פון שטאָט-זאַכן און וועלט-נייעס, און צייט שטייט ניט. דער שמועס האָט זיך אַזוי פאַרצויגן אויף העכער דריי שעה. טוט זיך אַ כאַפּ דער ייד, וואָס איז געקומען נאָכן גמילת-חסד, און זאָגט דעם גביר:

— זייט אַזוי גוט, גיט מיר דעם גמילת-חסד, ווייל איך מוז שוין גיין.

— וואָס הייסט? — מאַכט דער גביר תמעוואַטע — איר האָט דאָך פון אָנהויב געבעטן נאָר אויף דריי שעה, און די צייט איז שוין אַריבער.

## 524. מאָרגן

הערשל אָסטראָפּאָלער האָט דערציילט:

— גאָט זאָגט: „לי הכסף ולי הזהב״ (מיינס איז דאָס זילבער און מיינס איז דאָס גאָלד), איך בין געווען אַ בעלן צו בעטן ביי אים, ער זאָל מיר אַנטלייען צען טויזנט גולדן ניט מער ווי אויף איין טאָג, פאַרשטייט זיך גאָטס טאָג *).

— וואָס האָט גאָט דערויף אייך געענטפערט? — פרעגט מען אים.

— וואָס מיינט איר? — זאָגט ער — גאָט האָט מיר אָפּגעזאָגט? חלילה! ער האָט מיר נאָר אָפּגעלייגט אויף איין טאָג און געהייסן קומען מ אָ ר ג ן.

## 525. אַ שמעק טאַבאַק

צום רבונו־של־עולם זיינען געקומען טענהן די דריי וואָס אויף זיי שטייט די וועלט: תורה, עבודה און גמילות־חסדים.

תורה טענהט: רבונו־של־עולם, ווער לערנט תורה היינטיקע צייטן?

— ס׳איז ניט אַזוי די מעשה — זאָגט גאָט — ס׳איז נאָך דאָ גענוג רבנים, שוחטים, מלמדים, וואָס מוזן דאָך לערנען.

עבודה טענהט: רבונו־של־עולם, ווער טוט היינטיקע צייטן תפילה ווי געהעריק איז?

— ס׳איז נאָך פאַראַן — זאָגט גאָט — גוטע יידן, צדיקי הדור.

גמילות־חסדים טענהט: רבונו־של־עולם, ווער טוט היינטיקע צייטן גמילות־חסדים?

— נישקשה — זאָגט גאָט — מען גיט נאָך איינס דעם אַנדערן אַ שמעק טאַבאַק.

— ווײ איז מיר — צעוויינט זיך גמילות־חסדים — די צוויי חברטעס מיינע האָבן נאָך פאָרט עפּעס רעכטס און מיך האָסטו פאַרענטפערט מיט אַ שמעק טאַבאַק?

— פאַל ביי זיך ניט אַראָפּ — טרייסט זי דער רבונו־של־עולם —יענע, מאַכט זיך, האָבן אַ שמעק טאַבאַק אויך ניט די ווערט...

---

*) גאָטס טאָג איז טויזנט יאָר.

## 526. בעטן אָדער געבן

איינער האָט זיך געקלאָגט פאַר ר׳ יחזקאל לאַנדאַ, דעם מחבר פון „נודע ביהודה״ אַז פאַרשיידענע מענטשן קומען צו אים און מען לאָזט אים ניט רוען קיין רגע און ער האָט קיין צייט ניט אַריינצו־קוקן אין אַ ספר.

— דערצו איז דאָ אַן עצה — זאָגט אים דער רב — קומט צו דיר אַ גביר, בעט ביי אים אַ גמילת־חסד, וועסטו אים שוין מער אין די אויגן ניט אָנקוקן; קומט צו דיר אַן אָרעמאַן — גיב אים עפּעס אַ גמילת־חסד, וועט ער זיך שוין מער ניט ווייזן.

## 527. האַלב אויף האַלב

איינער האָט צוגעזאָגט זיינעם אַ גוטן פריינד אויף מאָרגן צו געבן אים אַ גמילת־חסד צען רובל. מאָרגן ברענגט ער צוויי פינפער־לעך, איינס גיט ער יענעם און איינס לאָזט ער איבער ביי זיך. זאָגט יענער:

— איר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט צו לייען גאַנצע צען רובל?

— אמת טאַקע — ענטפערט דער — נאָר אַז ס׳איז באַשערט ס׳זאָל פאַרפאַלן ווערן אַ צענערל, פאַרוואָס זאָל עס זיין אין גאַנצן מיינס? זאָל פאַרפאַלן גיין האַלב מיינס און האַלב דיינס.

## 528. בעסער פרעגן די גרויסע פיש

אַ בעל־הבית האָט איינמאָל אין אַ פרייטיק־צו־נאַכטס אַהיים געבראַכט פון שול אַן אורח אויף שבת. ווען ס׳איז געקומען צו די פיש, דערלאַנגט די בעל־הביתטע דעם מאַן אַ טעלער מיט אַ היפּשן שטיק פון אַ גרויסן פיש און דעם אורח אַ טעלער מיט אַ פּאָר קליינע פישלעך.

דעם אורח האָט די זאַך זייער נישט געשמעקט, האָט ער גע־נומען שטורכען מיטן גאָפּל די קליינע פישלעך, נאָר צום מויל האָט ער ניט גענומען.

פרעגט דער בעל־הבית דעם אורח פאַרוואָס ער עסט ניט די פיש.

— איך וועל אייך דערציילן — ענטפערט דער אורח — מיינער אַ ברודער איז אַמאָלט דערטרונקען געוואָרן און מ׳האָט אים ניט

געפונען. האָב איך זיך איצט געוואָלט דערפרעגן ביי די פישלעך צי וויסן זיי ניט עפּעס וועגן יענעם ברודער מיינעם.

— וואָס־זשע האָט איר זיך פון זיי דערוואוסט — פרעגט דער בעל־הבית מיט אַן איינגעהאַלטענעם שמייכל.

— זיי האָבן מיר געענטפערט — זאָגט דער אורח — אַז זיי ווייסן גאָר ניט, ווייל זיי זיינען נאָך צו קליין, און אויב איך וויל זאָל איך בעסער פרעגן די גרויסע פיש.

דער בעל־הבית האָט באַלד פאַרשטאַנען דעם וואונק און גע־הייסן דערלאַנגען דעם אורח פון די גרויסע פיש.

## 529. ניט געגעסן

אַן אורח זיצט ביים טיש און פּאַקט גאַנץ געשמאַק אויף ביידע באַקן. רופט זיך אָן צו אים דער בעל־הבית:

— פאַרוואָס עסט איר ניט, רב ייד?

— אַ דאַנק — זאָגט דער אורח — פאַרוואָס עס איך נישט? דאַכט זיך, איך עס.

— מאָלט אייך, דאָס הייסט נישט געגעסן נאָר געפרעסן — מאַכט דער בעל־הבית האַלב מיט אַ שמייכל און האַלב־ערנסט.

# נדרים

## 530. איינס פון די צוויי

אַ קרעמערין האָט געקויפט פאַר פסח אַ פּאָר געגדז אויף יום־טוב. איינמאָל קומט זי אַהיים פון קראָם — ניטאָ די געגדז. מ'האָט זיי אויסגעזוכט אומעטום אין הויף און אויף דער גאַס — אַזוי ווי אין דער ערד אַריין. איז זי צוגעגאַנגען צו ר' מאיר בעל־הנס־פּושקע און אַריינגעוואָרפן אַהין ח"י גדולים, ר' מאיר זאָל ווייזן אַ נס און די פאַרפאַלענע עופות זאָלן זיך געפינען. אויף מאָרגן — אַלץ ניטאָ. פאַרנאַכט קומט זי פון קראָם, גייט צו צו דער צדקה־פּושקע און זאָגט שוין מיט כעס:

ר' מאיר, איינס פון די צוויי: אָדער די געגדז זאָלן מיר זיין, אָדער דאָס געלט צוריק!

## 531. אַ ביליק פערדל

אַ דאָרפס־ייִד איז געקומען אין שטאָט אין אַ שיינעם ווינטער־טאָג, געקויפט פאַר אַ גאַנצן הונדערטער זייער אַ געראָטן פערדל און לאָזט זיך צופרידן צוריק אַהיים אין דאָרף. דערווייל האָט זיך דאָס וועטער איינגאַנצן איבערגעטריבן, דער הימל האָט זיך איינגע־הילט אין שוואַרצן און ס'האָט אָנגעהויבן צו שיטן אַ געדיכטער שניי. די פערד האָבן אָן צו־שטיין, ער שמייסט מיטן גאַנצן כוח, זיי רייסן זיך און צום סוף פאַרקריכן זיי אין אַ זייט. ער פילט, אַז ער איז אַראָפּ פון וועג — און דאָ רוקט זיך אָן די נאַכט, און ער איז אין אַ גרויסער סכנה: ער קען אין פעלד פאַרפרוירן ווערן אויף טויט, אָדער גזלנים וועלן אים באַפאַלן, — עפּעס האָט ער זיך אָנ־געהערט דערציילן פון דעם אַרומיקן וואַלד גאָר ניט קיין פריילעכע מעשיות... אַ טויט־שרעק איז אים באַפאַלן און אַנגסטן האָבן אים באַשלאָגן. הויבט ער אויף די אויגן צום הימל און טוט אַ נדר:

— גאָטעניו, אויב דו וועסט באַווייזן דיין גרויס רחמנות און מיך ברענגען בשלום צו מיין ווייב און קינדער, נעם איך אויף זיך צו פאַרקויפן דאָס נייע פערדל און אָפּגעבן דאָס געלט אויף אַ צדקה־זאַך.

און גאָט האָט אים געהאָלפן, דער שניי האָט אויפגעהערט צו שיטן, דער הימל האָט זיך אויסגעלויטערט און ער איז געקומען אהיים בשלום.

אין אַ פּאָר טעג אַרום פאָרט ער ווידער אין שטאָט און נעמט מיט דאָס געקויפטע פערדל און דערצו אויך אַ האָן פון דער היים. געקומען אין שטאָט, לאָזט ער זיך אין מאַרק צו פאַרקויפן דעם פערדל, און דאָס געלט אָפּגעבן אויף צדקה, ווי ער האָט אַ נדר געטאָן.

— פאַר וויפל קען מען קויפן דאָס פערדל? — פרעגט מען אים.

— דאָס פערדל אַליין — ענטפערט ער — פאַרקויף איך ניט, נאָר צוזאַמען מיטן האָן.

— וויפל־זשע פאַר ביידע?

— פאַרן פערד גאָר ביליק, ניט מער ווי צוויי גילדן, און פאַרן האָן ניט ווייניקער פון אַ הונדערטער.

## 532. געזאָגט איז געזאָגט

אַ יידענע אַ פרומע פון די „זאָגערינס" האָט איינמאָל באַדאַרפט איבערגיין אַ טייך איבער אַן אַלט פאַרפוילט בריקל. ביי יעדער טריט טרייסלט זיך דאָס גאַנצע בריקל און זי כאַפּט אַ שרעקלעכן ציטער. טוט זי אַ נדר, אַז נאָך דעם ווי זי וועט בשלום אַריבער, וועט זי געבן אויף ר' מאיר בעל־הנס דריי מאָל ח"י.

אָפּגעגאַנגען שוין אַ האַלב בריקל, זאָגט זי: דריי מאָל ח"י האָב איך געמיינט ניט גאַנצע קאָפּיקעס נאָר האַלבע גראָשנס.

געהאַלטן שוין באַלד ביים סוף, פּרואווט זי זאָגן שטיל צו זיך: ר' מאיר איז אַ גרויסער צדיק און באַנוגנט זיך געווים מיט ווייניק. צו וואָס דווקא דריי מאָל ח"י, גענוג איין...

פּלוצעם טוט זיך אַ בויג אַ פאַרפוילטע ברעט ביי איר אונטער די פיס און זי איז שיעור ניט אומגעפאַלן.

— זע נאָר אַ ביסל, זע! — שרייט זי אויס מיט פאַרדרוס — איך מאַך אַ שפּאַס און ער שטופּט זיך באַלד. ניין, ניין, געזאָגט איז געזאָגט. דריי מאָל ח"י, דריי מאָל...

# דאָרפס־יידן און גראָבע יונגען

## 533. אויב אַזוי, איז איוואַן גוט אין דער ערד

אַ ישובניק איז געקומען פון דאָרף אין שטאָט אום שבת, גע־מיינט אַז ס'איז ערב שבת און זיך געלאָזט גיין אין מרחץ. באַגעגנט אים אַ באַקאַנטער ייד און פרעגט אים:

— וואוהין גייט עס אַ ייד?

— אין מרחץ, אויספּאַרען אַ ביסל די אַלטע ביינער.

דער ייד קוקט אים אָן און מאַכט פאַרוואונדערט:

— וואָס הייסט אין מרחץ? ס'איז דאָך היינט שבת!

— אַזוי גאָר — רופט זיך אָן דער ישובניק — נעכטן, קומט אוים, איז געווען פּריטיק? אויב אַזוי, איז איוואַן גוט אין דער ערד! הערט אַ מעשה: מיין קוטשער איוואַן האָט נעכטן, אום פּרייטיק הייסט עס, גענומען אַ טרונק בראָנפן און פאַרביסן מיט אַ פ ל י י ש י ק ן קניש!

## 534. פאַרקילט און הייזעריק

אַ ישובניק איז געקומען אין שטאָט און פאַרבליבן דאָרט אויף שבת. געקומען שבת אין דער פרי אין שול האָט מען אים געוואָלט מכבד זיין מיט הגבה, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט.

— איך קען נישט איצט — האָט ער געזאָגט דעם שמש — איך האָב זיך אויפן וועג פאַרקילט און בין שטאַרק הייזעריק.

## 535. וואָס האָט מען צו דער שטומער בהמה

אַ ישובניק האָט מען אויפגערופן צו דער „שירה", האָט ער געמיינט אַז דאָס איז די תוכחה, נעמט ער זידלען דעם גבאי פאַר אַזאַ אומכבוד.

— סטייטש — פאַרענטפערט זיך דער גבאי — וואָס פאַר אַ תוכחה אין מיטן דערינען? דאָס איז דאָך די שירה?
— וואָס דערציילסטו דאָרט מעשיות: שירה, שמירה, קירה — שרייט דער ישובניק — דו זעסט נישט, ווי ס'איז שיטער און צע־דריסקעט.

דער עולם האָט זיך אַריינגעמישט און מ'האָט זיך גענומען צו זידלען און צו קלאַפּן. דאָ איז אַרוים אַן אַלטער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט און זיך אָנגענומען פאַר בזיון התורה, געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש און באַווייזנדיק אויף דער תורה האָט ער גענומען שרייען אויף אַ קול:

— מילא צווישן זיך מעגט איר זיך שלאָגן קאָפּ אָן דער וואַנט, אָבער וואָס האָט איר צו איר, נעבעך, צו דער שטומער בהמה?!

## 536. אַ מצווה

אַ דאָרפס־ייד האָט איינמאָל גענומען לייענען אין טייטש־חומש די מעשה מיט יוספן, ווי די אייגענע ברידער זיינע האָבן אים געכאַפּט און פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט קיין מצרים. האָט עס אים שטאַרק אָנגעכאַפּט ביים האַרצן און געפירט צו טרערן.

— נעבעך, נעבעך — האָט ער אַלע מאָל אויסגעשריען מיט אַ טיפן קרעכץ פונעם האַרצן — אַ גאָטס רחמנות אויף דעם אומ־גליקלעכן יתום!

איבער אַ יאָר לייענט ער ווידער די זעלביקע מעשה. רופט ער זיך אָן:

— ניין, איצט הויב איך ניט אָן צו האָבן אויף דיר קיין ברעקל רחמנות. סטייטש, האָסט דאָך שוין גוט געזען פאַראַיאָרן ווי פיין און לייטיש די שיינע ברידער דיינע זיינען זיך מיט דיר באַגאַנגען. נעמסטו, נאַרישער בחור, און קריכסט ווידער צו זיי. אַ מצווה אויף דיר!

## 537. טאָן וואָס דער טאַטע האָט געטאָן

הערשל אָסטראָפּאָלער איז געקומען אַמאָל אין אַ דאָרף צו אַן אָרענדאַרקע און בעט עפּעס עסן.

— ס'איז איצט ביי מיר גאָר נישטאָ וואָס צו געבן עסן — זאָגט די אַרענדאַרקע.

— אויב אַזוי — רעדט הערשל ווי צו זיך אַליין און שפּאַנט מיט כעס איבערן חדר הין און צוריק — אויב אַזוי וועל איך מוזן טאָן וואָס דער טאַטע האָט געטאָן. יאָ, עס ווייזט אויס אַזוי, איך וועל טאַקע מוזן טאָן דאָס וואָס מיין טאַטע האָט געטאָן.

די אַרענדאַרקע, הערנדיק די ווערטער, האָט זיך אַביסל דער־שראָקן. דערלאַנגט זי אים עסן. נאָכדעם אַז הערשל האָט אָפּגע־געסן און זיך באַרואיקט, פרעגט אים די אַרענדאַרקע:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס האָט אַזוינס אייער פאָטער געטאָן?

— מיין פאָטער, עליו־השלום — ענטפערט ער — איז געווען אַן אָרעמאַן ווי אין פּסוק שטייט, האָט ער געהאַט אַ טבע, אַז עס פלעגט זיך מאַכן ער האָט ניט געהאַט וואָס צו עסן פאַרן שלאָף — האָט ער זיך געלייגט שלאָפן הונגעריק.

## 538. אויך נישקשה פון אַ מיטל

אַ ישובניק איז איינמאָל געקומען אין שטאָט, באַגעגנט ער דאָרט הערשל אָסטראָפּאָלער און זאָגט אים:

— איך האָב געהערט מען זאָגט אויף אייך, אַז איר זענט אַ ייד אַ חכם, אפשר ווייסט איר עפּעס אַ מיטל קעגן פליי? ביי אונדז אין שטוב קען מען פון זיי ניט אויסהאַלטן.

— אַוודאי ווייס איך אַ טייער מיטל — ענטפערט הערשל — איר דאַרפט אַנגרייטן קאַלך און ווען אַ פליי נעמט אייך בייסן דאַרפט איר זי באַלד פאַקן און נעמען קיצלען ביז זי וועט אָנהויבן לאַכן און עפענען אַ מויל, דעמאָלט דאַרפט איר לאַנג נישט טראַכטן און כאַפּן געשווינד אָנשיטן איר גלייך אין מויל אַריין אַ ביסל קאַלך, קראַפּירט זי באַלד אויפן אָרט.

— אויב איך וועל שוין כאַפּן די פליי — פרעגט דער ישובניק — קען איך דאָך זי אַזוי נעמען און צעקוועטשן.

— וואָס מיינט איר — זאָגט הערשל — דאָס איז טאַקע אויך נישקשה פון אַ מיטל.

## 539. אַ שטיקל אַפּיקומן

אַ דאָרפס־ייִד איז געקומען צו הערשל אָסטראָפּאָלער און קלאָגט זיך פֿאַר אים, אַז ס׳איז ניט אויסצוהאַלטן פֿון די מייז ביי אים אין הויז, זיי פרעסן אויף וואָס זיי דערטאַפּן, און ער ווייסט ניט וואָס פֿאַר אַן עצה מען טוט דערצו.

— איך האָב פֿאַר אייך אַ גוטע עצה — זאָגט הערשל — נעמט און לייגט אַריין אין יעדן מויז־לאָך ביי אייך אין שטוב אַ שטיקל אַפּיקומן, און נאָכדעם ווי די מייז וועלן עס אויפעסן, וועלן זיי מער קיין זאַך ניט טאָרן נעמען אין מויל, ווייל אַזוי איז אַ בפירושער דין: נאָכן אַפּיקומן טאָר מען קיין זאַך ניט עסן.

— פֿון וואַנען — פֿרעגט דער דאָרפס־ייִד — פֿון וואַנען ווייסן זיי, די מייז מיין איך, דעם דין?

— אַוודאי ווייסן זיי — ענטפֿערט הערשל גאַנץ ערנסט — אַנומלט האָבן מייז ביי מיר אַליין אויפגעגעסן אַ גאַנצן „שולחן־ערוך" און האָבן גוט צעקייט אַלע דינים פֿון פּסח.

## 540. גוטע ייִדן וועלן ניט דערלאָזן

אַ ישובניק האָט אַמאָל געפֿרעגט דאָס ווייב וואָס זי גייט אַרום אַזוי צעטראָגן.

— ווי אַזוי זאָל איך נישט זיין צעטראָגן — ענטפֿערט דאָס ווייב — אַז איך האָב געהערט גאָר נישט קיין גוטע בשורה: דער שטאָטישער ייִד וואָס איז דורכגעפֿאָרן האָט מיר דערציילט, אַז אין שטאָט שמועסט מען שטאַרק משיח וועט אין גיכן קומען און וועט פֿאַרנעמען אַלע ייִדן קיין ארץ ישראל.

— נו, וואָס איז דער אומגליק? — פֿרעגט דער מאַן.

— וואָס הייסט וואָס איז דער אומגליק? מיר זיינען דאָך נישט גלייך צו אַ שטאָטישן וואָס נעמט דאָס פּעקל און גייט אין וועג. דו פֿאַרגעסט, אַז מיר האָבן בהמות און פֿערד און הינער און גענדז און קאַטשקעס.

— שרעק זיך נישט, מיין ווייב — מאַכט דער ישובניק — עס זיינען נאָך דאָ אויף דער וועלט גענוג גוטע ייִדן און זיי וועלן צו אַזאַ אומגליק ניט דערלאָזן.

## 541. הלוואי אויף מיינע קינדער

אַ רייכער ישובניק איז געקומען אַמאָל צו ר׳ יוסי בער בריסקער מיט זיינס אַ קינד, אַ חדר־יינגל, דער רב זאָל אים פאַרהערן.

אַלע שטוב־מענטשן האָט פאַרדראָסן דאָס עזות פון דעם ישובניק צו קומען צום רב ער זאָל פאַרהערן זיין קינד.

ר׳ יוסי בער האָט גענומען אַ חומש און געפרעגט דעם יינגל אַ פסוק אין חומש, און דערנאָך געזאָגט דעם ישובניק:

— הלוואי זאָל מען עס זאָגן אויף מיינע קינדער דאָס וואָס מען וועט זאָגן אויף דיינע.

דער ישובניק איז אַוועק מיט אַ שיינענדיק פנים, און אַז די תלמידים האָבן דערנאָך געפרעגט ר׳ יוסי בערן וואָס ער האָט דערמיט געמיינט, האָט ער זיי געענטפערט:

— גאָר פשוט, הלוואי זאָל מען אויך אויף מיינע קינדער קענען זאָגן אַזוי ווי אויף זיינע, אַז זיי קענען לערנען מער ווי דער טאַטע זייערער.

## 542. אַ נס

אַ גרויסער נס איז — האָט געזאָגט אַ ישובניק — וואָס משה רבנו האָט אונדז געגעבן די לוחות, ווייסן מיר כאָטש ווען ס׳איז אַמאָל אַ יריד.

## 543. ער זוכט אַן איידעם

אַ רייכער ישובניק איז געקומען אין איינע פון די גרויסע ישיבות און זיך געווענדט צום ראש־ישיבה מיט אַ בקשה: ער זאָל אויסקלייבן צווישן די בעסטע תלמידים זיינע אַ פיינעם בחור אַ צאַצקע אים פאַר אַן איידעם.

— וויפל איז אַלט אייער טאָכטער די כלה — פרעגט אים דער ראש־ישיבה.

— וואָס פאַר אַ טאָכטער? — ענטפערט דער ישובניק — ניין, רבי, קיין טאָכטער האָב איך נישט. נאָר איך בין אַזוי, געלויבט דער אויבערשטער, אַ מטופל מיט אַלדעם גוטס: ביי מיר אין הויף, ווי איר קוקט מיך אָן, דרייען זיך אַרום הינער, קאַטשקעס און גענדז,

און אַפילו אינדיקעס. האָב איך מיר באַטראַכט: זאָל זיך ביי מיר אין שטוב אָרומדרייען אַ פיין איידעמל אויך.

## 544. אויסלערנען „קדיש"

אַן אַרענדאַר אַ בעל-גוף האָט געבראַכט פון שטאָט אַ מלמד צו זיין זונדל. אין עטלעכע טעג אַרום קומט ער אַן און טרעפט ווי דער מלמד זיצט און לערנט מיטן יינגל „קדיש" זאָגן, ווערט ער אין גרים-צאָרן און שרייט:

— וואָס טוט איר עס? איך בין, ברוך-השם, געזונט און שטאַרק און קיין איין גראָע האָר, דאַנקען גאָט, האָב איך נאָך נישט, און איר האָט קיין צייט ניט און שוין געכאַפּט אים אויסצולערנען פריער פון אַלץ קדיש-זאָגן!

— ערגערט זיך ניט אַזוי, בעל-הבית לעבן — באַרואיקט אים דער מלמד — גלויבט מיר, ביז דער טייערער „קדיש" אייערער וועט זיך אַמאָל אויסלערנען „קדיש"-זאָגן, קען איך אייך פאַרזיכערן, אַז איר וועט ווערן אַ גרייז-גראָער מאַן.

## 545. דער סוד פון „חד-גדיא"

איינעם אַ ישובניק איז אויסגעקומען צו זיין פאַר פסח אין נאָענטן שטעטל ביים רב, הערט ער ווי איינער פרעגט דעם רב, וואָס איז דער פשט פון „חד גדיא", און דער רבי ענטפערט דערויף: „דאָס איז אַ סוד-זאַך".

געקומען אַהיים, בעט דער ישובניק דעם זונס מלמד ער זאָל אים פאַרטייטשן „חד-גדיא", פאַרטייטשט ער אים: „חד-גדיא" — איין ציגעלע, „חד-גדיא" — איין ציגעלע, „דזבין אבא בתרי זוזי" — וואָס דער טאַטע האָט געקויפט פאַר צוויי גילדן. רופט זיך אָן דער ישובניק:

— איצט פאַרשטיי איך שוין דעם סוד פון „חד גדיא", וואָס דער רב האָט געזאָגט: „חד גדיא" — איין ציגעלע, און נאָך אַמאָל „חד גדיא" — ווידער אַ ציגעלע, האָבן מיר שוין הייסט עס, צוויי ציגעלעך, און אַז דער טאַטע האָט געקויפט יעדע ציגעלעך פאַר צוויי גלידן, וואָס איז דאָס אַזוינס אויב ניט קיין געגנבעטע? אָט אין דעם, אפנים, שטעקט דער גאַנצער סוד!

## 546. זכות אבות

אַן אַרענדאַר דערציילט דעם ווייב, אַז אין גיכן ענדיקט זיך דער טערמין פון דער קרעטשמע, וואָס ער אַרענדירט ביים פּריץ, און דאָ האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער שכן יענקל דער רויטער קריכט אויף אים און קלויבט זיך אויסצודינגען ביי אים די קרעטשמע. דאָס ווייב האָט דאָס דערהערט, לאָזט זי שוין דעם מאַן ניט רוען און טרייבט אים, ער זאָל באַלד לויפן און אָפּמאַכן מיטן פּריץ אויף ווייטער.

דער אַרענדאַר פאָלגט דעם ווייב. געקומען דערנאָך פונעם פּריץ אַהיים, דערציילט ער דעם ווייב מיט גרויס התפעלות:

— הערסטו מיין ווייב, אַ גרויסער נס האָט זיך מיט אונדז היינט געטראָפן. איך זיץ זיך דאָרט און דינג זיך אַזוי מיטן פּריץ, ער וויל אַ שרעקלעכע הוספה, און איך טענה אַז ס'איז אוממעגלעך, גיב איך אַ קוק דורכן פענצטער — עס גייט ער אַליין, דער שיינער בחור, יענקל דער רויטער, אויף קיין גוט אָרט זאָל ער ניט טרעטן! ווי געפעלט עס דיר? אַ יאָ דער רוח האָט אים אָנגעטראָגן פונקט אין דער רעכטער צייט? פינצטער איז מיר געוואָרן אין די אויגן און איך האָב געמיינט, אַז איך בלייב אויפן אָרט. וואָס טוט גאָט? באַפאַלן אים דעם פּריצס צוויי גרויסע הינט און ער בלייבט שטיין ביים טויער און וואַרט ביז איינער פון די באַדינער זאָל אַרויסגיין — און דערווייל האָב איך געכאַפּט און געגעבן עפּעס אַ קליינע הוספה און אָפּגעמאַכט מיטן פּריץ אויף ווייטער. איך זאָג דיר, אין די נויטן זיינען אונדז די הינט בייגעשטאַנען.

— נאַרעלע איינער! — מאַכט דאָס ווייב מיט אַ שיינענדיק פּנים — הינט זאָגט ער, זכות־אָבות זיינען אונדז דאָ בייגעשטאַנען. דאָס זיינען געווען אונדזערע ביידע זיידעס, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָלן זיי האָבן, דאָס האָבן זיי זיך פאַר אונדז געמיט.

## 547. צוליב דעם חורבן פונעם בית־המקדש

אַ ישובניק האָט אַמאָל אַראָפּגעבראַכט אין דאָרף אַ מלמד צו זיינע קינדער. דער מלמד איז געווען פון די גאָר פרומע יידן און יעדע נאַכט פלעגט ער אויפשטיין אָפּריכטן „חצות".

איינמאָל דערהערט דער ישובניק אַרום האַלבער נאַכט דעם מלמדס זאָגן און וויינען. כאַפּט ער געשווינד אויף זיך אַ בגד און

גייט אַריין געשווינד צום מלמד אין חדר און פרעגט אים: וואָס איז די מעשה וואָס ער יאָמערט אַזוי, וואָס אַזוינס האָט זיך מיט אים געטראָפן?

— געטראָפן האָט זיך אַ גרויסער אומגליק — נעמט אים דער מלמד דערקלערן — אָבער ניט מיט מיר אַליין, נאָר מיטן גאַנצן פאָלק ישראל. מיר יידן האָבן געהאַט אַמאָל אַן אייגן לאַנד, דאָס הייליקע לאַנד, מיט אַ בית־המקדש, מיט אַ מלך, מיטן אַ כהן גדול, נאָר ווי שטייט דאָרט אין סידור: „ומפני חטאינו", ווייל יידן האָבן פאַרזינדיקט האָט זיי גאָט געשטראָפט און אַנגעשיקט אויף זיי בייזע שונאים ווי ווילדע חיות און יענע האָבן אונזער הייליק לאַנד פאַרוויסט, דעם בית־המקדש פאַרברענט און יידן פאַרטריבן אין גלות, וואו מיר געפינען זיך אויף צרות און גרויסע יסורים ביז היינטיקן טאָג. אָט דערפאַר מוז יעדער פרומער ייד אויפשטיין האַלבע נאַכט, שיטן אַש אויפן קאָפּ און וויינען און קלאָגן אויפן חורבן בית־המקדש.

אויסהערנדיק דאָס האָט דער ישובניק באַלד זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד און גענומען יאָמערן און פילדערן אויף ווילדע קולות. און אַזוי האָט זיך עס דערצויגן ביז ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן. דע־מאָלט האָבן ביידע, דער מלמד מיטן ישובניק זיך געשטעלט דאַווּ־נען. נאָכן דאַוונען האָט דער ישובניק פאַרגעלעגט, דעם מלמד נע־מען צו ביסלעך בראָנפן צו דערקוויקן אַ ביסל דאָס פאַרחלשטע האַרץ, און טאַקע נאָך אַ ביסל און ווידער אַ ביסל, ביז זיי זיינען ביידע גע־וואָרן היפּש מבוסמ'דיק און האָבן גענומען פּליעסקען און זינגען אויף קולות, און טאַקע פאַרקאַטשעט די פּאָלעס און געטאַנצט אַ פריילעכס.

דערהערט דאָס די ישובניצע, קומט זי אַריין צו לויפן מיט אַ געשריי: וואָס איז דאָ פלוצעם פאַר אַ חתונה?

— אַ שיינע חתונה — רופט זיך אָן דער ישובניק און כליפּעט ווי אַ קינד — אויף אַלע אונדזערע שונאים געזאָגט געוואָרן אַזעלכע חתונות! אוי און וויי איז מיר, דאָס איז דאָך צוליב דעם חורבן פונעם בית־המקדש!

## 548. ביז איבער פסח

איינער אַ ייד האָט געהאַלטן אַן אַרענדע ביי אַ פּריץ. דער פּריץ האָט פון דעם יידן געהאַלטן, און איינמאָל אין אַ ווינטער

בשעת א סעודה ביים פריץ, האט ער זיך באַרימט פאַר זיינע געסט, פּריצים פון דער סביבה, מיט זיין יידן אַז ער איז גאָר א לייטישער, און דערצו איז ער שטאַרק געטריי אים, דעם פּריץ, אַז ער וועט טאָן אין אַלע צייטן אַלץ וואָס ער וועט אים הייסן.

— אפילו אָננעמען אונדזער רעליגיע? — פרעגט איינער פון די געסט.

— געוויס — ענטפערט דער פריץ — ער וועט זיך ניט פאַר־טראַכטן אַפילו אויף איין רגע.

און באַלד שיקט ער רופן דעם אַרענדאַר זיינעם, און פרעגט אים פאַר אַלע פריצים אין די אויגן:

— זאָג, מאָשקע, ביסט מיר געטריי?

— וואָס איז דאָס פאַר א שאלה? — ענטפערט דער אַרענדאַר — פאַרן פריץ בין איך גרייט אַלץ צו טאָן.

— נו, — זאָגט דער פריץ — און אַז איך וועל הייסן אַז דו זאָלסט זיך שמדן, וועסטו פאָלגן?

דער ייד איז פאַרציטערט געוואָרן. געטראַכט א ביסל, נאָר די מורא פאַרן פריץ איז דאָך גרויס, האָט ער געענטפערט מיט א האַלב מויל:

— יאָ.

און דער פריץ האָט אים אויף מאָרגן אָפּגעשמדט.

אין א שטיקל צייט אַרום, נאָך פורים, שיקט דער פריץ רופן דעם אַרענדאַר און זאָגט אים:

— איצט, מאָשקע, קענסטו ווערן צוריק א ייד.

לויפט דער ייד אַוועק אַהיים אָנזאָגן דעם ווייב די בשורה, אַז דער פריץ דערלויבט זיי ווערן צוריק יידן.

— א וויטיק איז מיר! — שרייט אויס דאָס ווייב — וואָס וועלן מיר איצט טאָן. עס גייט אַזאַ פּסח מיט אַזעלכע שרעקלעכע הוצאות אויף מצות, וויין און פּסחדיקע כלים. גיי באַלד בעט דעם פריץ, אַז מיר זאָלן מעגן זיין גויים ביז איבער פּסח.

## 549. מיר האָבן א גרויסן גאָט

איינמאָל איז געקומען אַן אַרענדאַר פון שטאָט צו זיך אַהיים אין דאָרף זייער פאַרזאָרגט און דערציילט דעם ווייב:

— הערסטו, מיין ווייב, ס'איז ניט פריילעך, מען שמועסט

שטאַרק אין שטאָט, אַז עס האַלט דערביי משיח זאָל אין גיכן קומען און אונדז יידן אַוועקפירן פון דאַנען. וואָס וועלן מיר דעמאָלט טאָן מיט אונדזער נייע פּאַסעסיע?

— זאָרג זיך ניט! — טרייסט אים דאָס ווייב — נישקשה, האָבן אַ גרויסן גאָט! דער וואָס האָט יידן אויסגעלייזט אַמאָל פון פרעהם און פון המנס הענט, וועט אונדז היינטיקס מאָל אויך ניט פאַרלאָזן און אַרויספירן פון דעם דאַזיקן נייעם אומגליק אויך.

## 550. אַריינמישן זיך צווישן קיסרים

אין דער צייט פון גרויסן פראַנצויזישן קריג אין רוסלאַנד, איז אויסגעקומען עטלעכע אָפיצירן פון נאַפּאָלעאָנס חיל דורכצוגיין אַ דאָרף. איינער אַ ייד פון יענעם דאָרף האָט געטראָגן בשעת־מעשה פונעם טייך צוויי פולע עמערס, כאַפּט ער און גיסט זיי אויס אויף דער גאַס און לאָזט זיך גיין אַקעגן דעם שונא מיט ליידיקע עמערס. דערזעט עס דאָס ווייב זיינס, נעמט זי אים נאָכשרייען מיט קולות:

— גזלן איינער! אַז צוויי קיסרים קריגן זיך צווישן זיך, וואָס טויג דיר צווישן זיי זיך אַריינצומישן?

## 551. אַ פּראָסטער „חי וקים"

אַמאָל פלעגט זיין אַ מנהג צו יוצרות מכבד צו זיין איינעם פון עולם מיט זאָגן „חי וקים" — איינמאָל גייט צו דער שמש צו אַ גראָבן ישובניק, אים מכבד צו זיין מיט „חי וקים".

— וואָס פאַר אַ „חי וקים" איז היינט, טוט אַ פרעג איינער דערביי — „בגזרת" אָדער „בסכת"?

— ניין, — ענטפערט דער שמש — אַ פּראָסטער „חי וקים".

דער ישובניק האָט עס געהערט און גענומען גוט אין זינען. און דערנאָך, ווען ס'איז געקומען צו זאָגן, האָט ער אויסגעשריען אויף אַ קול: „אַ פּראָסטער חי וקים!".

## 552. ערגער, ערגער

אַ ישובניק איז געקומען פון דאָרף אין שטאָט און פאַרבליבן דאָרט אויף איבער שבת. געקומען שבת אין שול רופט מען אים אויף

צו דער תורה. הויבט ער אָן זאָגן די ברכות און פאַרפּלאָנטערט זיך נעבעך און בלייבט שטיין. וויל מען אים געבן אין דער האַנט אַ סידור, ער זאָל ניט דאַרפן זאָגן אויסנווייניק, נעמט ער מאַכן מיט די הענט און שרייט אויף אַ קול:

— ערגער, ערגער!

## 553. אַ תהילים מיט גרויסע קאַנטן

אַ ייד אַ יודע־ספר האָט דערזען ביי אַ ישובניק אַ תהילים מיט אַ גרויסן פּירוש אַרום, האָט ער געכאַפּט אַ קוק אין פּירוש און ער איז אים געפעלן, לייגט ער פאָר דעם ישובניק, אַז ער וועט אים געבן פאַר דעם דאָזיקן תהילים אַן אַנדערן מיט שיינע אותיות, און אויב ער וויל ניט מאַכן אַ חילוף גלייך אויף גלייך איז ער גרייט אים צוצאָלן געלט אויך.

— ניין, — זאָגט דער ישובניק — דעם תהילים האָב איך ניט לאַנג געקויפט און ער איז ביי מיר שטאַרק טייער, איך האָב לאַנג געזוכט אַזעלכן און איך וועל אים ניט פאַרקויפן פאַר קיין געלט אין דער וועלט.

— פאַרוואָס? — פרעגט יענער — דער פּירוש געפעלט אייך אַזוי?

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת — ענטפערט דער ישובניק — דעם פּירוש פאַרשטיי איך ניט, נאָר ער געפעלט מיר דערפאַר וואָס ער פאַרנעמט גרויסע קאַנטן פונעם תהילים, ווען אַפילו דער מאָיל וועט זיך אַהער אַריינכאַפּן, וועט ער אויפפרעסן די ברייטע קאַנטן אַרום און די קאַפּיטלעך תהילים וועלן בלייבן גאַנץ.

## 554. דער כוח פון דקדוק

אַ ישובניק, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שטיקל יודע־ספר, האָט אַמאָל דערקלערט פאַר אַנדערע דאָרפס־לייט, ווי ווייט עס דערגרייכט דער כוח פון דקדוק:

— הערט אַ מעשה, וואָס פון אַ וואָרט קען ווערן: „שמע" — איז דער טייטש „הער", „שמעני" — איז שוין „הער מיך" און „ישמעאל" — ווערט מיטאַמאָל גאָר אַ „טערק".

## 555. אַרויפלייגן אויף יענעם

אַ ישובניק איז געקומען אין שטאָט אויף ימים נוראים. זיצט ער יום-כיפּור אין שול און האַלט אין די הענט אַ גרויסן און אַ שווערן מחזור. איז ער זיך מישב און לייגט אַנידער דעם שווערן מחזור זיינעם אויף די ברייטע פּלייצעס פון אַ יידן וואָס איז געזעסן אַקעגן אים מיט אַ באַנק פריער. קערט זיך יענער אום צום ישובניק און זאָגט אים:

— רב ייד, איר האָט געזינדיקט און אויף מיר לייגט איר אַרויף!

## 556. דער זעליקער פאָטער האָט עס פאַרדינט

אַ דייטשער יאַהודי האָט געהאַט יאָרצייט אין מיטן דער וואָך. האָט ער דעם יאָרצייט אָפּגעלייגט אויף שבת. און דעם שבת איז ער געגאַנגען אין אַ יידישן גאָרקיך עסן אַ כשרן מיטאָק. אָפּגעגעסן איין פּראָציע קוגל, הייסט ער זיך דערלאַנגען אַ צווייטע פּאָרציע.

— שמעקט אייך אַזוי דער קוגל? — פרעגט אים זיין נאָענטער שכן.

— גאַנץ גלייך — ענטפערט דער יאָרצייט-ייד — מיין זעליקער פאָטער האָט עס וואויל פאַרדינט.

## 557. אָפּדאַוונען איידער ער וועט קומען

פאָרנדיק אויף אַ יאַריד איז אַמאָל אַ פערד-הענדלער פאַרפאָרן אויף אַן אַכסניא. דערזעט ער אויפן טיש אַ פּאָר תפילין, נעמט ער טוט זיי אָן און שטעלט זיך דאַוונען. קומט אַריין דער באַלעבאָס און זעט יענעם דאַוונען אין די תפילין זאָגט ער אים:

— ר׳ ייד, עס איז דאָך רבינו תמ׳ס תפילין!

— עס מאַכט ניט אויס — מאַכט דער פערד-הענדלער — איך וועל נאָך באַווייזן אָפּדאַוונען איידער ער וועט קומען. ביי מיר גייט עס גאַלאָפּ, איינס און צוויי...

## 558. אדם ובהמה

אַ מגושמדיקער רייכער ישובניק פון אַ נאָענטן דאָרף איז געבליבן אין שטאָט אויף שבת. געקומען אין שול האָט אים דער שמש

אַרויפגעפירט אויבנאָן און אַנידערגעזעצט לעבן דעם רב אין מזרח. דעם רב האָט עס פאַרדראָסן, נאָר ער האָט געשוויגן. פרייטאָג צו־נאַכטס און שבת אין דער פרי איז דער ישובניק אָפּגעזעסן שטיל די גאַנצע צייט און ניט אויסגערעדט צום רב קיין וואָרט. צו מנחה, בעתן זאָגן „אדם ובהמה תושיע ה׳״, האָט ער געפונען אַ געלעגנהייט אַ שמועס צו טאָן מיטן רב און פרעגט אים:

— רבי, וואָס איז דער פשט פון „אדם ובהמה״, ווי שטעלט מען עס אַנידער לעבן „אדם״ אַ „בהמה״?

— מיר איז אויך די זאַך קשה — ענטפערט דער רב — גיט אַ פערג זייט מוחל, דעם שמש.

## 559. דער פעטער עשו

אַן אויפגעקומענער גביר, איינער פון די גרויסע גראָבע יונגען, איז געקומען אין דער גרויסער שטאָט־שול הערן דעם חזן. דער שמש האָט אים דערזען, האָט ער אים מיט גרויס דרך־ארץ געבעטן אַרויף אויבנאָן און אָנגעוויזן אַ פּלאַץ לעבן רב. פאַרן לייענען בויגט זיך דער גביר אָן צום רב און ווייזט אים אָן מיטן פינגער אין סידור זיינעם אויף „עשב בשדך״ אין קריאת־שמע און פרעגט אים:

— גיט מיר צו פאַרשטיין, רבי, ווי קומט אַהער דער פעטער עשו?

— די אייגענע קשיא — ענטפערט דער רב — וואָלט איך געפרעגט — ווייסט איר וועמען? דעם שמש אונדזערן.

## 560. דריי משהס

איינער אַ גביר, אַ רעכטער גראָבער יונג, מיטן נאָמען משה, האָט איינמאָל זיך באַרימט:

— אויף דער וועלט, זאָג איך אייך, איז געווען דריי משהס: משה רבינו און איך און מיין פעטער כאַצקל.

## 561. אַ בקי

איינעם אַ דייטשן יידן, וואָס רעדט־אויס אַ חולם ווי אַ קמץ, האָט מען אים איינמאָל געפרעגט:

— וואו געפינט זיך דער נאָמען דוד דאָס ערשטע מאָל אין תהילים?

דער דייטש האָט אַרויסגעוויזן אויפֿן שטעל בקיאות און גע־ענטפערט:
דער נאָמען דוד געפינט זיך אין תהילים גאָר אין אָנפאַנג: „ודרך רשעים תאבד".

## 562. מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן

איינער אַ גביר, אַ גרויסער פּראָסטאַק, האָט איינגעלאַדן צו זיך אויף אַ מאָלצייט לויטער לומדים און וואויל־קענער. צום סוף האָט ער גערופן אויך אַ פּאָר פּראָסטאַקעס און זיי שטאַרק געבעטן:
— למען השם, קומט צו גיין! אויב ניט וועל איך ניט האָבן ביים טיש מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן.

## 563. דער קאַטשאַן אין „שלחן ערוך"

צוויי פערד־הענדלער זיינען געקומען צום רב וועגן אַ דין־תורה איבער אַ פערד אַ קאַטשאַן. דער רב האָט געוואָלט איינקוקן זיך אין דין זאָגט ער דעם בחור זיינעם:
— דערלאַנג נאָר אַהער פון דער שאַפע דעם „שולחן־ערוך".
רופט זיך אָן איינער פון די פערד־הענדלער שטאַרק פאַרוואונ־דערט:
— ווי קומט דער קאַטשאַן אין „שולחן־ערוך" אריין?

## 564. אַזוינע וויסטע קאַליקעס

אַ יידענע האָט יום־טוב אין שול שטאַרק געגאָסן מיט טרערן בעתן זאָגן אין הלל: „עינים להם ולא יראו" — זיי האָבן אויגן און זעען ניט, „אזנים להם ולא ישמעו" — זיי האָבן אויערן און הערן ניט, און אַזוי ווייטער. פרעגט זי די שכנה: וואָס וויינט זי אַזוי דערבײַ?
— ווי אַזוי — ענטפערט זי — קען מען האָבן אַ האַרץ און ניט וויינען? נעבעך אַזוינע וויסטע קאַליקעס!

## 565. זיך אָנגעשטויסן

איינער האָט ניט געוואוסט דעם טייטש פון „חמור טעון פשתן". טראַכט ער זיך: אויב איך וועל פרעגן דעם טייטש פון אַלע דריי

זוערטער, וועט מען דאָך זאָגן אויף מיר, אַז איך בין גאָר דער גרוי־סער עם־הארץ; בעסער וועל איך נאָר פרעגן דעם טייטש פון איין וואָרט, פון מיטעלסטן, וועל איך שוין דאָס איבעריקע אַליין זיך אָנ־שטויסן. האָט ער אַזוי געטאָן און זיך דערוואוסט, אַז „טעון" איז דער טייטש „אָנגעלאָדן".

— אַהאַ! — זאָגט ער — ווייס איך שוין איצט אין גאַנצן: „חמור" — אַ ביקס, „טעון" — אָנגעלאָדן, „פשתן" — מיט אַ פּיסטאָנע.

## 566. לאַנג געווען בר־מצווה

אַן אָרעמע יידענע קלאָגט זיך פאַר דער צווייטער אויף איר פינצטערן מזל:

— אַ טייער קינד האָב איך, אַ תכשיט זאָג איך אייך, וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז ער שטייט איין ביי אַזאַ אָרעמער מאַמע. ווען אַזאַ קינד געפינט זיך אין אַ רייכער שטוב, וואָלט ער שוין לאַנג געווען „בר מצווה"!

## 567. אויפן רוח געפינט זיך

אַ דאָרפס־יידענע איז געקומען צום רבין, אַוועקגעלייגט אַ רובל פאַר אַ פדיון און קלאָגט מיט טרערן:

— רביניו, ניטאָ מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען. אַליין בין איך אַן אַלמנה, און עס וועט מיר אויסקומען אויסצוגיין מיט די קינ־דער פון הונגער אין מיטן גאַס...

— און וואו, טאָכטער — פרעגט דער רבי — האָסטו גענו־מען איצט דעם רובל?

— וואָס פרעגט איר, רבי, — מאַכט די יידענע — אויפן רוח געפינט זיך

## 568. נאָך אַלץ די נאַרישקייטן אין זינען

אַ דאָרפס־יידענע אַן אַלמנה איז געגאַנגען ערב ראש־חודש אלול אויפן מאַנס קבר זיך אויסוויינען פאַר אים איר ביטער האַרץ. מיט אַ גרויס געוויין איז זי אַרויפגעפאַלן אויפן קבר און געיאָמערט און געקלאָגט וויפל דער כוח האָט איר געטראָגן. געבליבן אָן כוחות האָט זי זיך געוואָלט אויפהויבן אַהיים צו גיין, האָט זיך אָבער דאָס

קלייד אירם פאַרטשעפּעט אינעם קבר און זי האָט זיך ניט געקענט אויפשטעלן, איז זי געווען זיכער, אַז ניט אַנדערש, דער מאַן האַלט זי און לאָזט זי ניט אַוועקגיין.

— אוי, בערל — מאַכט זי צו אים — עס ווייזט אויס, אַז דו ביסט גאָר ניט אַנדערש געוואָרן — אַפילו נאָכן טויט ליגן דיר נאָך אַלץ אין זינען די נאַרישקייטן!

### 569. אַ גרויסער ווייסער

איינער האָט זיך באַרימט, אַז ער איז אַ גרויסער ווייסער אין גמרא לשון. פרעגט מען אים: וואָס הייסט „גרגרת”?

— אַ טרוקענע פייג — ענטפערט ער.

— און „גרוגרת” וואָס הייסט?

— אַן אַלטע בתולה.

— און „בוגרת”?

— אַ מין באַשעפעניש, האַלב זכר און האַלב נקבה.

— און „אַנדרוגינוס”?

— אַ רוימישער קיסר.

— און „אַדרינוס”?

— דאָס וואָרט ווייס איך ניט.

### 570. צו אַ גרויסער למדן

אין אַ שטעטל האָבן איניקע בעלי-בתים פון די גראָבע יונגען זיך צונויפגענומען און געמאַכט אַ באַזונדער קלייזל נאָר פאַר אַזוינע לייט ווי זיי, אום ניט צו האָבן פאַר די אויגן קיין למדנים, וועלכע נעמען זיך איבער תמיד מיט דעם יחוס זייערן וואָס זיי קענען לערנען. און אָפּגעמאַכט האָבן זיי צווישן זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז אַ למדן טאָר ניט אַריינשמעקן צו זיי אין שולעכל.

איינמאָל נעמט דער קורא לייענען אין דער תורה די סדרה קורח און באַלד פון אָנהויב שטעלט ער זיך אָפּ:

— די ספר-תורה איז אַ פּסולע! — שרייט ער אויס.

וואָס איז? ער האָט געפונען אַ גראָבן גרייז: עס שטייט „קורח” און דאַרפן דאַרף גאָר שטיין, ווי ער געדענקט פון דער הגדה, „כורך”. די מזרח-בעלי-בתים זיינען אַלע צוגעגאַנגען באַטראַכטן מיט זייערע אויגן דאָס גרייזיק וואָרט, באַלד האָט מען געבראַכט

אַ גראָבן סידור, אויפגעמישט די הגדה און צוגעגלייבט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער קורא איז טאַקע גערעכט: די ספר־תורה איז ווירקלעך אַ פסולע; נאָר דערפאַר האָבן די בעלי־בתים געפונען, אַז פאַר אים, פאַר דעם קורא, איז אויך מער קיין פּלאַץ ניטאָ אין דער דאָזיקער שול, ווייל ער איז אַ צו גרויסער למדן.

## 571. למדן אַרויס

חברה שוסטערס האָבן איינמאָל געמאַכט אַ קערמישל, און אַזוי ווי זיי האָבן געוואָלט עס זאָל זיין „ליהודים״, לעבעדיק און פריילעך, האָבן זיי אָפּגעמאַכט צווישן זיך ניט אַריינצולאָזן קיינעם פון די יאָלדן, וואָס קען עפּעס אין די קליינע אותיותלעך.

האָט מען אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר אַ געזונטן שוסטער־יונג, ער זאָל קיינעם ניט אַריינלאָזן ביז ער וועט זיך גוט דערפרעגן ביי יענעם צי ער קען עפּעס לערנען צי ניין.

קומט איינער און שפּאַרט זיך אַריינצוגיין.

— רב ייד — שטעלט אים אָפּ דער שומר ביי דער טיר — פּאַוואָליע, ניט געכאַפּט! זאָגט נאָר פריער, קענט איר עפּעס לערנען?

— לערנען? — ענטפערט יענער — עפּעס וואָס געדענק איך נאָך פונעם חומש. איך ווייס, אַ שטייגער, אַז איינער האָט אָנגעשטאָפּט דעם אַנדערן מיט לינדזן. איך קען זיך נאָר ניט דערמאָנען ווער וועמען, צי תרח בלק'ן, צי קורח בלעם'ן.

צעשרייט זיך דער שוסטער־יונג אויף אַ קול:

— למדן אַרויס! די סעודה אונדזערע האָבן מיר ניט געמאַכט פאַר אַזעלכע יאָלדן וואויל־קענערס!

## 572. צעבראָכן די לוחות

אַ דאָרפס־ייד האָט זיך פאַרלאָזט אויפן לוח און גענומען פירן אַהיים אַ וואָגן היי אין אַ וואָלקנדיקן טאָג, ווייל לויט ווי עס ווייזט דער לוח וועט דעם טאָג קיין רעגן ניט גיין. אין מיטן וועג הויבט אָן צו דונערן און בליצן און עס נעמט גיסן אַ שלאַקס־רעגן.

רופט זיך אָן דער דאָרפס־ייד מיט אַ ביטער האַרץ:

— משה רבינו איז טאַקע געווען אַ גרויסער חכם וואָס ער האָט צעבראָכן די לוחות.

## 573. טעות גוי

אַ דאָרפס־יידן האָט מען איינמאָל געכאַפּט ווי ער זיצט איבער אַ שטיק חזיר און עסט געשמאַק. פרעגט מען אים:

— ווי קומט עס צו אַ יידן עסן טריפהס און נאָך חזיר דערצו?

— מיט דעם דאָזיקן חזיר־פלייש — פאַרענטפערט זיך דער דאָפס־ייד — איז גאָר אַן אַנדער זאַך. מיין שכן סטעפּאַן האָט אַ טעות געהאַט און עס אריינגעוואָרפן צו מיר אין טאָפּ. און דאָס שטייט דאָך ביי אונדז געשריבן, אַז „טעות גוי" מעג מען.

# פויערים

## 574. פופצן קשיות

פינף קשיות איז דאָ צו פרעגן אויף אַ פויער בשעת ער עסט אַ הערינג:

ער ווייקט דעם הערינג אין וואַסער און טרינקט דערנאָך אויס דאָס געזאַלצענע וואַסער.

ער נעמט פריער אַראָפּ די הויט און עסט־אויף דערנאָך די הויט.

ער צעשניידט עס אויף קליינע שטיקלעך און נעמט דערנאָך אַריין אין מויל דריי שטיקלעך מיט אַ מאָל.

ער גיט, בשעתן עסן, דעם צווייטן גוי צו טרינקען פון זיין פלעשל בראַנפן און טרינקט טאַקע באַלד אָפּ צוריק פון יענעמס פלעשל.

ער כאַפּט אָן, באַלד נאָכן טרינקען, יענעם ביי דער קודלע און באַלד אויפן אָרט יענער אים צוריק ביי זיין קודלע.

און איך געפין — רופט זיך אָן שייקע פייפער, הערנדיק ווי איינער רעכנט אויס די דאָזיקע פינף קשיות — אַז אייגנטלעך איז פאַראַן צו פרעגן ניט פינף קשיות, נאָר גאַנצע פופצן.

— דהיינו?

— גאָר פשוט. איר מעגט זיין זיכער, אַז ווען אַ פויער נעמט עסן הערינג, עסט ער אויף מיט אַמאָל ניט ווייניקער פון דריי הערינג.

## 575. איינגעטריקנט

אַ פויער האָט געבראַכט פון דאָרף אין שטאָט זומער־צייט צו אַ באַקאַנטן יידישן קרעמער אַ צעבראָכענעם קעסל צו פאַרקויפן אויף דער וואָג. דער ייד וועגט איבער דעם קעסל און זאָגט דעם פויער, אַז עס פעלט פינף פונט אַקעגן דעם וואָס עס האָט געוואויגן ביי אים אין דער היים.

— ווי קען עס זיין? — וואונדערט זיך דער פויער — איך אַליין האָב פאַרן פאַרן אַהער איבערגעוואויגן און ער האָט גע־וואויגן מיט פינף פונט מער!

— דאַרפסט זיך דערויף ניט וואונדערן — ענטפערט דער קרעמער — שפּילסט זיך עפּעס מיט הייגטיקע היצן; אויפן וועג פון דאָרף אין שטאָט איז דער קעסל איינגעטריקנט געוואָרן פון דער גרויסער היץ. און אַט וועסטו האָבן אַ קלאָרן באַווייז אין דעם נייעם קעסל, וועלכן דו קויפסט איצט ביי מיר: וועסט קומען אַהיים, וועסטו געפינען, אַז ס'איז ווייניקער געוואָרן מיט פינף פונט אַקעגן דער וואָג פון דאַנען — פון דער היץ וועט ער אויך איינטריקענען.

און אַזוי איז טאַקע געווען. דער פויער איז געקומען אַהיים, געכאַפּט איבערוועגן דעם נייעם געקויפטן קעסל, רופט ער זיך אָן:

— אַן ערלעכער מאַן מאַשקע דער קרעמער, אַן אמתער מענטש!

## 576. נאָכגעקראָכן

שפּעט ביינאַכט קומט אַריין דער קאָנדוקטאָר אין אַן אייזנבאַן־וואַגאָן איבערצוקוקן די בילעטן. נאָך דעם ווי ער האָט שוין אַלע בילעטן איבערגעקוקט, טוט ער אַ קוק אונטער דער באַנק און זעט פון דאָרטן אַרויסשטעקן אַ שטיקל פוס, כאַפּט ער עס אָן און שרייט אויף אַ קול:

— קריך נאָר אַרויס, זיי מוחל, ווער דו ביסט דאָרט!

קריכט אַרויס פּאַמעלעך אַ פאַרשלאָפן יידל און רייבט זיך די אויגן.

— אַנו, באַווייז נאָר, וואו איז דער בילעט דיינער?

דער ייד לאָזט אַראָפּ די האַנט אין קעשענע, נעמט אַרויס אַ זילבערנעם האַלבן רובל און שטעקט עס אַריין דעם קאָנדוקטאָר אין דער האַנט. יענער שטעלט צו דעם נאַפּט-לאַמטערן, גלייך ווי ער באַטראַכט אַ בילעט, און לאָזט געשווינד אַראָפּ די מטבע צו זיך אין קעשענע. דערווייל באַמערקט ער אונטער דער באַנק אַקעגן שטעקט אויך עפּעס אַרויס. טוט ער ווידער אַ געשריי:

— היי, פויגעלע מיינס, שעם זיך ניט און קריך אַרויס. גיכער, גיכער!

מיט גרויס מאַטערניש קריכט אַרויס אַ פאַרשלאָפענער לאַנגער פויער.

— נו, גיכער, וואו איז דיין בילעט?

דער פויער פאַרקאַטשעט דעם זומערדיקן פעלץ זיינעם, שלעפּט אַרויס ערגעץ פון אונטן אַ מין טיכל פאַרקניפּט מיט פיל קנופּן, נעמט עס אויפקניפּן און שלעפט פון דאָרט אַרויס זיין באַן-בילעט.

דער קאָנדוקטאָר באַטראַכט דעם בילעט, קנייטשט מיט די אַקסלען און מאַכט צום פויער אַן אויפגעבראַכטער:

— ווייבאַלד דו האָסט אַ בילעט ווי עס דאַרף צו זיין, אויף וואָס-זשע האָט דיר געטויגט צו אַלדע רוחות אַרונטערצוקריכן אונטער דער באַנק ווען ס'איז פאַראַן אין וואַגאָן אַזוי פיל לעדיקע פלעצער?

— איך ווייס? — ענטפערט דער פויער און קראַצט זיך אין קאָפּ — איך האָב געזען יענקל קריכט, בין איך אויך נאָכגעקראָכן. געווים דאַרף מען אַזוי טאָן.

### 577. דריי פּראָבן

אויף דריי אופנים פּראָבירט דער פויער דעם סערפּ (זיכעל), בשעת ער האַלט אים אין קויפן ביים קרעמער:

ער שניידט מיט אים אַ שטרוי. שניידט ער איז גוט, אויב ניט — ניט.

ער קלאַפּט אים אין אַ האַרטן שטיין. פליען פונקען איז גוט. אויב ניט — ניט.

ער באַהאַלט אים אונטער דער פּאָלע. קוקט זיך ניט אום דער קרעמער איז גוט, אויב ניט — ניט.

# שוטים

## 578. בדוק ומנוסה

אַ ייד מיט אַ לאַנגער געדיכטער באָרד זיצט אין בית־המדרש ווינטער ביינאַכט ביי אַ ליכט און לערנט אין דער גמרא: „עבדקן — סכסן", מאַכט רש"י: דער וואָס האָט אַ געדיכטע באָרד איז אַ שוטה. נעמט ער אָן מיט דער האַנט די לאַנגע באָרד זיינע, באַטראַכט זי אַ ביסל און פאַרטראַכט זיך:

אַ שלעכטע מעשה. איבערלאָזן עס אַזוי ווי זי איז — וועט מען זאָגן אויף מיר, אַז דאָס בין איך טאַקע דער וואָס אין דער גמרא שטייט; נעמען זי ווידער פאַרקירצן מיט אַ שערל — ווי מעג מען זיך גאָר צורירן מיט אַ שערל צו דער באָרד?

געטראַכט און געטראַכט ביז ער איז געפאַלן אויף אַן איינפאַל: ער נעמט און מעסט אָפּ צוויי טפחים באָרד, עס זאָל ביי אים פאַר־בלייבן, און דאָס איבעריקע רירט ער צו צום ליכט אָפּצוסמאַלען עס ביים פייער. דאָס פייער ווייסט אָבער ניט קיין חכמות און האָט פאַרכאַפּט די באָרד אין גאַנצן און אָפּגעברענט זי ביזן סוף און נאָך דאָס פּנים אויך אַ ביסל אָפּגעפּלאַמט. כאַפּט ער און שרייבט אָן ביי דער זייט אין דער גמרא:

— בדוק ומנוסה.

## 579. בלייבט נעכטיקן

אַ יונגערמאַן פון די געוויסע חכמים איז איינמאָל איינגעלאַדן געוואָרן צו אַ פריילן שבת־צו־נאַכטס אויף טיי. זיצנדיק ביים טיש הויבט אָן צו גיסן אַ שטאַרקער רעגן, רופט זיך אָן דעם מיידלס מו־טער אַז ער וועט שוין מוזן דאָ ביי זיי איבערנעכטיקן.

באַלד נאָך דעם איז דער יונגערמאַן ניט געוואָרן ביים טיש. שפּעטער קומט ער צוריק דורכגעווייקט פון רעגן.

— וואו זענט איר דאָס געווען? — פרעגט מען אים.

— וואָס הייסט וואו? — ענטפערט ער — איך בין געלאָפן אהיים אָנזאָגן מיין מאַמען אַז איך בלייב ביי אייך נעכטיקן.

## 580. אָפּלעגן די חופּה

אַ חתן האָט דעם טאָג פון דער חתונה פאַרשפּעטיקט דעם צוג. כאַפּט ער באַלד און קלאַפּט אַ דעפּעש דער כלה:

— איך האָב פאַרשפּעטיקט דעם צוג. איך בעט אָפּלייגן די חופּה.

## 581. פאַרקערט אָנגעשמירט

— איך ווייס נישט — זאָגט בערל צו שמערלען — די וועלט זאָגט, אַז עס פאַלט שטענדיק מיט דער פּוטער אראָפּ, צום סוף איז ביי מיר ערשט נעכטן אראָפּגעפאַלן אויף דער ערד אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער, איז גראָד געפאַלן, פאַרקערט גאָר, מיט דער פּוטער ארויף.

— אַ חכם אַ גרויסער! — מאַכט שמערל — מן־הסתם האָסטו פאַרקערט אָנגעשמירט.

## 582. איין ריאַבע קו

ביי אַ טייך האָט מען געפונען אַ דערטרונקענעם, וואָס איז לאַנג געלעגן אין וואַסער און ס'איז ניט געווען אויף אים קיין פּנים צו דערקענען. האָט דער רב פון נאָענטן שטעטל געלאָזט אויסרופן, אַז אַלע ווייבער פון דער געגנט, ביי וועלכע די מאַנען זיינען פאַרפאַלן געוואָרן, זאָלן באַטראַכטן דעם דערטרונקענעם, אפשר וועט איינע פון זיי דערקענען אין אים איר פאַרפאַלענעם מאַן. קומט איינע מיט אַ געוויין און יאָמערט און שרייט, אַז דאָס איז ניט אַנדערש ווי איר מאַן, וואָס איז מיט אַ שטיקל צייט פאַרפאַלן געוואָרן. פרעגט מען זי, צי האָט זי עפּעס אויף אים אַ סימן?

— יאָ — ענטפערט זי — מיינער איז געווען אַלע זיינע יאָרן אַ שטאַמלער.

צעלאַכן זיך אַלע וועלכע זיינען דערביי געשטאַנען.

— וואָס לאַכט מען עס? — טוט איינע פון די ווייבער אַ פרעג די צווייטע, וועלכע איז געווען באַוואוסט פאַר זייער אַ נאַרישער יידענע.

— ווי זאָל מען ניט לאַכן? — ענטפערט יענע — ווי געפעלט אייך דער שיינער סימן? וואָס איז, איין ריאַבע קו איז פאַראַן אויף דער וועלט?

## 583. אַריינגעוואָרפן דאָס קעצל

א יידענע איז אַוועקגעגאַנגען פון דער היים און איבערגעלאָזט אַ נאַריש מיידל איר צו היטן די שטוב. געקומען די מאַמע צוריק, דערציילט איר די טאָכטער:

— מאַמע, באַלד ווי דו ביסט אַוועקגעגאַנגען איז אַ קליין מייזעלע אַריינגעשפּרונגען אין קרוג מיט מילך.

— וואָס רעדסטו? — שרייט אוים די מוטער — האָסטו געכאַפּט תיכף און איבערגעגאָסן די מילך אין אַן אַנדער כלי?

— ניין, מאַמע, איך האָב גיך געכאַפּט און אַריינגעוואָרפן אַהין דאָס קעצל.

## 584. זיך געשטעלט אויף אַ ביינקל

אַ נאַריש יינגל האָט זיך צעשלאָגן מיט די חברים און זיי האָבן אים היפּשלעך צעדראַפּעט דעם שטערן. פרעגט אים דער פאָטער?

— ווער האָט עס דיר אַזוי צעדראַפּעט?

— קיינער ניט — ענטפערט דאָס יינגל — איך אַליין האָב זיך עס צעביסן.

— גאָר צעביסן? ווי אַזוי האָסטו געקענט מיט די ציין קומען צום שטערן?

— וואָס הייסט ווי אַזוי, איך האָב זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ ביינקל.

## 585. געווען אַ פאַרשוין

אַ נאַרישער בחור, וואָס איז געווען דערצו שרעקלעך מיאוס, האָט זיך איינמאָל באַרימט פאַר באַקאַנטע:

— מיינט ניט, אַז איך בין אַזוי ווי איר זעט מיך געבוירן געוואָרן. קינדווייז, דערציילט די מאַמע, בין איך געווען אַ פאַרשוין, נאָר די אַם מיינע האָט מיך אויף אַן אַנדערן פאַרביטן.

## 586. אַ נאַר מיט אַ פּינטעלע

שלמה המלך, דער חכם מכל אדם (קליגסטער פון אַלע מענטשן) זאָגט אין זיינע משלים: „אל תען כסיל כאולתו" (ניט ענטפער דעם נאַר ווי זיין נאַרישקייט), און באַלד טאַקע נאָך דעם זאָגט ער פונקט פאַרקערט: „ענה כסיל כאולתו" (ענטפער דעם נאַר ווי זיין נאַרישקייט). פרעגט זיך: ווי אַזוי קענען רעכט ווערן די דאָזיקע צוויי פסוקים? איינס פון די צוויי: אָדער יאָ ענטפערן, אָדער ניט ענטפערן.

דער תירוץ איז: דאָס ערשטע מאָל כסיל שטייט מיט אַ דגש (אַ פּינטעלע אינעם כ׳ און דאָס אַנדערע מאָל אָן אַ פּינטעלע. און אָט דאָס טאַקע איז דער מיין: אויב דער נאַר איז „מיט אַ פּינטעלע", פּרואוו זיך גאָר ניט אים צו ענטפערן און מיט אים זיך אויסטענהן, עס וועט דיר קיין זאַך ניט העלפן, מעגסט רעדן איבער אים פון היינט ביז מאָרגן — ער וועט בלייבן ביי זיינעם; אויב ס׳איז אָבער אַזוי אַ נאַר, אַ פּשוטער גאָר אָן אַ פּינטעלע — מעגסטו זיך פּרואוון אים ענטפערן, עס קען זיין אַז די ווערטער דיינע וועלן ניט זיין אומזיסט.

# כעלמער נאַרן

## 587. אַ פשרה

ביי כעלמער בעלי־בתים איז געבליבן אויסצובויען אַ נייע באָד. געענדיקט די באָד, האָט מען זיך גענומען צו דער פּאָדלאָגע. דאָ איז אויסגעבראָכן אַ שטאַרקע מחלוקת און די דעות האָבן זיך צעטיילט: אַ טייל האָבן געזאָגט, אַז ניט אַנדערש די פּאָדלאָגע מוז זיין גע־הובלט, און אַנדערע האָבן געזאָגט — ניין, דווקא ניט געהובלט. די טענהן אַז אויב עס וועט זיין געהובלט גלאַט, וועט מען זיך דאָרט גרינג אויסגליטשן, און יענע פאַרקערט, אַז אויב עס וועט זיין ניט גלאַט געהובלט, וועט מען זיך דאָרט די פיס צעשטעכן. בלייבט מען זאָל גיין פרעגן דעם רב, און ווי ער וועט זאָגן אַזוי וועט מען טאָן. נאָך דעם וואָס דער כעלמער רב האָט אויסגעהערט מיט קאָפּ די טענות פון ביידע צדדים, האָט ער געמאַכט אַזאַ פשרה:

— די ברעטער פון דער פּאָדלאָגע זאָלן טאַקע זיין געהובלט ווי עס געהער צו זיין, נאָר כדי מען זאָל זיך נישט אויסגליטשן דאַרף מען זיי לייגן מיט דער געהובלטער זייט אַראָפּ.

## 588. דער ערשטער שניי

אין כעלם איז אויסגעפאַלן דער ערשטער שניי. די כעלמער האָבן דערפון זייער הנאה געהאַט. עס זעט אויס אַזוי שיין. איבער־נאַכט ווערט די ערד באַדעקט מיט אַ ווייסן ליילעך, קלאָר ווי זילבער, עס איז ממש אַ מחיה נפשות צו קוקן. איין זאַך איז זיי שלעכט געווען: דער שמש וועט גיין פאַרטאָג רופן אין שול אַריין וועט ער דעם שניי צעטרעטן. וואָס טוט מען דערצו? נאָך לאַנג טראַכטן האָט מען אויסגעטראַכט: געדונגען אַ פּאָר געזונטע טרעגער, זיי זאָלן דעם שמש אויף די הענט טראָגן.

## 589. אַלע מיט איין מאָל

איינמאָל סליחות-צייט האָט זיך אָנגעהויבן קלאָגן דער אַלטער שמש, אַז ער איז זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן און ס'איז אים שטאַרק שווער אויף דער עלטער אַרומצוגיין איבער דער שטאָט צו אַלע בעלי-בתים קלאַפּן יעדן באַזונדער אין די לאָדנס אויפוועקן צו סליחות.

דער עולם איז זיך צונויפגעקומען אויף אַן אסיפה, באַקלערט די זאַך זייער ערנסט פון אַלע זייטן און געזוכט פאַרשיידענע מיטלען. צום סוף האָט איינער פון די כעלמער חכמים געגעבן אַן עצה און אַלע האָבן עס געפונען פאַרן בעסטן מיטל: מען זאָל צונויפנעמען אין שול-הויף אַלע לאָדנס פון די יידישע הייזער און דער אַלטער שמש זאָל קומען און קלאַפּן אין זיי אַלע מיט איין מאָל.

## 590. וואוהין איז אַהינגעקומען די קאַץ

ביי אַ כעלמער איז פאַרפאַלן געוואָרן פון שטוב צוויי פונט שמאַלץ, איז געפאַלן אַ חשד אויף דער קאַץ אין שטוב, אַז זי האָט עס געטאָן דעם רעכטן נאַש. נעמט דער כעלמער איבערוועגן די קאַץ, וועגט זי פונקט צוויי פונט. רופט ער זיך אָן:

— די פאַרפאַלענע צוויי פונט שמאַלץ האָבן זיך שוין געפונען; אָבער די קאַץ אַליין, וואוהין איז זי אַהינגעקומען?

## 591. דערטרינקען דעם פיש

איינמאָל אַ פרייטיק אין דער פרי האָט די פרוי פון כעלמער ראש-הקהל געקויפט אַ גרויסן פיש נאָך גאָר אַ לעבעדיקן. געקומען אַהיים האָט זי באַלד אַריינגעלייגט דעם פיש אין וואַסער. דערוויייל קומט אַריין אַ שכנה, וויל זי זיך באַרימען פאַר איר מיטן פריש-צאַפּלדיקן פיש וואָס זי האָט געקויפט לכבוד שבת, נעמט זי אַרויס דעם פיש פונעם וואַסער און דער פיש גיט אַ שטאַרקן מאַך מיטן עק און זי האָט געכאַפּט אין פּנים אַן אמתן שמיץ פונעם צאַפּלדיקן פיש. האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ געשריי ניט מיט איר קול. לויפט אַריין דער ראש הקהל און הערט וואָס ס'איז פאָרגעקומען, ווערט ער אָנגעצונדן און שלעפּט דעם פיש אין קהל-שטיבל און נאָך אים גייט נאָך אַן עולם.

געקומען אין קהל-שטיבל, דערציילט דער ראש-הקהל די מעשה

און פרעגט דעם עולם: וואָס פאַר אַן עונש קומט דעם פיש דעם
זאָגט איינער: עס קומט אים מיר זאָלן אים פאַרשפּאַרן
אין תפיסה; דער צווייטער: הונדערט מלקות. דער דריטער לייגט־
פאָר אַן אַנדער פּסק, און דער פערטער גאָר אַן אַנדערן.

בלייבט מען זאָל פרעגן דעם רב. דער כעלמער רב הערט־אויס
די מעשה און פּסקנט אַז פאַר אַזאַ גרויסן חטא קומט דעם פיש אַ
גרויסן עונש, היינו: מען זאָל אים דערטרינקען אין טייך!

## 592. דורכפירן אַ קלאָץ

כעלמער יידן האָבן אַמאָל באַדאַרפט דורכפירן אַ גרויסן קלאָץ
דורך אַ שמאָל געסל — דער קלאָץ איז געלעגן אין דער ברייט און
האָט נים געקענט בשום אופן דורכגיין דורכן געסל. זיינען זיי זיך
מישב און עס פאַרבלייבט ביי זיי, אַז מען מוז אומוואַרפן איין שורה
הייזער פון געסל כדי דער קלאָץ זאָל קענען דורכגיין.

## 593. אַ רעטעניש

אויף אַן אַסיפה פון כעלמער בעלי־בתים האָט מען באַשלאָסן
אַרויסצושיקן דעם כעלמער שמש אויף דער גרויסער וועלט, ער
זאָל עפּעס ברענגען פון דאָרט חכמות און חידושים.

דער כעלמער שמש האָט זיך באַלד אַוועקגעלאָזט אין דער
גרויסער שטאָט ווילנע. געקומען צום שמש פון דער ווילנער שטאָט־
שול, דערציילט ער אים דעם גאַנצן ענין: היות די שטאָט כעלם האָט
אים געשיקט אויף דער וועלט ברענגען עפּעס חכמות און חידושים,
על־כן בעט ער אים, אַז ער, דער שמש פון דער גרויסער שול פון
דער גרויסער שטאָט ווילנע, זאָל אים זיין באַהילפיק אין דער זאַך.

דער ווילנער שמש האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, דערנאָך
מאַכט ער צום כעלמער שמש אַזוי:

— הערט־אויס, מיין ליבער ייד, איך האָב פאַר אייך אַ רעטעניש,
איז עס אַ חידוש אין דער וועלט: וואָס איז עס אַזוינס — „אַ טאַטנס
אַ זון, אַ שוועסטערס אַ ברודער, אַ ווייבס אַ מאַן, און זיך אַליין
גאָר ניט״?

דער כעלמער האָט געקלערט, געבראָכן דעם קאָפּ און בשום
אופן נים געקענט דערגיין ווי מען טרעפט דעם רעטעניש.

— הכלל — זאָגט אים דער ווילנער שמש — איך זע, ס'איז אייך שווער צו טרעפן, וועל איך אייך זאָגן: דאָס בין איך: איך בין מיין טאַטנס אַ זון, מיין שוועסטערס אַ ברודער, מיין ווייבס אַ מאַן, און זיך אַליין קער איך גאָרניט אָן.

דעם כעלמער איז די המצאה שטאַרק געפעלן. ער האָט גאַנץ פיין באַדאַנקט דעם ווילנער שמש און לאָזט זיך צוריק אַהיים. וואָס באַדאַרף ער נאָך? ער האָט שוין אַ חכמה וואָס באַשטייט פאַר אַ סך. געקומען צוריק קיין כעלם רופט ער צונויף אַ גרויסע אַסיפה, גייט אַרויף אויף דער בימה און זאָגט אויף אַ הויך קול:

— הערט אויס, רבותי, איך האָב געבראַכט פון ווילנע אַ טייערן רעטעניש אויף חידושים: וואָס איז עס אַזעלכעס: אַ טאַטנס אַ זון, אַ שוועסטערס אַ ברודער, אַ ווייבס אַ מאַן און זיך אַליין גאָר ניט?"

דער עולם האָט געקלערט און געקלערט, געבראָכן דעם קאָפּ און גאָרניט געקענט טרעפן.

— איר ווייסט וואָס דאָס איז? — מאַכט דער כעלמער שמש מיט אַ שיינענדיק פנים — דאָס איז טאַקע ער, דער ווילנער שמש.

## 594. זוכט אין דער ליכטיק

איינער אַ כעלמער איז געקומען פון כעלם אין אַן אַנדער שטאָט. שטייט ער איינמאָל ביינאַכט אויף אַ ווינקל-גאַס ביי אַ ליכטיקן לאַמטערן און זוכט עפּעס אויף דער ערד.

— וואָס זוכט איר דאָ? — פרעגט אים אַ פאַרבייגייער.

— איך זוך אַ גאָלדענע מטבע וואָס איך האָב פאַרלוירן — ענטפערט דער כעלמער.

— וואו האָט איר עס פאַרלוירן, טאַקע דאָ אין דעם ווינקל?

— ניין, העט־דאָרט, אַראָפּ גאַס.

— אויב אַזוי, דאַרפט איר זוכן דאָרטן און ניט דאָ.

— אַ שכל! — מאַכט דער כעלמער — איך זוך וואו ס'איז ליכטיק; דאָרטן איז דאָך פינצטער.

## 595. אַ שמירה

אַן אורח איז געקומען קיין כעלם. גייט אַריין אין דער שטאָט־שול און זעט דאָרט אַן אויפשריפט אויפן אויוון מיט גרויסע אותיות:

„זה התנור שייך לבית־הכנסת הגדול בק״ק כעלם״. וואונדערט ער זיך און פרעגט דעם גבאי: וואָס באַטייט עס? ענטפערט אים דער גבאי:

— וואָס פאַרשטייט איר דאָ נישט? ס׳האָט זיך דאָ אָנגעהויבן הערן די לעצטע צייט גרויסע גנבות ביי אונדז, האָבן מיר מורא, טאָמער וועלן זיך אַריינכאַפּן גנבים און אוועק׳לקחנען דעם אויוון.

## 596. אַרויסגעגנבעט די לבנה

כעלמער יידן שטייען אין אַ העלע ליכטיקע נאַכט פון האַלב חודש, באַטראַכטן די שיינענדיקע לבנה און באַקלערן צווישן זיך: וואו נעמט מען אַזאַ ליכטיקע לבנה שפּעטער אַ ביסל, אין די פינצטערע נעכט פון סוף חודש? דערווייל דערזעען זיי ווי די לבנה שיינט־אַרוים פון אַ גרויסער פאַס וואַסער. פאַלן די כעלמער אויף אַזאַ שכלדיקער המצאה: זיי כאַפּן געשווינד און פאַרקלאַפּן די פאַס מיט ברעטלעך, כדי די לבנה זאָל בלייבן דאָרט פאַרשפּאַרט, און אַז עס וועלן קומען די פינצטערע נעכט וועט מען זי פון דאָרטן אַרויסלאָזן און אין כעלם וועט זיין ליכטיק.

געקומען די ערשטע פינצטערע נאַכט, לאָזן זיך די כעלמער צו דער גרויסער פאַס, מען קלאַפּט אויף די ברעטלעך און מען טוט אַן עפן־אויף — ניטאָ די לבנה! וואוהין פאַרט איז זי פון דאָרט אַהינגעקומען?

רופט זיך אָן איינער פון די כעלמער חכמים:

— הערט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגן, ניט אַנדערש, אַז די גנבים האָבן זיך דערוואוסט און זי פון דאַנען אַרויסגעגנבעט. איר קענט ניט די לייט? זיי טויג ניט צום געשעפט עס זאָל זיין כסדר ליכטיקע נעכט...

## 597. עס פעלט פון אויבן

אַ כעלמער האָט געקויפט אַ גוט פעסל ווייַן. האָט ער עס גוט פאַרזיגלט פון אויבן אַזוי, אַז קיינער זאָל עס ניט קענען עפענען. קומט דער משרת זיינער און בויערט אויס אין פעסל אַ לעכל פון אונטן און צאַפּט־אָפּ פון דאָרט צו ביסלעכווייז אַ היפּש ביסל ווייַן. דער כעלמער באַמערקט, אַז עס פעלט ניט ווייניק ווייַן אין פעסל

און דאָ זעט ער, אַז די זיגלען פון אויבן זיינען אַלע גאַנץ, ניט איינער פון זיי געריררט. חידושט ער זיך זייער, ווי קען דאָס זיין אַזאַ זאַך? עצהט אים איינער פון זיינע באַקאַנטע, ער זאָל פּרואוון אַ קוק טאָן פון אונטן.

— ביסט מחילה, שוין גאָר אַן אייזל — זאָגט אים דערויף דער כעלמער בעל־הבית — דער ווײַן פון אונטן איז דאָך פאַראַן אינגאַנצן. פעלן פעלט נאָר פון אויבן.

## 598. אַ מוסטער

אַ כעלמער בעל־הבית האָט געוואָלט פאַרקויפן זיין הויז, קלערט ער און קלערט: וואָס טוט מען, ווי אַזוי אַרום קען מען דאָס הויז ברענגען אין מאַרק, דער קונה זאָל עס זען דאָרט מיט די אויגן? פאַלט ער אויף אַ שכל און שלעפּט אַרויס פון וואַנט איין שטיין און טראָגט אים אַוועק אין מאַרק צו ווייזן דעם קונה אַ מוסטער.

## 599. אַ סימן מובהק

איינמאָל ערב־שבת אין מרחץ, האָט אַ כעלמער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויסגעטאָן אין גאַנצן צום באָדן, גענומען זיך באַטראַכטן אַ נאַקעטן פון קאָפּ ביז די פיס און האָט זיך פאַרטראַכט:

— דאָ זיינען אַלע נאַקעטע גלייך, שווער צו דערקענען אַ מענטשן, און איך האָב אויף מיין גאַנצן לייב קיין שום סימן ניט, גאָר גרינג קען איך ווערן פאַרביטן.

פאַלט ער אויף אַזאַ איינפאַל: דערטאַפּט אַ רויטן פאָדעם און בינדט מיט דעם אַרום דעם רעכטן פוס זיינעם פאַר אַ סימן. שפּעטער בשעתן וואַשן זיך, איז דער רויטער פאָדעם פון פוס ביי אים אַראָפּ־געפאַלן און אַ צווייטער כעלמער, אויך אַ חכם ניט ווייניקער ווי דער, האָט עס געפונען און מיט דעם פאַרבונדן זיין רעכטן פוס, מן־הסתם אויך פאַר אַ סימן. דערזעט דער ערשטער כעלמער דעם צווייטן מיטן רויטן פאָדעם אויפן רעכטן פוס, כאַפּט ער אַ קוק אויף זיין איינענעם פוס — ניטאָ קיין פאָדעם. ווערט ער גאָר מטושטש, גייט צו צו יענעם און זאָגט אים אַזוי:

— מילא דו, ווייס איך ווער דו ביסט: דיך, ווייזט־אויס, האָט מען פאַרביטן אויף מיר און דו ביסט איך. אָבער זאָג מיר, איך בעט דיך, אפשר ווייסטו עס, ווער בין איך?

## 600. פאַרגעסן די מאָס

ערב יום-טוב קומט אַ בעלמער בעל-הבית אין אַ קלייט פון היטלען, און נעמט זוכן עפּעס אין די קעשענעס און איז שטאַרק צעטראָגן וואָס ער געפינט ניט.

— וואָס זוכט איר עפּעס? — פרעגט אים דער קרעמער.

— פון איילעניש — ענטפערט דער בעלמער — קומט קיין גוטס ניט אַרויס. איך וויל זיך קויפן אַ נייע היטל לכבוד יום-טוב, האָב איך אָנגעגרייט אַ מאָס און פון גרויס איילעניש האָב איך עס פאַרגעסן אינדערהיים.

## 601. עס ווענדט זיך וועמעס

— וואָס וואָלט איר געטאָן — האָט מען געפרעגט איינעם אַ בעלמער — ווען איר געפינט אין גאַס אַ מטמון געלט, אַ שטייגער אַ מאה אלף, וואָלט איר עס אָפּגעגעבן דעם וואָס האָט עס פאַרלוירן, צי ניין?

דער בעלמער האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און דערנאָך גע־ענטפערט:

— דאָס ווענדט זיך אין דעם ווער עס האָט פאַרלוירן: איך זאָל וויסן אַז ראָטשילד האָט פאַרלוירן, וואָלט איך אים בפירוש ניט אָפּגעגעבן. ווען ס'האָט אָבער פאַרלוירן, למשל, דער שמש פון בית-המדרש, וואָלט איך עס אים אָפּגעגעבן ביז איין פּרוטה.

## 602. נאָר אַ ריר טאָן

איינער איז פאַרפאָרן קיין בעלם אויף איינע פון די אכסניות. פאָרן שלאָפן בעט דער אורח דעם בעל-אכסניא ער זאָל אים געבן אין חדר אַ וועק-זייגער, ווייל ער דאַרף מאָרגן גאַנץ פרי אַוועקפאָרן.

דער בעל-אכסניא ברענגט אים באַלד אַ וועקער און זאָגט דערביי:

— אָט האָט איר אייך אַ וועקער, ווי איר פאַרלאַנגט; איך מוז אייך אָבער זאָגן פריער, אַז דער וועקער האָט אַ שטיקל חסרון. אָפּט־מאָל פאַרהאַקט ער זיך און וויל נישט קלינגען, כאָטש גיב אים אַ קרענק. נאָר עס מאַכט נישט אויס. איר וועט מוזן, רב ייד, מוחל זיין און גאַנץ פרי נאָר אַ ריר טאָן דאָס העמערל וועט ער באַלד אָנהויבן קלינגען.

## 603. אַ ריח

אַן אורח האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער גרעסטער אַכסניא אין כעלם. מיטאָג־צייט, הייסט ער זיך געבן עסן. דערלאַנגט מען אים אַ יויך. דער אורח פּרואווט פּאַרזוכן און שפּייט באַלד אויס, רופט דעם בעל־הבית און זאָגט אים מיט פּאַרדרוס:

— עפּעס שמעקט פון אייער שיינער יויך אַ ריח פון זייף!

— חלילה — מאַכט דער בעל־הבית גאַנץ רואיק — ווי קומט אַהער זייף? איר קענט אויסזוכן די גאַנצע שטוב אונדזערע וועט איר דאָ ניט געפינען קיין סימן אַפילו פון קיין זייף. עס קען זיין, זעט איר, אַז דער ריח, איז פון נעפט.

## 604. דאָס בעסטע

דער כעלמער גרעסטער גביר האָט חתונה געמאַכט זיין איינציקע טאָכטער, האָט ער פּאַרבעטן אויף דער שמחה גאַנץ כעלם. געקומען צו דער חופּה־וועטשערע, האָט ער מכבד געווען דעם גאַנצן עולם מיט הוילע קלאָרע וואַסער. וואונדערן זיך אַלע און איינער פון דעם גבירס נאָענטע פריינט פרעגט ביי אים, וואָס הייסט עס:

— פאַרשטייסטו מיך — ענטפערט דער כעלמער גביר מיט אַ שיינענדיק פּנים — אַז גאָט האָט מיר געהאָלפן, אַזאַ שמחה, האָב איך געוואָלט, פאַרשטייט זיך, געבן מיינע געסט דאָס בעסטע. בין איך געגאַנגען צום פישער נאָך פיש און געבעטן ער זאָל מיר אויסקלייבן די בעסטע. דערלאַנגט ער מיר פיש און שווערט זיך ביי זיין ווייב און קינדער, אַז די פיש זיינען זים ווי צוקער. טראַכט איך זיך: וואָס טויג מיר זים ווי צוקער, בעסער טאַקע צוקער אַליין: גיי איך צום קרעמער און בעט צוקער, נאָר פונעם בעסטן סאָרט. ווייזט ער מיר צוקער און זאָגט: דאָ האָט איר צוקער, זים ווי האָניק. טראַכט איך מיר ווידער: וואָס טויג מיר זים ווי האָניק, בעסער טאַקע האָניק אַליין. גיי איך צו אַ קרעמערין נאָך האָניק, פאַרשטייט זיך דעם בעסטן. ווייזט זי מיר אַן האָניק און לויבט אים אין טאָג אַריין, אַז ער איז לויטער ווי בוימל. טראַכט איך אַלץ: וואָס טויג מיר לויטער ווי בוימל, בעסער טאַקע בוימל אַליין. קום איך אין קראָם און בעט בוימל פּרימאַ. ווייזט מיר דער קרעמער בוימל און זאָגט: איר זעט בוימל, קלאָר ווי וואַסער. וואָס־זשע, זאָג דו אַליין, טויג

מיר קלאָר ווי וואַסער? האָב איך באַפוילן מען זאָל ברענגען אַהער די קלאָרסטע וואַסער. ווייל אַזוי איז שוין מיין טבע אין אַלע צייטן: די געסט מיינע, האָב איך ליב, זיי זאָלן באַקומען דאָס בעסטע.

## 605. אַלץ גרייט

אין אַ שטאָט איז געווען אַ גביר, זייער אַ שטרענגער און אַ כעסן, וואָס האָט פאַרלאַנגט פון זיינע באַדינער, אַז פון איין וואָרט זאָלן זיי שוין פאַרשטיין אַליין אַלץ, וואָס זיי האָבן צו טאָן און ער זאָל קיין מאָל ניט דאַרפן רעדן צו זיי קיין איבעריק וואָרט.

איינמאָל האָט ער צוגענומען אַ נייעם משרת, וואָס האָט גע־שטאַמט פון כעלם. דער בחור איז געווען זייער אַ רירעווודיקער, נאָר פאַרשטייט זיך ניט קיין גרויסער חכם. זאָגט אים דער גביר:

— זאָלסט וויסן זיין, אַז איך האָב פיינט, ווען מען פאַרשטייט אַליין נישט פון איין וואָרט וואָס מען דאַרף טאָן אַזוי, אַז עס זאָל זיין אַלץ גרייט און קיין מינדסטע זאַך זאָל ניט פעלן; למשל, אַז איך הייס דערלאַנגען ברויט מוזסטו שוין אַליין פאַרשטיין, אַז מען דאַרף דערלאַנגען פריער וואַסער אויף וואַשן זיך און אַ האַנטוך אויף אָפּווישן זיך, און זאָלץ צום ברויט און דאָס גלייכן.

דער כעלמער משרת האָט זיך עס געמומען גוט אין זינען. מאַכט זיך אין אַ פּאָר טעג אַרום, דער גביר ווערט עפּעס ניט מיט אַלעמען און שיקט דעם משרת נאָך אַ דאָקטאָר. דער משרת לויפט געשווינד אַוועק נאָכן דאָקטאָר, דערנאָך אין אייניקע ערטער. עס געדויערט אַ פּאָר שעה קומט ער צולויפן צוריק שטאַרק פאַרשוויצט און טראָגט תכריכים אין איין האַנט און אַ מעבר־יבוק אין דער צווייטער און מיט אים קומט דער רב מיט זיין סופר. דער גביר קוקט אים אָן פאַר־וואונדערט און טוט אַ געשריי מיט בייזער:

— וואָס הייסט עס, פון זינען ביסטו אַראָפּ?

— איך האָב געטאָן — מאַכט דער כעלמער משרת ווי איר האָט מיך געלערנט. מען דאַרף פאַרשטיין מיטן שכל, אַז אַ מענטש פאַלט־איין, קען זיך אָפּטמאָל מאַכן אַז ער נעמט און גייט אַ גאַנג, דאַרף זיין אַלץ גרייט. דערפאַר טאַקע האָב איך געבראַכט דעם רב מיטן סופר, איר זאָלט אָנשרייבן באַצייטנס אַ צוואה און אָנגעגרייט תכריכים מיט אַ מעבר־יבוק: איך האָב אויך גערופן דעם גבאי פון

דער חברה־קדישא, ער דאַרף באַלד קומען אַהער מיט זיינע חברה־לייט — קיין מינדסטע זאַך וועט ניט פעלן.

## 606. אויך ניט קיין גלייכע פּאָר

איינער אַ גביר האָט צוגענומען אַ משרת וואָס שטאַמט פון כעלם. פאַרשטייט זיך, אַז ער איז געווען אַ חכם עתיק גלייך ווי אַלע כעלמער, וואָס האָבן אַ שם אויף דער וועלט מיט זייער חכמה. איינמאָל אינדערפרי, בשעת דער גביר איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף רופט ער דעם משרת ער זאָל אים דערלאַנגען די שטעק־שיך. דערלאַנגט ער אים איין שוך מיט איין שטעק־שוך. ווערט דער גביר אין כעס און שרייט אויף אים אָן: דו ווייסט נישט אַז מען דאַרף דער־לאַנגען אַ גלייכע פּאָר!

— בעל־הבית לעבן — פאַרענטפערט זיך דער משרת — קיין גלייכע פּאָר האָב איך נישט געפונען; אין אַ זייט האָב איך געזען שטיין נאָך אַ פּאָר, אָבער אויך נישט קיין גלייכע: אויך איין שוך און איין שטעק־שוך.

## 607. אַ האָרב ווי אַ באַרג

אַ כעלמער יונגערמאַן איז אַראָפּ פון קעסט און האָט גענומען ערנסט טראַכטן וועגן פרנסה, איז ער אַוועק אין אַ גרעסערער שטאָט און דאָרט זיך באַגעגנט מיט אַ שדכן, איז אים שטאַרק געפעלן די פרנסה פון שדכנות: ניט קיין שווערע נאָר אַ שכלדיקע. מאַכט ער אָפּ מיטן שדכן, אַז ער וועט זיין ביי אים אַ מיטהעלפער, דערפאַר וועט ער באַקומען אַ חלק אין שדכנות געלט. דער שדכן האָט פון אים פאַרלאַנגט נאָר אַ קלייניקייט, ער זאָל גיין מיט אים צוזאַמען און צעשמעלצן מיט ווערטער, כדי דער שידוך זאָל ווערן וואָס גיכער אויסגעפירט.

גייען זיי ביידע צו אַ יונגנמאַן אים רעדן אַ כלה. דער כעלמער פאָלגט און טוט אַלץ מיט שכל, ווי דער שדכן האָט אים געלערנט: דער שדכן זאָגט, אַז די כלה איז אַ שיינע, העלפט ער אונטער: שיין צו שיין איז ניט גלייך? שיין ווי די ליכטיקע זון; דער שדכן זאָגט, אַז זי איז רייך, העלפט ער אונטער: וואָס הייסט רייך? זי איז שטאַרק שטאַרק רייך, אַזוי רייך ווי איר קענט זיך נאָר מאָלן, און אַזוי ווייטער. צום סוף טוט דער שדכן אַ זאָג: זי האָט נאָר איין קליינעם

חסרון — אַ שטיקל האָרב, כאַפּט אונטער דער כעלמער העלפער: אַ קלייניקייט עפּעס! איך זאָג אייך, אַ האָרב ווי אַ באַרג.

## 608. ניט קיין אייגענע שיף

איינמאָל האָט אַ כעלמער זיך געלאָזט אויף דער וועלט האַנדלען, און ס'איז אים אויסגעקומען צו פאָרן אויפן וואַסער. מאַכט זיך אַ גרויסער שטורעם און די שיף האַלט ביים אונטערגיין. אַ טויט־שרעק איז געפאַלן אויף די אַלע וואָס האָבן זיך געפונען אין דער שיף. עס האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן אַ געוויין און אַ ליאַרעם, ווייבער זיינען געפאַלן אין חלשות. גייט צו דער כעלמער צו איינעם אַ יידן, וואָס האָט שרעקלעך געוואַלדעוועט, און פרעגט אים: וואָס מאַכט ער עס אַזעלכע שרעקלעכע קולות?

— וואָס הייסט — ענטפערט אים דער ייד — איר זעט דען ניט, אַז די שיף איז אין סכנה?

— נו, איז וואָס? — מאַכט דער כעלמער — איך פאַרשטיי ניט, וואָס נעמט איר זיך אַזוי שטאַרק צום האַרצן, ס'איז דען אייערע אייגענע שיף?

## 609. פון וואַנען נעמט זיך זומער די היץ

איינעם אַ חקרן, וואָס האָט געשמט אין כעלם מיט זיין חכמה, האָט מען איינמאָל אַ פרעג געטאָן:

— פון וואַנען נעמען זיך די גרויסע היצן אין זומערדיקע טעג?

— דאָס נעמט זיך — האָט ער באַלד אויפן שטעל געענטפערט — פון די אויוונס וואָס מען הייצט אַ גאַנץ ווינטער. אַ ראיה האָט איר: זומער הייצט מען נישט די אויוונס, דערפאַר איז טאַקע ווינטער אַזוי קאַלט.

## 610. צוליב די פערד־גנבים

— ווי קומט עס — האָט מען געפרעגט איינעם פון די כעלמער חקרנים — וואָס עס איז פאַראַן פערד ווינציקער פון אָקסן כאָטש אָקסן קוילעט מען און פערד ניט?

דער כעלמער חקרן האָט לאַנג ניט געטראַכט און גלייך געענטפערט:

— דאָס איז צוליב די פערד־גנבים, וואָס לקחנען אַוועק זייער פיל פערד.

## .611 אַראָפּ מיט ליידיקע און אַרויף מיט פולע

איינער פון אַ גרויסער שטאָט איז געקומען קיין כעלם, קלאָגט זיך פאַר אים איינער פון די כעלמער: פאַרוואָס זאָגט די וועלט „כעל־מער נאַרן״?

— אייער כעלם — ענטפערט יענער — שטייט, ווי איר ווייסט, אויף אַ באַרג און וואַסער גייט איר מיט עמערס נעמען פונעם טייכל אונטן. און דאָס ווייסט די גאַנצע וועלט, אַז אַראָפּ־באַרג איז גרינגער צו גיין ווי אַרויף באַרג; צום סוף גייען די כעלמער אַראָפּ־באַרג מיט ליידיקע עמערס און אַרויף באַרג מיט פולע. היינט בעט איך אייך, זאָגט איר אַליין, זיינען די כעלמער ניט קיין נאַרן?

## .612 גאָר קיין נאַר ניט

אַ כעלמער האָט געוואָלט זיך אַליין איבערצייגן צי איז ער באמת אַ חכם, ווי ער מיינט, אָדער חלילה גאָר אַ טפש. האָט ער זיך מישב געווען און איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ הויכן בוים, כדי פון דאָרט זיך אַראָפּוואַרפן אויף דער ערד, וועט אים דעמאָלט ווערן די זאַך קלאָר: אויב עס וועט אים ניט שאַטן, איז עס אַ סימן, אַז ער איז אַ נאַר, ווי אין פּסוק שטייט: „שומר פתאים ה׳״ (גאָט היט אָפּ די נאַרן); וועט ער זיך אָבער דערבײַ גוט צעקלאַפּן, דעמאָלט וועט ער האָבן דעם בעסטן באַווייז, אַז ער איז טאַקע, קיין עין־הרע, גאָר ניט קיין נאַר, נאָר אַן אמתער חכם.

נאָך דעם ווי דער כעלמער האָט זיך אַראָפּגעוואָרפן פונעם הויכן בוים און זיך גאַנץ פיין צעשעדיקט, הויבט ער זיך קוים אויף פון דער ערד, קרעכצט שטאַרק פון גרויס ווייטיק און זאָגט דערבײַ גאַנץ צופרידן:

— אַ פּנים טאַקע, איך בין גאָר קיין נאַר ניט, כ׳לעבן.

## .613 אַ דריי גאָרנדיקער טפש

אויף דריי נפשות זאָגט די וועלט עדות, אַז זיי זיינען נאַרן: אויף אַ כעלמער, אַ חזן און אַ הינדיק: היינט שטעלט זיך פאַר, וואָס

פאַר אַ דריי גאָרנדיקער טפש עס מוז זיין דעם כעלמער חזנס הינדיק.

## 614. היפש אָפּגערוקט

דעם כעלמער עולם האָט זיך פאַרגלוסט צו פאַרגרעסערן די שטאָט כעלם אין אַלע זייטן אַרום. וואָס טוט מען אָבער מיטן באַרג, וואָס געפינט זיך אין איין זייט ביי דער שטאָט? איז געבליבן מען זאָל נעמען דעם באַרג און אָפּרוקן אים פונעם אָרט ווייטער. געזאָגט — און געטאָן. אין איין שיינעם זומערדיקן פרימאָרגן גייט אַרויס דער עולם צום באַרג, וואַרפט פון זיך אַראָפּ די קאַפּאָטעס און לייגט זיי אַנידער אין אַ זייט, פאַרקאַטשעט די אַרבל און נעמט זיך גע־שמאַק צו דער אַרבעט. דערווייל פאָרט דורך איינער פון די אַרומיקע פויערים מיט אַ פור, זעט ער ווי אַלע כעלמער זיינען אַזוי פאַר־טראָגן אין זייער אַרבעט און קוקן גאָר ניט וואָס עס טוט זיך אַרום זיי, איז ער זיך מישב און פאַרנעמט אַלע קאַפּאָטעס. נאָך עטלעכע שעה שווערע אַרבעט, אַז דער עולם איז מיד געוואָרן און עס האָט גענאָסן פון זיי דער שוויס טייכנווייז, האָבן זיי זיך צונעזעצט אין דער זייט אָפּווישן זיך דעם שוויס און אַ ביסל זיך אָפּרוען. זיי גיבן אַ קוק — די קאַפּאָטעס זיינען ניטאָ.

— אַ פּנים — זאָגן זיי איינס צום אַנדערן מיט שמחה — מיר האָבן שוין היפש אָפּגערוקט דעם באַרג פונעם פריערדיקן אָרט, אַז מיר זעען שוין ניט אַרויס פון דערווייטנס אפילו אונדזערע קאַפּאָטעס.

# משוגעים, דער זאַגערער משוגענער

## 615. די רעכטע צייט

איינמאָל אום פורים, פאַרן לייענען די מגילה, איז דער זאַגערער שטאָט־משוגענער אַרויף אויף דער בימה און אויסגערופן פאַרן עולם:

— אין נאָמען פון פמליא־של־מעלה בין איך מכריז ומודיע, אַז דער וואָס וויל האָבן די זכיה צו שטאַרבן אין חודש ניסן, איז שוין איצט די רעכטע צייט, ער זאָל קראַנק ווערן און זיך לייגן אין בעט.

## 616. איין משוגענער אויף צוויי שטעט

אַן אַנדערש מאָל איז דער זאַגערער שטאָט־משוגענער געקומען אין גרויסן בית־המדרש, אַרויף אויף דער בימה, געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ אויפן שולחן און אויסגערופן מיט האַרץ:

— איך בין אייך מודיע, רבותי, איר זאָלט וויסן זיין, אַז איך האָב שוין ניט מער קיין כוח צו זיין איין משוגענער אויף צוויי שטעט, אי אויף דער אַלטער שטאָט, אי אויף דער נייער. לכן זאָל מיר מוחל זיין איינער פונעם עולם און אַראָפּגיין פונעם זינען, וועט דער פריי־שער משוגענער זיך אויסקלייבן איינס פון די צוויי ערטער, וואו ער וועט חשק האָבן און דאָרט פאַרנעמען מיין פּלאַץ.

## 617. נאָכלויפן די גאַנצע שטאָט

איינמאָל האָט זיך דער שטאָט־משוגענער אַריינגעכאַפּט אין דער קאַרעטע פון אַ חסידישן רבי און האָט אויף קיין אופן ניט גע־וואָלט אַרויס פון דאָרט. ניט אַנדערש, ער וויל פאָרן מיטן רבין צוזאַמען איבער דער שטאָט.

— זאָג מיר — פרעגט אים דער רבי — וואָס ווילט זיך דיר דווקא פאָרן מיט מיר צוזאַמען?

— וואָס פאַרשטייט איר ניט, רבי? מאַכט דער משוגענער — נאָך מיר לויפן נאָך אַלע קלאָרע, נאָך אייך — אַלע משוגעים; ווערט נאָך אונדז ביידן נאָכלויפן די גאַנצע שטאָט.

## 618. פון אונטן אַרויף

איינער אַ משוגענער איז אַמאָל אַריין צום גאון „נודע ביהודה" מיט אַ האַק אין האַנט און געזאָגט:

— דער עולם זאָגט אויף אייך, רבי, אַז איר זענט אַ בעל-מופת. אויב אַזוי באַווייזט באַלד אַז איר קענט אַראָפּשפּרינגען פון פענצטער אין גאַס; ווען ניט, באַקומט איר ביי מיר גלייך מיט דער האַק אי-בערן קאָפּ.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מופת? — זאָגט דער רב געלאַסן — שפּרינגען פון אויבן אַראָפּ קענען אַלע. אַט וועסטו זען אַ מופת ווי איך וועל שפּרינגען פון אונטן אַרויף. דו וואַרט נאָר דאָ, איך וועל אַרויסגיין און אַרויפשפּרינגען פון דער גאַס אַהער וועסטו גאָפן.

דער משוגענער האָט געוואַרט, און דער רב איז אַרויס און צוריקגעקומען מיט אַן עולם מענטשן, וועלכע האָבן דעם משוגענעם געבונדן.

## 619. אויב ניט — גאַנץ קהל

אַ באַרימטן שטאָט-משוגענעם האָט פאַרמאָגט איר אייגנס די שטאָט זאַגער. איין יאָר האָט זיך געמאַכט, אַז ס'איז אין זאַגער און אין דער געגנט אַרום איבערגעגאַנגען היפּשע וואָכן אין אָנהויב זומער אָן אַ טראָפּן רעגן. מ'האָט געפּרוּווט פאַסטן תעניתים און זאָגן סליחות אויף „עצירת גשמים" — ס'האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן. מאַכט זיך, אַז עס שטאַרבט דער שמש פון דער גרויסער שול. גייט דער שטאָט-משוגענער אַרויף אויף דער בימה און רופט אויס:

— רבונו-של-עולם, זע, אַט שיקן מיר דיר איצט אַ שליח, ר' חיים-משה דעם שמש, ער זאָל ביי דיר אויסבעטן פאַר אונדז רעגן; וועסטו זיך צוהערן צו אונדזער שליח און געבן רעגן — איז גוט, אויב ניט — זאָלסטו וויסן, אַז מיר וועלן דיר שיקן גאַנץ קהל.

# קראַנקע און רופאים

## 620. אַ גוטע זאַלב

— עס האָט זיך מיר געמאַכט — קלאָגט זיך איינער פאַרן אַנדערן — אַ געשוויר ניט פאַר אייך געדאַכט, אויף אַ פּוס, אפשר ווייסט איר אַ רפואה?

— אין דער היים — ענטפערט דער באַקאַנטער — האָב איך זייער אַ גוטע זאַלב, וואָס העלפט אויסגעצייכנט צו אַ געשוויר. קומט מיט מיר, וועל איך זי אייך געבן.

— איך האָב איצט — מאַכט יענער — שטאַרק קיין צייט ניט. אפשר וואָלט איר אַזוי גוט געווען מיטצונעמען מיט זיך אַהיים מיין געשוויר דאָרטן וועט איר שוין מוחל זיין צו באַשמירן עס מיט אייער גוטן זאַלב.

## 621. זיך באַראַטן מיט אַ פּראָפעסאָר

אַ קראַנקער ייד וואָס האָט שטאַרק געליטן פון רעוומאַטיזם אויף די פיס, האָט זיך געלאָזט פון זיין קליין שטעטל קיין וואַרשע, כדי צו באַראַטן זיך דאָרט וועגן זיין שלאַפקייט מיט אַ געניטן פּראָ־פעסאָר.

געקומען צום פּראָפעסאָר, נעמט יענער באַטראַכטן דעם קראַנקנס פיס און זאָגט אים:

— הערט נאָר, איר וואָלט דאַך פריער, איידער איר זענט צו מיר געקומען, געמעגט אַרומוואַשן אַ ביסל דעם שמוץ פון די פיס.

— הער פּראָפעסאָר — מאַכט דער קראַנקער — איך וועל אייך זאָגן דעם אמת: פונקט דאָס זעלביקע האָט מיר אויך געהייסן טאָן דער דאָקטאָר פון אונדזער שטעטל, נאָר איך האָב זיך געטראַכט: איידער באַשליסן עפּעס צו טאָן, דאַרף מען זיך פריער באַראַטן מיט אַ פּראָפעסאָר.

## 622. שרייב מיט אַ בליישטיפט

אַ צעטראָגענער פּראָפעסאָר איז געזעסן שטאַרק פאַרטיפט אין זיין אַרבעט. לויפט אַריין די פרוי מיט אַ געשריי:

— נאָר וואָס האָט דאָס קינד אויסגעטרונקען די טינט! וואָס זאָל איך טאָן?

— עס מאַכט נישט אויס — ענטפערט דער פּראָפעסאָר נישט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ פון דער אַרבעט — שרייב מיט אַ בליי-שטיפט.

## 623. אַרויסשטעקן די צונג

אַ דאָקטאָר האָט באַטראַכט אַ קראַנקע פרוי, און זי האָט בשעת-מעשה נישט אויפגעהערט צו שיטן מיט רייד. דערנאָך האָט ער גע-הייסן דער באַרעדעוודיקער פרוי זי זאָל אַרויסשטעקן די צונג און דערווייל האָט ער געגומען שרייבן דעם רעצעפּט.

— הער דאָקטאָר — רופט זיך אָן די קראַנקע — איר האָט מיר געהייסן אַרויסשטעקן די צונג, און איר האָט זי גאָרנישט באַטראַכט.

— איך האָב בלויז געוואָלט — מאַכט דער דאָקטאָר — איך זאָל קענען אומגעשטערט אָנשרייבן דעם רעצעפּט.

## 624. אומזיסט געכאַפּט און אויסגעהיילט

אַ ישובניק איז געקומען. אין שטאָט צום ראש-ישיבה און אים געבעטן ער זאָל פאַר זיין טאָכטער אויסקלייבן פון זיינע ישיבה-בחורים אַ פיינעם חתן, אַזעלכן וואָס זאָל זיין צו גאָט און צו לייט, ד"ה, ער זאָל קענען אַריינקוקן אין אַ גרויסער גמרא און זיין דערצו אויך אַ בריה אויף צעהאַקן אַ וואָגן האָלץ ווען מען דאַרף.

דעם ראש-ישיבה איז איינגעפאַלן, אַז דער בעסטער חתן פאַר דעם דאָזיקן ישובניק איז בערל, וואָס הייצט די הרובעס און קען אַ ביסל לערנען אויך. זאָגט ער צום ישובניק ער זאָל פאָרן אַהיים און קומען אין אַ חודש אַרום, וועט אים שוין זיין צוגעגרייט אַזאַ חתן ווי ער פאַרלאַנגט.

דער ישובניק איז אַוועק, רופט-צו דער ראש-ישיבה בערלען און זאָגט אים:

— דו הערסט, בערל, מאָרגן מוזטו גיין צו אַ מומחה ער זאָל דיר דעם קאָפּ אויסהיילן.

— וואָס וועט זיין, רבי — מאַכט בערל — אַז זי, די כלה מיין איך, וועט מיך דערנאָך ניט וועלן, וועט דאָך אויסקומען, אַז איך האָב אומזיסט געכאַפּט און אויסגעהיילט דעם פאַרך פונעם קאָפּ.

## 625. דעם געזונטן פוס

צוויי קראַנקע זיינען געלעגן אין שפּיטאָל איינער לעבן אַנדערן, יעדער פון זיי מיט אַ קראַנקן פוס, און ביידן האָט דער דאָקטאָר גע־הייסן מאַכן מאַסאַזש. איינער פון זיי פלעגט שרייען אויף קולות בשעת דעם מאַסאַזש, און דער צווייטער פלעגט שמייכלען ביים רייבן זיין פוס גלייך ווי ניט אים מיינט מען עס.

— ווי קומט עס — פרעגט איינמאָל דער ערשטער — וואָס איך לייד אַזעלכע שמערצן בשעת מען רייבט מיר דעם פוס, און אייך איז דאָס רייבן גלייך ווי אַ שפּילעכל ?

— געוויס אַ שפּילעכל — ענטפערט דער צווייטער — וואָס בין איך, עפּעס אַ טיפש, איך זאָל געבן רייבן דעם קראַנקן פוס ? איך נעם פּשוט און לאָז רייבן דעם געזונטן פוס.

## 626. פאַרוואָס עפּעס אייזן

— אייער טאָכטער — זאָגט דער דאָקטאָר צו אַ רייכער דאַמע, נאָכדעם ווי ער האָט באַטראַכט די קראַנקע טאָכטער — איז בלוט־אָרעם. איך וועל איר באַלד פאַרשרייבן אַ רעצעפּט וואָס אַנטהאַלט אין זיך אייזן.

— הער דאָקטאָר — זאָגט די מוטער — פאַרוואָס עפּעס אייזן ? נישקשה, מיר מעגן זיך, ברוך השם, פאַרגינען, אַז אונדזער טאָכטער זאָל איינגעמען אַ רעצעפּט וואָס האָט אין זיך גאָלד, און אויב איר ווילט אַפילו אַ פּאָר דימענטלעך אויך.

## 627. בעסער זיין דערווייל טויב

— אייער מאַן טוט עפּעס — פרעגט איין דאַמע דער צווייטער — אויסצוהיילן זיין טויבקייט ? ער גייט געוויס צו אַ גוטן אויער־דאָקטאָר ?

— נײן, — ענטפערט יענע — ער האָט באַשלאָסן צו וואַרטן אַ שטיקל צײט ביז אונדזערע קינדער, זאָלן לעבן, וועלן אויפהערן צו נעמען זײערע מוזיק-לעקציעס. ערשט דעמאָלט וועט ער גײן צו אַ דאָקטאָר.

## 628. צום אַפּעטיט

אַן אָרעמער ייִד איז געקומען צו אַ דאָקטאָר און בעט אים, ער זאָל אים געבן עפּעס אַזוינס צום אַפּעטיט. דער דאָקטאָר נעמט אים באַטראַכטן, טאַפּט דעם דופק, קלאַפּט די ברוסט, באַקוקט די אויגן און די צונג. דערנאָך נעמט ער שרײבן אַ רעצעפּט און זאָגט דעם ייִדן:

— אָט דעם רעצעפּט וועט איר נעמען דרײ מאָל אַ טאָג וועט איר באַקומען אַפּעטיט.

— אַפּעטיט, הער דאָקטאָר — רופט זיך אָן דער אָרעמער ייִד — האָב איך אַזוי אויך, דאַנקען גאָט. געקומען בין איך אײַך בעטן עפּעס צום אַפּעטיט.

## 629. אויף מאַמע-לשון

אַן אַריסטאָקראַטישע אָדעסער דאַמע האָט באַדאַרפט גײן צו קינד, האָט מען געבראַכט צו איר אַ באַרימטן דאָקטאָר-אַקושער. דער דאָקטאָר האָט זי באַטראַכט און געזאָגט, אַז ס'איז נאָך דאָ געננוג צײט. דערווײַל איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין אַנדערן צימער דערבײַ און רואיק געפירט דאָרטן אַ שמועס מיט די שטוב-מענטשן. ער הערט, זי שרײַט שוין אויף קולות, פריער אויף פראַנצויזיש Mon dieu (מײַן גאָט), און דערנאָך אויף רוסיש ! о Боже мой — דער דאָקטאָר רירט זיך ניט און זאָגט אַלץ: ס'איז נאָך דאָ צײַט. ענדלעך האָט זי געטאָן אַ געשרײ: „אוי, מאַמע!"

— איצט ערשט איז די רעכטע צײַט — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, זיך אויפגעהויבן פונעם אָרט און באַלד אַרײַן צו איר אין צימער.

## 630. דער דופק

אײנער אַ ייִדישער פעלדשער איז קראַנק געוואָרן, קומט צו אים

אַ צוויימער פעלדשער, זיינער אַ גומער פריינד, און נעמט אים אָן ביים דופק. רופט זיך אָן דער חולה:

— צו וואָס טויג דאָס נאַריש מאַכן זיך? מיר ביידע ווייסן דאָך יאָ, אַז קיין דופק איז ניטאָ.

## 631. אַ שטאָט אָן אַ דאָקטאָר

אין אַ קליין שטעטל איז געווען איין און איינציקער דאָקטאָר, נישט פון די גרויסע מומחים. פרעגט אים אַמאָל אַ נאָענטער באַקאַנטער:

— איר ווייסט דאָך אַז אין אַ שטאָט אָן אַ דאָקטאָר טאָר מען, לויט אַ בפירושן דין פון אונדזער גמרא, ניט וואוינען, איז מילא מיר אַלע וואוינען דאָ אין שטעטל, ווייל מיר רעכענען אייך פאַר אַ רופא, אָבער איר ווייסט דאָך געווים אַז איר קענט נישט זיין גערעכנט פאַר קיין רופא, ווי אַזוי־זשע וואוינט איר אין אַ שטאָט אָן אַ דאָקטאָר.

## 632. קורירט קליינע קינדער

אַ זיידע האָט זיך באַרימט פאַר אַ גוטן פריינד מיט זיין אייניקל וואָס שטודירט אויף דאָקטאָר:

— איך זאָג אייך, ס'איז שוין איינמאָל אַ תכשיט. איך בין בטוח, אַז ער וועט זיין אַ מומחה איינס אין דער וועלט. שטעלט זיך פאָר, ער לערנט מעדיצין ערשט נאָר צוויי יאָר, פאַרשטייט זיך אַז פאַר גרויסע טויג ער נאָך נישט צו זיין קיין רופא, אָבער דערפאַר קליינע קינדער קורירט ער שוין אויסגעצייכנט.

## 633. אַ סורפּריז

ביי אַ יונגן דאָקטאָר האָט מען אָנגעקלונגען אין טיר. גייט־אַרויס דעם דאָקטאָרס פרוי עפענען און זעט אַ פּאַציענט, וואָס פרעגט אויפן דאָקטאָר.

— קומט בעסער, זייט אַזוי גוט, מאָרגן פרי — זאָגט אים די פרוי.

— פאַרוואָס עפּעס מאָרגן? — פרעגט דער קראַנקער פאַרוואונדערט.

— ווייל מאָרגן — ענטפערט די פרוי — איז דעם דאָקטאָרס

געבורטסטאָג, ווייל איך אים מאַכן אַ סורפּריז מיטן ערשטן פּאַ־ציענט.

## 634. איך וויל אויך לעבן

איינער האָט דערציילט, אַז ער איז זיך נוהג פון צייט צו צייט גיין צום דאָקטאָר און צאָלן אים פאַרן וויזיט, ווייל דער דאָקטאָר דאַרף דאָך לעבן. דערנאָך גייט ער מיטן רעצעפּט אין אַפּטייק און קויפט די רפואה, ווייל דער אַפּטייקער דאַרף דאָך אויך לעבן.

— נאָך דעם — זאָגט ער צום סוף — קום איך אַהיים און גיס־אויס דעם גאַנצן רעצעפּט, ווייל איך וויל אויך לעבן.

## 635. ניט ריכטיק געהיילט

איינער האָט זיך געהיילט ביי אַ פּראָפעסאָר. דער פּראָפעסאָר האָט דעם קראַנקן אַלץ געזאָגט, אַז זיין קרענק איז זייער אַן ערנסטע און ער איז געפערלעך. איינמאָל איז דער קראַנקער צום פּראָפע־סאָר צוגעשטאַנען און אים געבעטן ער זאָל אים זאָגן אָפן וויפל ער האָט נאָך צו לעבן, ווער ער אין דער צייט איינאָרדענען זיינע גע־שעפטן.

— בערך נאָך אַ זעקס חדשים — האָט אים דערויף געענטפערט דער פּראָפעסאָר.

אין אַ צען יאָר אַרום קומט דער חולה ווידער צו דעם זעלביקן פּראָפעסאָר און פרעגט אים צי ער געדענקט אים. — ניין — ענט־פערט אים דער פּראָפעסאָר. דערמאָנט אים דער קראַנקער דאָס וואָס ער האָט אים געזאָגט מיט צען יאָר צוריק אַז ער האָט צו לעבן ניט מער ווי זעקס חדשים.

דער פּראָפעסאָר קוקט אַריין אינם בוך פון יענער צייט, און מאַכט צום קראַנקן:

— יאָ, וואָס איך האָב דעמאָלט געזאָגט איז גאַנץ ריכטיק געווען, נאָר מ׳האָט אייך ניט ריכטיק געהיילט.

## 636. רעדט צו זיך אַליין

איינער איז געקומען צום דאָקטאָר און קלאָגט זיך אויף אַ מיחוש: די לעצטע צייט האָט ער אָנגעהויבן רעדן צו זיך אַליין.

— וואָס איז דער אומגליק? — זאָגט אים דער דאָקטאָר — קיינער איז נאָך פון אַזאַ מין חולאת נישט געשטאָרבן.

— וואָס רעדט איר, הער דאָקטאָר, — מאַכט דער חולה — איר קענט מיך נישט וואָס פאַר אַ נודניק איך בין. איך, אַז איך הויב־אָן צו רעדן צו איינעם קען איך אים פאַרנודזיען צום טויט.

## 637. בעסער איר

צו אַ קראַנקן איז געקומען פאַר פסח אַ באַקאַנטער מבקר־חולה זיין. לאָזט דער קראַנקער אַרויס אַ טיפן קרעכץ. רופט זיך אָן דער באַקאַנטער מיט אַ שמייכל:

— וואָס קרעכצט איר אַזוי? אמת פרומע יידן ווינטשן זיך דאָך צו שטאַרבן אין ניסן.

דער חולה מאַכט דערויף אַ זויערע מינע און זאָגט:

— פאַרוואָס עפּעס ניסן? בעסער א י ר (אייר).

# יונג און אַלט

## דער גאון ר׳ יהושע־העשיל קינדוויין

### 638. ולשרה בן

שבת ביים טיש זאָגט איינמאָל יהושע־העשילס פאָטער צו די קינדער זיינע:

— ווער פון אייך קינדער, וועט זאָגן עפּעס אַ שיין וואָרט באַקומט אַ דעם פעטן מארך־ביין, וואָס איך האַלט אין דער האַנט.

רופט זיך אָן שרה, יהושע־העשילס יינגערע שוועסטערל:

— מיר, טאַטע, קומט דער ביין. עס שטייט אַזוי אין פּסוק: „ולשרה בן״ (שרה, הייסט עס, קומט דער ביין).

דער פאָטער טוט אַ גלעט דאָס קינד און זאָגט איר:

— ביסט גערעכט, שרהלע, נאַ דיר דעם ביין.

יהושע־העשילען, וואָס איז אַליין אויך געווען דעמאָלט נאָך גאָר אַ קינד, האָט די זאַך פאַרדראָסן, טראַכט ער ניט לאַנג, לאָזט־אָפּ דער שוועסטער אַ רעכטן פּאַטש און צעוויינט זיך.

— שיינער בחור, וואָס שלאָגסטו דער שוועסטער? — פרעגט דער פאָטער אויפגעבראַכט.

— עס קומט איר צו וויינען — ענטפערט ער — ווייל אין פּסוק שטייט ניט, ווי זי זאָגט „ולשרה בן״, נאָר „ולשרה ב ן״ (וויין).

### 639. מיט איין פיסל

איינמאָל אין אַן ערב יום־טוב האָט יהושע־העשילען קינדוויין פאַרשמעקט שטאַרק אַ פאַלקע פון אַ געבראָטענער קאַטשקע (ענטע) און ער האָט זי אויפגענאַשט קיינער זאָל ניט זען. יום־טוב צום טיש דערלאַנגט די מוטער דאָס געבראָטענע עוף און זאָגט דערביי דעם פאָטער:

— פאַרפאַלן געוואָרן אַ פיסל פון דער קאַטשקע. קיין קאַץ איז אין שטוב ניט געווען. ניט אַנדערש, אַז ס'איז העשילם אַרבעט, ער איז אַ בעלן אויף אַזעלכע זאַכן.

דער פאָטער טוט אַ קוק אויף יהושע־העשילען, ווי איינער רעדט:

— וואָס ווענסטו זאָגן דערויף, שיינער בחור?

— באַלד וואָס עפּעס, איז העשיל! — מאַכט דאָס קינד ברוגז־לעך — עס קען גאָר זיין, אַז דאָס עוף איז לכתחילה געווען נאָר מיט איין פיסל.

— דערצייל ניט אַזעלכע מעשיות — זאָגט אים דער פאָטער — וואו האָסטו געזען אַ קאַטשקע מיט איין פוס?

אין אַ פּאָר טעג אַרום גייט דער פאָטער מיט העשילען אין שול שטייט גראָד אויפן וועג אַ קאַטשקע אויף איין פוס.

— זעסטו, טאַטע — ווייזט אָן דאָס קינד — אָט האָסטו אַ קאַטשקע מיט איין פיסל.

דער פאָטער רעדט ניט קיין וואָרט. נעמט אַרויס פון דער קעשענע די רויטע פאַטשיילע זיינע און טוט דערמיט אַ טרייב די קאַטשקע: לאָזט זי באַלד אַראָפּ דאָס צווייטע פיסל און אַנטלויפט.

— נו, וואָס ווענסטו איצט זאָגן? — מאַכט צו העשילען דער פאָטער.

— טאַטע — זאָגט העשיל — ווען דו וואָלסט געפּרוווט יום־טוב ביים טיש אַזוי טאָן און געבן אַ טרייב די קאַטשקע, וואָלט זי אפשר אויך אַראָפּגעלאָזט דאָס צווייטע פיסל.

## 640. אַ גאַנצער הערינג

ר' יהושע העשיל האָט קינדוויז שטאַרק ליב געהאַט הערינג. איינמאָל האָט ער זיך איינגעשפּאַרט, ניט אַנדערש די מאַמע זאָל אים געבן אַ גאַנצן הערינג אויף אָנצובייסן, אויב נישט — גייט ער ניט אין חדר. וואָס טוט די מאַמע? זי נעמט אַ קעפּל פון אַ הערינג, לעגט צו דערצו אַן עק און דערלאַנגט אים.

— אָט האָסטו דיר, העשיל — זאָגט זי — אַ גאַנצן הערינג, ווי דו האָסט אַליין געוואָלט.

דאָס קינד האָט זיך געמאַכט ניט־ווויסנדיק. אויף מאָרגן שיקט אים די מאַמע אין שול דאַווענען, זאַמט ער זיך דאָרט ניט מער ווי אַ פינף מינוט און קומט באַלד צוריק. וואונדערט זיך די מוטער

אויף אַזאַ שנעלן דאַוונען אויף איין פוס. זאָגט איר דערויף דאָס קינד:

— וואָס וואונדערסטו זיך, מאַמע? אַז ביי דיר איז אַ קאָפּ מיט אַן עק אַ גאַנצער הערינג, איז ביי מיר „מה־טובו" מיט „עלינו" אַ גאַנץ דאַוונען.

## 641. אַ מצות עשה

דער געוויסער רב ר' העשיל, דעם ש"כם רבי, איז געווען קינד־ווייז אַ גרויסער שטיפער. איינמאָל קומט ער אַריין אין קיך און טרעפט ווי די מאַמע נעמט אַרויס צוויי אָפּגעקאָכטע טייבעלעך אויף אָוועקצוגעבן אַן אָרעמער קימפּעטאָרין. די טייבעלעך האָבן אים שטאַרק פאַרשמעקט. זאָגט ער דער מאַמען, אַז דער טאַטע רופט איר. די מוטער איז אַרויסגעגאַנגען און אַז זי האָט זיך אומגעקערט האָט זי שוין נישט געפונען דאָס קינד אין קיך און מיט אים זיינען אויך ביידע טייבעלעך פאַרשוואונדן. דער פאָטער האָט אים דערנאָך פיין מקיים געווען, און דאָס קינד האָט געטענהט:

— איך האָב ניט מער געוואָלט ווי מקיים זיין אַ מצות עשה פון דער תורה: „שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך".

## 642. קידוש אָן וויין

ווען דער באַרימטער גאון ר' יונתן אייבעשיץ איז נאָך אַ קינד געווען, האָט אים דער פאָטער געשיקט קויפן וויין אויף אַ שבת צום קידוש.

— נו, און געלט? — פרעגט דאָס קינד.

— אַ קונץ — זאָגט אים דער פאָטער — צו קויפן מיט געלט. באַווייז אַז דו קענסט קויפן אָן געלט.

דער קליינער יונתן גייט אַוועק און ברענגט־צוריק אַ ליידיקע פלאַש.

— וואו איז דער וויין אויף קידוש? — פרעגט אים דער פאָטער.

— אַ קונץ — מאַכט ער — צו מאַכן קידוש פון אַ פולער פלאַש, באַווייז אַז דו קענסט מאַכן קידוש פון אַ ליידיקער פלאַש.

## 643. אָן אַ יצר־הרע

ר׳ רפאל ראַפּשיצער איז געווען יינגלוויי אַ גרויסער שטיפער, ער פלעגט איבערקערן וועלטן. מוסרט אים איינמאָל דער פאָטער:

— וויפל, נפתלי, איז דער שיעור צו זיין אַ קונדס, שוין צייט אוועקוואַרפן די קינדערשע זאַכן און ווערן אַ מענטש.

— וואָס זאָל איך טאָן? — פאַרענטפערט זיך דאָס יינגל — איך בין אַזוי ניט שולדיק ווי דער יצר־הרע וואָס רעדט מיך אָן צו אַזעלכע זאַכן.

— אדרבה — זאָגט אים דער פאָטער — טאַקע פונעם יצר־הרע אַליין דאַרף מען זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר. ווייסטו פאַרוואָס ער רעדט מענטשן אָן צו שלעכטס, ווייל דער רבונו־של־עולם הייסט אים, ער האָט אים אויף דעם באַשאַפן, פאָלגט ער און טוט זיין שליחות. פאַרוואָס־זשע פאָלגסטו אויך ניט דעם רבונו־של־עולם צו גיין אין גוטן וועג און לערנען מיט חשק.

— גוט איז דעם יצר־הרע — ענטפערט דער קליינער — ער האָט ניט קיין יצר־הרע וואָס זאָל אים אָנרעדן ניט צו פאָלגן: איך אָבער האָב יאָ אַ יצר־הרע.

## 644. געהערט ווי געזען

צו יהושע־העשילען איז יינגלוויי איינמאָל געקומען אַ שדכן מיט איינעם פון די גרויסע רבנים אים צו פאַרהערן אין לערנען. פרעגט אים דער רב:

— ס׳איז אמת, וואָס איך האָב געהערט אויף דיר, אַז וואָס פאַר אַ ספר מען נעמט און וואו מען מישט־אויף דאָרט קענסטו זאָגן?

— פרואווט — ענטפערט ער.

—נעמט דער רב אַ גמרא און ווייזט אים אָן פון פאָרנט אויף דעם ליידיקן בלאַט, ער זאָל דאָרט זאָגן. יהושע־העשיל האָט זיך געזעצט לערנען מיטן געוויסן ניגון אָן ווערטער.

— פאַרוואָס הער איך ניט קיין וואָרט? — פרעגט אים דער רב.

— דערפאַר, וואָס איך זע ניט קיין וואָרט — ענטפערט ער.

## 645. שוין פיינט באַצייטנס

אַן אַנדערש מאָל איז געקומען צו יהושע־העשילען אַ מחותן מיט עטלעכע לומדים, אים צו פאַרהערן אין לערנען. דער בחור איז ניט געווען אינדערהיים, שיקט מען אים רופן פון בית־המדרש, אַז ער איז אַריינגעקומען אין שטוב, פרעגט מען אים, צו דערקענט ער, ווער פון די יידן איז דער מחותן? ווייזט ער אָן אויף דעם מחותן.

— פון וואַנען ווייסטו עס? — פרעגט מען אים.

— איך פיל עס — ענטפערט ער — ווייל איך האָב אים שוין פיינט באַצייטנס.

## 646. איבערגעקערט

איינער האָט געוואָלט אויספרואוון די תפיסה פון אַ קינד מיט זייער אַ שאַרף קעפּל, פרעגט ער אים:

— פאַרוואָס שטייט עפּעס אין חומש „ברע מלך סדם" — הייסט עס דער מלך פון סדום ברע, און אין סידור שטייט „מלח סדומית רבע" — הייסט שוין גאָר דער מלך פון סדום „רבע", פּונקט די אייגענע אותיות פון „ברע", נאָר איבערגעקערט.

דאָס קינד האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און באַלד מיט אַ שמייכל אָפּגעענטפערט.

— סדום אינגאַנצן האָט זיך איבערגעקערט, האָבן זיך די אותיות אויך איבערגעקערט.

## 647. וויל נאָר

מען דערציילט וועגן ווילנער גאון, אַז איינמאָל איז ער גע־גאַנגען אין גאַס, הערט ער ווי צוויי יינגלעך, וואָס זיינען אים נאָכ־געגאַנגען, רעדן צווישן זיך, און איינער ווייזט אָן דעם אַנדערן:

— זעסט אָט דעם וואָס גייט פאַר אונדז? דאָס איז דער וויל־נער גאון.

קערט זיך אום דער גאון צו יענעם מיטן פּנים און זאָגט אים:

— מיין קינד, וויל נאָר וועסטו אויך זיין אַ גאון.

## 648. פונעם אַלטן דור

אַן אַלטער שמש האָט פאַר די יונגע לייט אין שול געמאַכט גאָר צונישט די „היינטיקע שוואַכע דורות”.

— אמת געזונט און שטאַרק — האָט ער געזאָגט — איז מען געווען נאָר אַמאָל; היינטיקע צייטן אָבער, מישטיינס געזאָגט, זעט מען דאָך אַפילו אין די אויגן נישט קיין אַלטן מאַן.

— אָט זענט איר דאָך אַן אַלטער מאַן — פרעגט אים איינער פון די יונגע לייט.

— חכם מיינער! — ענטפערט דער שמש — איך בין דאָך פון אַלטן דור.

## 649. אויף דער עלטער

איין אַלטער מאַן זאָגט דעם אַנדערן:

— איר זאָגט דאָך עפּעס, אַז איר זענט אַ ייד אַ תלמיד־חכם, דאַרפט איר דאָך וואָס עלטער ווערן קליגער; צום סוף רעדט איר, מחילה, נאַרישקייטן, אַז איך הויב אייך ניט אָן צו פאַרשטיין.

— דאָס איז — ענטפערט ער — ניט דערפאַר וואָס איך בין נישט קיין תלמיד־חכם, נאָר ווייל איר, מחילה, זענט אַן עם־הארץ, מוזט איר וואָס עלטער ווערן מער נאַריש און קענט וואָס ווינציקער פאַרשטיין.

## 650. איבערגעגעסן זיך מיט אַפיקומן

— אַן אַלטער מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און זיבעציק איז שטאַרק שוואַך געוואָרן און געלעגן צו בעט. קומט אַ באַקאַנטער אים מבקר־חולה זיין און פרעגט: וואָס איז אים אַזוינס? דער אַלטער טוט אַ קרעכץ און ענטפערט:

— איך האָב זיך איבערגעגעסן מיט אַפיקומן.

— וואָס איז דער פירוש דערפון?

— גאָר פשוט, איך האָב שוין אויף מיין לעבן אויפגעגעסן שטיקער אַפיקומן העכער זיבעציק. נו, וויפל נאָך איז דער שיעור?

## 651. געווים אמת

צוויי יונגעלייט רעדן וועגן זייער אַ באַקאַנטער פריילן.

— זי זאָגט — רופט זיך אָן איינער — אַז זי איז אַלט צוואַנציק פֿו׳. מיר שיינט אַז זי דאַרף זיין עלטער.

— ס׳איז געווים אמת וואָס זי זאָגט — מאַכט דער צווייטער — ווייל איך הער פון איר דאָס זעלביקע שוין אַ יאָר צען.

## 652. מיט פוטער

ר׳ יונתן פרעגער האָט שוין קינדווייז אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן מיט אַ זעלטענעם זכרון.

איינמאָל, ווען ער איז געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר פינף איז צו זיי אין שטוב פאַרפאָרן איינער פון די גרויסע רבנים. דאָס געראָטן קינד האָט שטאַרק נושא חן געווען ביים רב און ער פלעגט ליב האָבן מיט אים אָפט צו שמועסן.

איינמאָל פרעגט אים דער רב, וואָס ער האָט געגעסן אָנביימן.

ענטפערט דאָס קינד: ברויט מיט... — און ער האָט נישט פאַרענדיקט, ווייל מ׳האָט דעם רב אין מיטן אַוועקגערופן.

שפּעטער מיט אַ יאָר טרעפט זיך דער רב ווייטער מיטן קינד, גיט ער אים שלום און פרעגט אים די ערשטע שאלה:

— מיט וואָס?

דאָס קינד האָט זיך ניט פאַרטראַכט אויף קיין רגע און באַלד געענטפערט:

— מיט פוטער.

## 653. ער איז טויב

קינד (צו דער מוטער): מיט וועמען רעדט עס דאָרט דער זיידע?

מוטער: ער רעדט צו זיך אַליין.

קינד: צו וואָס זשע רעדט ער אַזוי הויך?

מוטער: ער איז טויב.

## 654. שוין אויס קאַשע

ווען דער גאון ר׳ יהושע-העשיל איז נאָך אַ קינד געווען האָט ער שוין געשמט מיט זיין שאַרף קעפּל. איינמאָל זאָגט אים דער פאָטער ביים עסן קאַשע:

— אַנו, העשיל, פּרואוו נאָר פאַרענטפערן די דאָזיקע ק ש י א.

— אין מסיחין בסעודה (מען רעדט נישט בשעתן עסן) — ענטפערט דאָס קינד.

נאָכן עסן די קאַשע זאָגט אים ווידער דער פאָטער:

— איצט, העשיל, מעגסטו דאָך פאַרענטפערן די ק ש י א.

— איצט — זאָגט דאָס קינד — איז דאָך שוין אוים ק א ש ע.

# יידישע פאַמיליעס:
# עלטערן און קינדער

### 655. אַ זכות

אין אַנדערע שטעט איז געווען אַמאָליקע צייטן אַ מנהג ניט צו באַגראָבן אַ מת ביז מען זאָגט ניט אויף אים עפּעס אַ זכות. האָט זיך געמאַכט אין אַ שטאָט, אַז ס'איז געשטאָרבן איינער אַ גרויסער בעל־עבירהניק, וואָס קיינער האָט ניט געקענט אויף אים געפינען קיין שום זכות. אַ פּאָר טעג איז דער מת אַזוי געלעגן און מ'האָט אים ניט געקענט מקבר זיין, ביז ס'איז געקומען איינער און האָט מודיע געווען: — רבותי, איך האָב צו זאָגן אַ זכות אויף דעם מת: איך ווייס, אַז ער האָט געלאָזט אַזעלכע בנים, וואָס אַקעגן זיי איז ער אַ צדיק.

### 656. אויסגערעכנט זיך יחוס

אַ זון איז געווען שטאַרק אָנגעשטויסן אויף דעם פאָטער זיינעם רופט ער זיך אָן צו אים:

— טאַטע, זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס איז מיט דיר אַזוינס דער יחוס? באַשר דו האָסט אַ שענערן טאַטן ווי איך, דערפאַר אָבער האָט מיין טאַטע אַ שענערן זון ווי דיין טאַטע.

### 657. אַ פּשוטער חשבון

אַ מלמד אין דאָרף לערנט חשבון מיט אַ יינגל פון אַ ישובניק, און פרעגט אים:

— אויב איך בין שולדיק געווען דיין טאַטן אויף אַ קוויטל הונ־דערט רובל און האָב אים אויף דעם שוין אָפּגעגעבן פינף און דרייסיק רובל, וויפל בין איך אים נאָך געבליבן שולדיק?

— האָט איר — פרעגט דאָס ייִנגל — אַרויסגענומען אַ קוויטל אויף דעם וואָס איר האָט אָפּגעצאָלט?

— וואָס געהער זיך עס אָן, ניט גענומען קיין קוויטל, אָבער וויפל, זאָג, דאַרף איך נאָך דעם טאַטן באַצאָלן?

— וויפל? הונדערט רובל.

— פאַרשטאָפּטער קאָפּ! אַזאַ פּשוטן חשבון קען ער ניט!

— איך קען חשבון, נאָר איר, רבי, קענט ניט מיין טאַטן!

## 658. אַ ווייב אין אמתן

אויף דעם פסוק „וה׳ ברך את אברהם בכל״ (גאָט האָט געבענטשט אברהמען מיט אַלעמען), דרש׳עט די גמרא אַז גאָט האָט געבענטשט אברהמען מיט אַ טאָכטער וואָס האָט געהייסן „בכל״. פרעגט זיך אַ קשיא: ווייבאַלד אַזוי, צוליב וואָס האָט אַברהם באַדאַרפט שיקן זיין קנעכט אליעזרן צו זוכן פאַר זיין זון יצחק אַ כלה פון דער אייגענער משפחה ערגעץ־וואו אין ווייטע מקומות, ס׳איז דאָך געווען פאַר מתן תורה, ווען אַ ברודער האָט געמעגט נעמען אַן אייגענע שוועסטער, האָט דאָך אברהם געקענט יצחקן בעסער חתונה מאַכן מיט דער שוועסטער זיינער „בכל״?

דער תירוץ איז: אברהם האָט געוואָלט יצחקן געבן אַ ווייב אין אמתן, דאָס הייסט אַ ווייב ניט על־פי־דרש, נאָר על־פי־פשט.

און נאָך אַ תירוץ איז פאַראַן: אברהם האָט זיך אַזוי געטראַכט: גוט איז, ווען מען דרשעט דעם פסוק אַזוי, וואָס טוט מען אָבער ווען עס קומט אַן אַנדערער דרשן און שטעלט זיך אַנידער און דרינגט גאָר, אַז „בכל״ איז עפּעס אַנדערש ניט קיין טאָכטער, בלייבט דאָך דעמאָלט מיין יצחק אָן אַ ווייב.

## 659. צוויי מעלות

אַ פאָטער זאָגט דעם זון זיינעם וואָס שטייט אין שידוכים:

— הערסט, מיין זון, צוויי מעלות מוז האָבן דאָס מיידל וואָס דו וועסט פאַר איר חתונה האָבן: ערשטנס, מוז זי זיין אַזוי שיין, אַז דו וואָלסט האָבן חשק זי צו נעמען אָן אַ גראָשן געלט; צווייטנס, מוז זי האָבן אַזוי פיל געלט, אַז דו וואָלסט האָבן חשק זי צו נעמען ווען זי זאָל אפילו זיין ווי העסלעך.

## 660. עס פעלט איין הונדערטער

אַ פּאַטער פון אַן איבערגעוואַקסענער טאָכטער קלאָגט זיך פאַר זיינעם אַ גוטן פריינד:

— ס'איז שלעכט, גוטער ברודער! אפשר קענסטו מיר אַן עצה געבן, וואָס טוט מען? איינגיכן דאַרף זיין די חתונה פון מיין עלטערער טאָכטער, מוז איך אָבער אָפּצאָלן די צוויי הונדערט רובל נדן, וואָס איך האָב צוגעזאָגט. מילא איין הונדערטער איינגנטלעך האָב איך, ווייס איך אָבער ניט, וואו קריגט מען דעם צווייטן, וואָס פעלט מיר?

— ווייבאַלד איין הונדערטער האָסטו — רופט זיך אָן יענער — איז גאָר פון די קליינע אומגליקן. קיין שידוך ביי יידן צעגייט זיך ניט צוליב אַזעלכע זאַכן. דו נעם און טראָג דערוויל אַריין דעם איינעם הונדערטער, וואָס דו האָסט, און דעם צווייטן וועסטו אָפּלעגן אַ ביסל אויף שפּעטער, אם ירצה השם, נאָך דער חתונה.

— הערסטו, חכם מיינער — מאַכט דער מחותן — אויף דעם שכל בין איך אַליין געפאַלן, און דאָס מיין איך דאָך טאַקע דעם איינעם הונדערטער וואָס איך האָב, דאָס הייסט דעם צווייטן, וועלכן מען קען ניט דערגעבן, שלעכט איז אָבער, וואָס ס'איז נישטאָ וואו צו קריגן דעם ערשטן הונדערטער.

## 661. הבל־הבלים

צום באַרימטן לעמבערגער רב ר' יעקב אָרענשטיין איז געקומען אַ שדכן פאָרלעגן אים אַ שידוך פאַר זיין זון מיט אַן אויפגעקומענעם גביר, אַ געוועזענעם קצב, זאָגט אים דער רב, אַז ער וויל דער מחותן אַליין זאָל קומען צו אים וועגן דעם איבערשמועסן. געקומען דער מחותן, זאָגט אים דער רב:

— איך קען מרוצה ווערן אויף דעם שידוך, נאָר מיט איין תנאי איר זאָלט זיך שטעלן שיין און געבן נדן ניט ווייניקער ווי הונ־דערט טויזנט גילדן.

— רבי — זאָגט דער אויפגעקומענער גביר — איך ווייס אַוודאי אַז דער יחוס אייערער האָט די ווערט אַ סך מער, פונדעסטוועגן מוז איך אייך זאָגן, איר זאָלט מיר מוחל זיין, אַז די זאַך חידושט מיר

א ביסל, איר, וואס זענט ביי זיך שטענדיק אזא גרויסער ענו, זאלט אזוי הויך שעצן דעם כבוד פון אייער תורה!

— איך וועל אייך זאגן — ענטפערט דערויף דער רב — איר האט א טעות, ניט מחמת איבעריק גדלות טו איך עס; אדרבה, איך ווייס גאנץ גוט, אז איך בין ניט קיין גדול, און דער גאנצער יחוס מיינער, דער כבוד פון מיין תורה, איז גארנישט, הבל־הבלים. איך ווייס אבער דאס אויך, אז דאס געלט אייערס איז אויך הבל־הבלים. ניט מער, איך מאך מיט אייך א שטיקל חילוף: איך גיב אייך מיין הבל־הבלים און פארלאנג פון אייך דערפאר אייער הבל־הבלים.

## 662. א קונציקער כירורג

— וואס פאר א מענטש איז דער חתן, וואס דו האסט גענומען פאר דיין טאכטער — פרעגט איינער זיינעם א גוטן פריינד.

— אזא יאר אויף מיר — ענטפערט דער פאטער — א פראפעסאר, זאג איך דיר, א כירורג, אבער גאר פון די קונציקע.

— וואס רעדסטו? ווי ארום קומט אזא אביון ווי דו צו אזא גרויסארטיקן שידוך פאר דיין טאכטער?

— איך ווייס איין זאך: געהאט האב איך אויף זיך א רעכטן הויקער האט ער עס פון מיר אראפגענומען,—היינט פרעג איך דיך, איז ער ניט א קונציקער כירורג?

## 663. גלוי עריות

א מחותן, דעם חתנס פאטער, האט אפגעשיקט די תנאים דער כלה, דערפאר וואס מ׳האט דעם צוגעזאגטן נדן ניט איינגעליינגט צו דער צייט. שיקט אים רופן דער רב און נעמט אים פארהאלטן:

— סטייטש, ווי טוט עס א ייד אזא זאך? ווייסט איר דען ניט, אז אפשיקן תנאים איז א גרויסע עבירה? ס׳איז דאך אמתע שפיכות־דמים!

— רבי — ענטפערט דעם חתנס פאטער — איך ווייס אליין, אז שפיכות־דמים איז איינע פון די גרעסטע עבירות; אבער זאגט מיר, איך בעט אייך, איז דען גלוי־עריות, דאס הייסט מיין קינד זאל נעמען, מחילה, א הוילע נאקעטע מויד, א קלענערע עבירה ווי שפיכות־דמים?

## 664. געמאַכט פאַר לייט

— וואָס מאַכן דיינע קינדער?
— נישט צו פאַרזינדיקן, איך האָב זיי, ברוך השם, געמאַכט פאַר לייט.
— וואָס טוט דער עלטערער?
— ער איז אַ דאָקטאָר אין ווארשע.
— און דער ייִנגערער?
— ער האָט זיך געעפנט אַ פאַבריק.
— און דו אַליין וואָס טוסטו?
— איך אַרבעט אויסצוהאַלטן ביידע קינדער.

## 665. אָן מזל

— איר זעט מיין ייִנגעלע — האָט זיך געקלאָגט אַן אָרעמע ייִדענע — איך זאָג אייך אַז ס׳איז אין אין דער וועלט, קיין גלייכן צו אים ניטאָ. וואָס קומט אָבער אַרויס אַז קיין מזל איז ניטאָ, וואַלגערט ער זיך ביי אַן אָרעמער אַלמנה און ווערט נעבעך גוט פאַרשוואַרצט. ווען אַזאַ קינד שטייט אין ביי נגידישע עלטערן, וואָלט ער געווים שוין לאַנג געווען „בר־מצווה״.

## 666. אַ בשורה אָנזאָגן

דער פאָטער זאָגט אָן אַ בשורה דעם קינד, בשעת עס קומט פון חדר:
— ווייסט, מיין זון, ס׳איז דיר געבוירן געוואָרן אַ קליין ברודערל.
לאָזט זיך דאָס קינד באַלד לויפן.
— וואוהין לויפסטו עס? — פרעגט דער פאָטער.
— איך לויף — ענטפערט דאָס קינד — אָנזאָגן גיכער די בשורה דער מאַמען.

## 667. כבוד אָב

אַ מלמדס אַ זון פון ערגעץ אַ שטעטל אין פוילן האָט זיך בחור־וויז אוועקגעלאָזט קיין דייטשלאַנד און דאָרט געוואַקסן גרויס ביז ער איז געוואָרן מיט דער צייט אַ דירעקטאָר פון אַ באַנק אין אַ קליין

דייטשיש שטעטל. אין אַ צייט אַרום שיקט דער זון אויף הוצאות דעם אַלטן פאָטער ער זאָל קומען צו אים צו גאַסט. דאַרף זיך מאַכן, אַז דער אַלטער מלמד קומט אָן אינעם זונס שטעטל פונקט דעם ערשטן סעפּטעמבער, ווען די דייטשן פלעגן פייערן מיט גרויס פּאַראַד דעם סודאַן-נצחון איבער די פראַנצויזן.

דער אָנגעקומענער גאַסט זעצט זיך מיטן זון, וואָס האָט אים באַגעגנט, אין אַ פאַעטאָן צו פאָרן פון וואָקזאַל אין שטעטל און זעט דעם גרויסן פּאַראַד: סאָלדאַטן שטייען אויסגעשטעלט יום-טובדיק, רייטערס גאַנץ פיין אויסגעפּוצט אויף די פערד, מוזיק שפּילט גאַנץ פריילעכע ניגונים, די פאַראיינען פונעם שטעטל מאַרשירן, יעדע חברה מיט איר פאָן, פרויען וואַרפן בלומען א. אַז. וו.

דער מלמד באַטראַכט דאָס אַלעם און שאָקלט מיטן קאָפּ. פלוצעם ווענדט ער זיך צום זון און טרערן פון שמחה שטייען אים אין די אויגן.

— זון מיינער — זאָגט ער אים — איך ווייס טאַקע אַז כבוד-אָב איז אַ גרויסע זאַך, וואָס האָט מען דאָ צו רעדן? אָבער איך פרעג דיך, וואָס האָט דיר געטויגט אַזוי פיל טרחה צו האָבן? איך גאָר גאָר נישט נאָך אַזאַ גרויסן כבוד. גלויב מיר, דו וואָלסט געוועזן ביי מיר אָן דעם אַלעמען אויך אַ טייערער זון.

## 668. פּופּציק פּראָצענט

— מחותן-לעב — טענהט דער חתן — איר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט בפירוש צו געבן נדן?

— צוליבן קריזיס — ענטפערט דער מחותן — מוז איך האַלטן מיין צוזאָג נאָר אויף העלפט, דאָס הייסט פופציק פּראָצענט. צוגע-זאָגט האָב איך אַ כלה מיט נדן, גיב איך האַלב, די כלה הייסט עס.

## 669. קומט ניט צוריק

אַ טאָכטער אַ גרושה בעט ביים פאָטער געלט און ער קנייטשט זיך, פרעגט זי אים:

— זאָג מיר, טאַטע, פאַרוואָס איז ביי דיר דער רובל טייערער ווי איך?

— איך וועל דיר זאָגן — ענטפערט איר דער פאָטער — דיך אַז איך גיב-אויס, קערסטו זיך נאָך צו מיר אום צוריק; דער רובל

אַבער, אים אַז איך גיב־אוים איז פאַרפאַלן, ער קומט שוין נישט צוריק.

## 670. זאָל ער וויסן

א פאַטער, אַ שרעקלעכער כעסן, איז איינמאָל שטאַרק אויפ־געבראַכט געוואָרן אויף זיינער אַן אויסגעגעבענער טאָכטער און ער האָט איר געגעבן אַ קלאַפּ. די טאָכטער האָט זיך צעוויינט אויף אַ קול:

— קאַרג וואָס מיין מאַן דער שאַרלאַטאַן שלאָגט מיך, קומסטו נאָך אויך מיך שלאָגן!

— זאָל ער טאַקע וויסן, דער שאַרלאַטאַן דיינער — מאַכט דערויף דער פאָטער — ער שלאָגט מיין טאָכטער, שלאָג איך דער־פאַר זיין ווייב!

## 671. אויף אַ שטר מכירה

אַ חסיד, אַ לאָדזער פאַבריקאַנט האָט מען געפרעגט:

— מילא, אייער פאַבריק אַרבעט אום שבת, האָט איר דערויף אַ שטר־מכירה אַז זי געהערט צו אַ גוי, אָבער די טאָכטער אייערע, ווי קומט עס וואָס איר לאָזט זי מחלל שבת זיין?

— פרעגט נישט — האָט ער געענטפערט — מיין טאָכטער געהערט אויך צו אַ גוי.

## 672. דאָס לשון אָפּגענומען

צוויי יונגעליים נאָענטע באַקאַנטע זיינען אַריינגעגאַנגען אין אַ גאַר־קיך און זיך געהייסן דערלאַנגען פאַר ביידן איין פּאָרציע. ווי מען האָט אָנידערגעשטעלט דאָס שיסעלע מיטן געריכט אויפן טיש, האָט איינער באַלד זיך גענומען צום עסן, און דער אַנדערער זיצט און דערציילט אַלץ שבחים פון זיין זיידן, וואָס פאַר אַ גרויסער חכם ער איז געווען און וואָס פאַר אַ קלוגע ווערטער ער האָט געזאָגט יעדן באַזונדער פאַר זיין טויט. דערווייל קוקט ער זיך אום ווי יענער האַלט אין איין פּאַקן אויף ביידע באַקן און אַט בלייבט שוין גאָר ניט אין שיסל, רופט ער זיך אָן צו אים:

— איצט דערציייל שוין דו אַ ביסל פון דיין זיידן, וואָס ער האָט אָנגעזאָגט אַזוינס פאַרן טויט?

— פון מיין זיידן — זאָגט יענער מיט אַ פול אָנגעשטאָפּטן מויל — האָב איך ניט וואָס צו דערציילן, ווייל עטלעכע טעג פאַר זיין פּטירה האָט אים שוין, ניט פאַר אונדז געדאַכט, דאָס לשון אָפּגענומען.

# מאַן און ווייב

## 673. פשוט מצה

ביי אַ יונגנמאַן באַלד נאָך דער חתונה האָט מען אַ פרעג געטאָן:

— נו, ווי אַזוי האָסטו געטראָפן, „מצא" צי „מוצא"? *).

— ניט „מצא" און ניט „מוצא" — ענטפערט ער — נאָר פשוט „מצה", ווייל זי זעט אויס פונקט ווי אַ מצה: אַ שוואַרצינקע און אַ דאַרינקע און אַ געשטופּלטע דערצו.

## 674. פון הימל אויף דער ערד

איינער באַגעגנט אַ באַקאַנטן יונגנמאַן אַ פּאָר וואָכן נאָך דער חתונה זיינער, פרעגט ער אים:

— זאָג, ווי לעבט זיך עם דאָס נייע לעבן?

— וואָס זאָל איך זאָגן — ענטפערט יענער — איך ווייס נאָר, אַז איצטער האָב איך אָנגעהויבן צו גלויבן באמת אין דעם, וואָס די וועלט זאָגט, אַז שידוכים ווערן געשלאָסן טאַקע אויפן הימל.

— פאַרוואָס עפּעס איצטער?

— ווייל באַלד נאָך מיין חתונה, פאַרשטייסטו מיך, בין איך אַראָפּגעפאַלן פון הימל אויף דער ערד.

---

*) „מצא" מיינט מען אַ גוט ווייב, ווי דער פּסוק זאָגט: „מצא אשה מצא טוב"; „מוצא" אַ שלעכט ווייב, ווי אַן אַנדער פּסוק זאָגט: „ומוצא אני מר ממות את האשה".

## 675. מען פילט זיך גוט

אַ יונגערמאַן אַ בחור פרעגט אַן עצה ביי זיינעם אַ גוטן פריינד, וואָס ביי אים איז שוין אייניקע יאָר נאָך דער חתונה, צי ס'איז כדאי צו מאַכן די שפּיל; ד"ה צו פאַרבינדן זיך מיט אַ פרוי.

— געוויס כדאי — ענטפערט יענער — ווען מען איז איינער אליין פילט מען זיך ניט באַקוועם קיינמאָל, ניט אין דער היים און ניט אַז מען גייט אַוועק פון דער היים. האָב חתונה, וועסטו זיך ווייניקסטנס פילן גוט ווען דו וועסט אַוועק פון דער היים.

## 676. חתונה געהאַט

— וואָס ביסטו אַזוי פאַרזאָרגט און פאַרצאַרנט? — פרעגט איין יונגערמאַן דעם צווייטן.

— פרעג נישט — ענטפערט יענער — ס'האָט זיך מיר גע־טראָפן אַן אומגליק: מיין כלה, אין וועלכע איך בין געווען אַזוי פאַרליבט און האָב געמיינט אַז ס'איז אַ מלאך פון הימל, האָט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק חתונה געהאַט.

— וואָס רעדסטו? מיט וועמען?

— וואָס הייסט מיט וועמען? אַז אַך און וויי, טאַקע מיט מיר!

## 677. שלעכטע שטאָף

אַ מאַן ברענגט אַהיים אַ שטיק סחורה וואָס ער האָט געקויפט זיך צו מאַכן אַן אַנצוג. די פרוי באַטראַכט די סחורה און זאָגט מיט פאַרדרוס:

— וואָס פאַר אַ שלימזל דו ביסט! זינט איך קען דיך קלייבסטו זיך תמיד אוים דעם ערגסטן שטאָף!

— יאָ, ביסט גערעכט, מיין ווייב — מאַכט דער מאַן — אָנ־געהויבן האָב איך פון דיר.

## 678. לעיני כל ישראל

דער מינסקער „גדול" ר' ירוחם־ליב איז אַמאָל געווען אויף אַ חתונה. זעט ער ווי חתן־כלה האָבן זיך נאָך דער חופּה צעקושט. האָט ער דערויף שטאַרק מקפּיד געווען.

— רבי — פרעגט מען אים — ס'איז דאָך שוין נאָך דער חופה, מאַן און ווייב.

— יאָ, אמת, — זאָגט דער „גדול" — אָבער „לעיני כל ישראל" איז אַ סוף פון דער תורה.

## 679. רעדן איבער אים ביז ווינטער

— איך פאַרשטיי דיך נישט — זאָגט איין פרוי צו דער צווייטער — איצט, זומער־צייט, קריגסטו זיך מיטן מאַן ער זאָל דיר מאַכן אַ וואַרעמען מאַנטל!

— וואָס פאַרשטייסטו דאָ נישט? — ענטפערט יענער — איך קען אים גוט, ביז איך וועל עס ביי אים פועלן וועט ווידער ווערן ווינטער.

## 680. טויב אויך

צו אַ יונגנמאַן נאָך דער חתונה איז געקומען אַ חבר זיינער צו גאַסט, זאָגט ער אים שטילערהייט אַזוי, אַז דאָס יונגע ווייבל יענעמס, וואָס איז געזעסן אין דעם זעלביקן חדר, זאָל ניט הערן:

— איך מוז דיר זאָגן, גוטער ברודער, אַז די סחורה דיינע געפעלט מיר כלל ניט. איך הויב ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס אַזוינס, אויסער געלט, דו האָסט אין איר געפונען: אַ הויקער, מיט בלינדלעכע אויגן...

— נישקשה — מאַכט דער יונגערמאַן — מעגסט רעדן העכער: זי איז טויב אויך.

## 681. ביידע קוויט

אַ מאַן זאָגט דעם ווייב באַלד נאָך דער חתונה:

— אויף מיין הייסן פלאַם־פייערדיקן העכסט פאַעטישן ליבע־בריוו, וואָס איך האָב דיר געשיקט פאַר דער חתונה, האָסטו מיר אָפּגעשיקט באַלד אַ בריוו, וואו איך האָב געפונען אַריינגעלייגט אַ געשאַנק פון דיר, עטלעכע שיינע האָר. געוויינלעך, האָב איך גע־מיינט, אַז ס'איז דיינע אייגענע האָר און זיי זיינען געווען ביי מיר טייער, צום סוף האָב איך זיך איצט צוגעקוקט צו דיינע האָר זע איך, אַז יענע האָר זיינען גאָרנישט פון דיין קאָפּ.

— דערפֿאַר האָב איך זיך דערוואוסט — ענטפֿערט זי — אַז יענער בריוו דיינער איז אויך ניט פֿון דיין קאָפּ, און אויף אַזאַ אופן זיינען מיר ביידע קוויט.

## 682. מער ניט עלטער ווערן

אַ שטיקל צייט נאָך דער חתונה, נאָכדעם ווי דער מאַן האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז ער האָט, נעבעך, געהאַט אַ גרויסן מקח טעות, רופֿט ער זיך אָן איינמאָל צום ווייב:

— הערסטו, מיין ווייב, מילא וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט פֿאַר דער חתונה פֿינף הונדערט רובל נדן, און באַקומען האָב איך פֿון דיר מער נישט ווי צוויי הונדערט, — בין איך דיר מוחל: מן-הסתם האָסטו מער ניט געהאַט. איך בין דיר אויך מוחל, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט, אַז אַלט ביסטו צו דער חתונה פּונקט צוויי און צוואַנציק יאָר און עס לאָזט זיך אויס, אַז דו ביסט שוין, ברוך השם, אַ יאָר דרייסיק. מילא, וואָס קען מען העלפֿן? ס'איז דאָך, ווי זאָגט מען, אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך! דערפֿאַר פֿאַרלאַנג איך פֿון דיר איצט איין קלייניקייט: זאָלסט כאָטש אויף ווייטער מער ניט עלטער ווערן.

## 683. אַ נגע צרעת

שמערל שניטקעווער פֿלעגט זאָגן:

— אַ צייט מיט יאָרן האָב איך ניט געקענט פֿאַרשטיין דעם פּשט פֿונעם פּסוק „נגע צרעת בבית": ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אַ נגע צרעת זאָל זיין ניט אויף אַ מענטשנס לייב, נאָר גאָר אין אַ הויז? ביז איך האָב גענומען מיין ווייב שיינדלען, קען איך עדות זאָגן: משה איז אמת און זיין תורה איז אמת.

## 684. געפֿעלט מיר אויך ניט

איינער באַגעגנט זיינעם אַ באַקאַנטן, וואָס לויפֿט אין ערגעץ אין גרויס איילעניש, שטעלט ער אים אָפּ און פֿרעגט וואוהין ער לויפֿט אַזוי:

— איך לויף צום דאָקטאָר — ענטפֿערט דער באַקאַנטער שטאַרק צעטראָגן — איך ווייס ניט וואָס מיט מיין ווייב איז אַזוינס, עפּעס געפֿעלט זי מיר היינט ניט.

— אויב אַזוי — רופט זיך אָן יענער, וואָס האָט געהאַט זיין אייגנס אַ ווייב אַ גרויס מיאוסקייט — וועל איך מיט דיר מיט־לויפן, מיין ווייב געפעלט מיר אויך ניט.

## 685. מוז אויסשפייען

צוויי סוחרים פון אַ קליין שטעטל זיינען געקומען קיין וואַרשע. בעתן גיין אין גאַס פלעגט איינער פון זיי אויסשפייען יעדעס מאָל ווען ער האָט דערזען דורכגיין אַ שיינע פרוי, פרעגט אים דער צווייטער:

— וואָס געפעלן דיר אַזוי ניט די וואַרשעווער פרויען, וואָס דו שפייסט אַזוי פיל אויף די שענסטע פון זיי?

— דו האָסט, גוטער ברודער — ענטפערט יענער — אַ טעות אין פשט. פאַרקערט, ווען איך דערזע דאָ דורכגיין אַ שיינע פרוי, דערמאָן איך זיך דעמאָלט אָן מיין ווייב די מיאוסקייט, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט דאָרט אין דער היים, און איך מוז אויסשפייען.

## 686. פון מויל אַרויס

אַ ווייב קלאָגט זיך פאַרן מאַן:

— אַז איך דערצייל דיר עפּעס גייט עס ביי דיר אין איין אויער אַריין און אין דעם אַנדערן אַרויס.

— דערפאַר — זאָגט דער מאַן — אַז איך דערצייל דיר אַמאָל אַ סוד־זאַך גייט עס ביי דיר אין ביידע אויערן אַריין און פון מויל אַרויס.

## 687. איך זע די צורה אייערע

אַ יידענע איז געקומען צום רבין בעטן אַז דער מאַן, וואָס האָט זי אַוועקגעוואָרפן, זאָל זיך אומקערן אין גיכן אַהיים. דער גבאי האָט זי נישט צוגעלאָזט צום רבין און האָט גענומען ביי איר דאָס קוויטל איבערצוגעבן עס גלייך אין דער האַנט פונעם רבין און ברענגען אַ תשובה.

די יידענע וואַרט ביז דער גבאי גייט אַרויס פון רבינס צימער.

— נו, וואָס האָט דער רבי געזאָגט? — פרעגט זי דעם גבאי.

— דער רבי האָט געזאָגט, אַז אייער מאַן וועט זיך אומקערן

צוריק צו אייך אין אַ האַלב יאָר אַרום, אויף פּסח. איך אָבער זאָג אייך — לייגט צו דער גבאי, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אין דער יידענע גוט איינגעקוקט, — אַז ער וועט זיך קיינמאָל נישט אומקערן.

— וואָס הייסט? — צעשרייט זיך אויף אים די יידענע — דער רבי זאָגט אין אַ האַלב יאָר, קומט איר ווי אַ רוצח, אַ גזלן, און זאָגט, אַז קיינמאָל נישט!

— דער רבי, פאַרשטייט איר — זאָגט דער גבאי געלאַסן — האָט נאָר געזען דאָס קוויטל אייערס און איך זע מיט מיינע אויגן די צורה אייערע.

## 688. בענטשן

פרייטיק פאַרנאַכט נאָך ליכט־בענטשן פרעגט דער מאַן דער ווייב:

— פאַרוואָס בענטשטו די ליכט און מיך האַלטסטו אין איין שעלטן?

— ווען דו זאָלסט ברענען ווי אַ ליכט — מאַכט דאָס ווייב — וואָלט איך דיך אויך געבענטשט.

## 689. צוויי גראַמאַפאָנען

איינער באַגעגנט זיינעם אַ באַקאַנטן ווי ער טראָגט צוויי גראַמאַפאָנען, פרעגט ער אים:

— אַ סוחר פון גראַמאַפאָנען ביסטו פלוצעם געוואָרן?

— נישט קיין סוחר נאָר אַ קונה. דאָס האָב איך איצט געקויפט די צוויי גראַמאַפאָנען און טראָג זיי אַהיים.

— וואָס־זשע איז עפּעס צוויי מיט אַמאָל?

— מיין ווייב, פאַרשטייסטו, האָט מיר געזאָגט די טעג, אַז פאַר אַ גראַמאַפאָן איז זי גרייט אַוועקצוגעבן אַ האַלב לעבן, טראָג איך איר דערפאַר גאַנצע צוויי.

## 690. אַ מלאך

— מאַמע, — פרעגט אַ קינד ביי דער מוטער — ס'איז אמת, אַז אַ מלאך האָט פליגל און קען פליען?

— יאָ, מיין קינד — ענטפערט די מוטער.

— פאַרוואָס־זשע, מאַמע, פליט ניט אונדזער דינסט־מיידל?
— וואָס הייסט, זי איז דען אַ מלאך.
— יאָ, מאַמע. איך האָב אַליין געהערט ווי דער טאַטע האָט נעכטן זי אָנגערופן „מיין מלאך”.
— אויב אַזוי — מאַכט די מוטער — וועט זי שוין ביי מיר נאָך היינטיקן טאָג פון דאַנען פליען.

## 691. אַרבעט אַ סך מיטן מויל

— זאָג מיר, פּאַפּאַ — פרעגט אַ יינגל דעם פאָטער זיינעם — פאַרוואָס האָסטו נישט קיין האָר אויפן קאָפּ?
— דאָס איז דערפאַר — ענטפערט דער פאָטער — ווייל איך אַרבעט אַ סך מיטן קאָפּ.
— איצט פאַרשטיי איך פאַרוואָס די מאַמע האָט ניט קיין וואָנצעס און דו האָסט יאָ.
— פאַרוואָס, מיין קינד.
— דאָס איז דערפאַר וואָס זי אַרבעט אַ סך מיטן מויל.

## 692. צו טייער

— דיין פרוי שטערט דיר צו רויכערן אין הויז?
— וואָס עפּעס נאָר אין הויז, זי שטערט מיר אינגאַנצן צו רויכערן, זי זאָגט, אַז עס קאָסט צו טייער אַז מיר זאָלן ביידע רויכערן.

## 693. געפונען

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר — שרייט אַ מאַן ביים עסן דעם געדיכטן פּאַסאָליעס־צימעס — נאַ דיר גאָר האָר, עפּעס אַ גאַנצער פּאַרוק שטעקט דאָ אין צימעס!
— אַזוי, ער איז דאָ! — רופט זיך אָן דאָס ווייב מיט אַ שמחה — און איך האָב זיך שוין דעם קאָפּ פאַרדרייט, אים אויסגעזוכט אומעטום אין אַלע ווינקעלעך!

## 694. גרויסע ליכט און קליינע ליכטעלעך

איינער דערציילט זיינעם אַ גוטן ברודער וועגן דער טבע פון זיין ווייב:

— אַזאַ טבע האָט זי, דאָס ווייב מיינס, זומערדיקע נעכט נעמט זי און צינדט אָן גרויסע ליכט און, פאַרקערט, עס קומט ווינטער צינדט זי אָן דווקא קליינע ליכטעלעך. מיינסטו, זי טוט עס אויף צו להכעים? ניין, זי איז נאָר אַ פאַרגעסערין און דערמאָנט זיך אַ ביסל צו שפּעט. אָט וועל איך דיר דערקלערן ווּעסטו פאַרשטיין דעם שכל דערפון: אָנהויב זומער, אַז איך קום אַהיים ביינאַכט און זע אָנגעצונדן אַ גרויסע ליכט זאָג איך איר, אַז די נעכט ווערן קירצער און מען דאַרף אָנצינדן אַ קלענערע ליכט. קומט מאָרגן, פאַרגעסט זי ווידער דאָס אייגענע. אַזוי קלאַפּ איך איר אין קאָפּ נאַכט ביי נאַכט, ביז זי דערמאָנט זיך סוף זומער מיר צו פאָלגן און צינדט שוין אָן אַ קליין ליכטל. דעמאָלט אָבער זיינען שוין די נעכט גרעסער, זאָג איך איר, אַז מען דאַרף אָנצינדן אַ גרוים ליכט. הויבט זיך ווידער אָן די אייגענע מעשה פון פאַרגעסן, און אַלע ווינטערדיקע נעכט צינדט זי אָן קליינע ליכטעלעך, און ערשט פסח-צייט דערמאָנט זי זיך מיר צו פאָלגן.

## 695. אַ גרויסע אויסברענגערין

— איך וויל זיך גיין מיט מיין ווייב גטן. ווייל ס'איז ניט אויס־צוהאַלטן פון איר, זי איז זייער אַ גרויסע אויסברענגערין.

— דהיינו?

— שטעלט זיך פאָר, אַז אין איין פרימאָרגן קען זי זיך מיט אַמאָל פאַרגינען אויסצוברענגען קללות, וואָס ביי אַן אַנדערער וואָלטן זיי געקענט קלעקן אויף אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר.

## 696. מחולק אין דער אַגראַר-פראַגע *)

איינעם אַ יונגנמאַן האָט מען געפרעגט: פאַרוואָס עפּעס וויל ער זיך גטן מיטן ווייב?

— צוליב דעם — האָט ער געענטפערט — וואָס כמעט פון אונדזער חתונה אָן זיינען מיר ביידע שטאַרק מחולק אין דער אַגראַר־פראַגע: איך שיק זי גיין אין דער ערד אַריין און זי שיקט מיך אַהין.

*) ערד־פראַגע.

## 697. אַ ביס אין צונג

מאָטקע חבד באַגעגנט אין גאַס זיינעם אַ נאָענטן באַקאַנטן, דערציילט ער יענעם, אַז ער האָט גרויסע יסורים: דאָס ווייב זיינס איז איינגעפאַלן און ער האָט שטאַרק מורא, אַז זי איז מסוכן.

— וואָס איז איר אַזוינס? — פרעגט דער גוטער פריינד.

— זי האָט זיך אַ ביס געטאָן אין צונג.

— וואָס-זשע שטעקט דאָ אין דעם פאַר אַ סכנה?

— וואָס רעדט איר? — שרייט אויס מאָטקע חבד — איר שפּילט זיך עפּעס מיט מיין ווייבס צונג? זי האָט דאָך אַ צונג פול מיט גיפט!

## 698. ווייבערשע האַנט-אַרבעט

איינער אַ שלימעזאַלניק האָט פאַרמאָגט זיין אייגנס אַ ווייב אַ מין ברײנדעלע קאָזאַק, וואָס פלעגט אים אָפט ווייזן ווער עלטער איז. איינמאָל קומט ער אינדערפרי אין שול מיט אַ שטאַרק צעדראַפּעטן פנים און מיט אַ געשוואָלענער באַק. ווייזט אויף אים איינער אָן און זאָגט:

— זעט איר דאָס פנים זיינס, דאָס איז אַלץ ריין ווייבערשע האַנט-אַרבעט.

## 699. אַ ווייבערשע קרענק

צו אַ דאָקטאָר אָן אַקושער איז געקומען אַ יונגערמאַן און נעמט זיך קלאָגן אויף אַ לונג-פעלער. רופט זיך אָן צו אים דער דאָקטאָר:

— איך קען אייך באַטראַכטן, נאָר איך מוז אייך זאָגן, אַז אייגנטלעך בין איך אַ דאָקטאָר פון ווייבערשע קרענק.

— מיין קרענק, הער דאָקטאָר — זאָגט דער יונגערמאַן — איז אויך אַ ווייבערשע, ווייל דעם לונג-פעלער מיינעם האָב איך באַקומען גאָר אין אַ קורצער צייט פון איר טאַקע, פון דער קליפּה מיינער.

## 700. שטייט געשריבן

אַ ווייב האָט זיך איינמאָל שטאַרק צעבייזערט אויף איר מאַן דעם שלימעזאַלניק און אים אַרונטערגעלאָזט אַ פּאָר געזונטע פּעטש, ווישט ער זיך אָפּ די באַק, און טוט אַ זאָג מיט כעס:

— הערסטו, זאָלסט אַפילו פּאַטשן צעזעצטערהייט וועט דיר גאָר ניט העלפן, עס שטייט אין פּסוק והוא ימשול בך, מאַכט רש"י: והוא — און ער, ימשול — וועט טאָן געוועלטיקן, בך — אין דיר, אַזוי שטייט געשריבן און פאַרפאַלן.

## 701. קראַנק, נאָר נישט מסוכן

איינער האָט באַגעגנט זיינעם אַ באַקאַנטן, פרעגט ער אים:

— איז עס אמת וואָס איך האָב געהערט, אַז דאָס ווייב אייערס איז קראַנק מסוכן?

— קראַנק איז זי — ענטפערט יענער, — אָבער נישט מסוכן. מסוכן איז זי גראָד דעמאָלט ווען זי איז געזונט.

## 702. אָפּגענומען דאָס לשון

איינער דערציילט דעם צווייטן:

— הערט איר, היינט האָט מיר דערציילט מיינער אַ באַקאַנטער אַ שווידערלעכע געשיכטע אַז ס'האָט מיר ממש אָפּגענומען דאָס לשון.

— אוי, — רופט זיך אָן דער צווייטער — אפשר וואָלט איר אים געבעטן ער זאָל די זעלביקע געשיכטע דערציילן מיין ווייב!

## 703. צדקה תציל ממות

אַ יונגערמאַן האָט באַלד נאָך דער חתונה זיך אַרומגעקוקט, אַז ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ גוטע צרה: דאָס יונג ווייבל זיינס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן פאַר אַ שלאַק אין דער וועלט און זי האָט אים געטאָן צום טויט. ער האָט געפּרוואווט מאַכן אַ שמועס מכוח גט — האָט זי אים אָפּגעשאָטן מיט שוועבל און פּעך. דער שווער, ביי וועלכן ער איז געזעסן אויף קעסט, האָט אויך ניט גע־וואָלט הערן דערפון. וואָס טוט מען? פאַלט ער אויף אַזאַ המצאה: ער גייט אַריין שטילערהייט אין בית־המדרש און רייסט אויף די פּושקע פון „מתן בסתר", און נישט געאיילט הויבט ער אָן אַרויס־צושלעפּן פון דאָרט איין מטבע נאָך דער אַנדערער, ביז עס קומט אָן איינער און כאַפּט אים ביי דער האַנט. די מעשה האָט אָנגעמאַכט אין שטעטל אַ רעש, און דער שווער פון דעם יונגנמאַן האָט אים

גענומען שלעפּן צום רב, ניט אַנדערש, ער, דער גנב, זאָל באַלד אָפּגטן די טאָכטער זיינע.

נאָכן גט דערציילט דער יונגערמאַן דעם רב איינגאַנצן דעם אמת, צוליב וואָס ער האָט די זאַך געטאָן.

— ווי אַרום פאַלסטו אויף אַזאַ משונהדיקן איינפאַל? — פרעגט אים דער רב.

— אונדזער גרויסער חכם שלמה המלך — ענטפערט ער — האָט מיר אָנגעוויזן דעם רעכטן וועג. ער האָט געזאָגט אויף אַ שלעכ-טער פרוי, אַז זי איז מר ממות, און באַלד אויפן שטעל טאַקע גיט ער אַן עצה: „וצדקה תציל ממות".

## 704. גראַמט זיך נישט

אַ פרוי שטייט מיט איר מאַן ביי אַ פענצטער פון אַ גרויס דאַמען-היט-געשעפט און אָנווייזנדיק אויף אַ טייערער שיינער הוט זאָגט זי אים:

— ווי געפעלט דיר אָט די הוט? מיר געפעלט זי שטאַרק. אפשר וואָלסטו מיר עס געקויפט אַ מתנה צו מיין געבורטסטאָג? איך געפין אַז טראָגן אַזאַ הוט איז אַן עכטע פּאָעזיע. זאָג דו, אפשר ניין!

— אפשר יאָ. נאָר איך געפין אַז אָט די פּאָעזיע מיט מיין קע-שענע גראַמט זיך נישט.

## 705. אויף מיין קאָפּ

— זעסטו, מיין מאַן — זאָגט די פרוי דעם מאַן אירן — אָט די הוט וואָס יענע דאַמע טראָגט, עס געפעלט מיר שטאַרק. קויף מיר אַזאַ הוט.

— ס'איז אַ טייערער ביסן — ענטפערט דער מאַן — ס'איז אַן עבירה, כ'לעבן, אויסצוגעבן אויף אַ הוט אַזוי פיל געלט.

— אַן עבירה זאָגסטו — מאַכט די פרוי — איך נעם עס אויף מיין קאָפּ.

## 706. טראָגן ניט

— שוין צייט, מיין מאַן, מיר צו קויפן אַ נייעם זומער-הוט. אַלע מיינע באַקאַנטע טראָגן שוין אַזעלכע שיינע נייע היט.

— פאַרוואָס, מיין ווייב, קוקסטו שטענדיק אויף דעם וואָס טראָגט און קיינמאָל נישט אויף דעם וואָס טראָגט נישט?
— אדרבה, זאָג דו, ווער, אַ שטייגער, טראָגן ניט?
— ווער, פרעגסטו? די געשעפטן מיינע טראָגן ניט.

## 707. יינגער און עלטער

אַ ווייב מעסט אָן אַ ניי קלייד און רופט זיך אָן מיט אַ שיינענדיק פנים צום מאַן:
— אַ יאָ, מיין מאַן, יעדעס מאָל ווען איך טו אָן אַ ניי קלייד מאַכט עס מיך אויף עטלעכע יאָר יינגער?
— און מיך, מיין ווייב — זאָגט דער מאַן — מאַכט יעדעס ניי קלייד דיינס, פאַרקערט, אויף עטלעכע יאָר עלטער.

## 708. אַ לוח

אַ ווייב, אַ „שלאַק פון זיין ליבן נאָמען", רופט זיך איינמאָל אָן צום מאַן:
— שטענדיק, ווען דו ביסט אינדערהיים, קוקסטו זיך אויף מיר ניט אום, גלייך ווי איך בין גאָר ניטאָ, און האַלסט אין איין אַריינקוקן אין אַ ספר, הלוואי וואָלט איך אויך געווען אַ מין ספר!
— מהיכא־תיתא — זאָגט דער מאַן — גלויב מיר, איך וואָלט גאָר ניט געהאַט קעגן דעם דו זאָלסט אויך זיין אַ ספר. נאָר ווייסטו וואָס פאַר אַ ספר? אַ לוח, וואָס נאָכן יאָר לייגט מען אַוועק דעם אַלטן און מען נעמט אויף זיין אָרט אַ נייעם.

## 709. זעט אויס יונג

איינעם האָט מען געפרעגט: ווי קומט עס וואָס ער זעט אויס אַזוי יונג?
— ס'איז קיין חידוש ניט — האָט ער געענטפערט — מיין ארורה נעמט ביי מיר אָפּ האַלבע יאָרן.

## 710. די אויסלענדישע בעדער

צוויי גוטע פריינד באַגעגענען זיך סוף זומער. זאָגט איינער דעם צווייטן:

— איך האָב דיך שוין לאַנג ניט געזען. איך דאַרף דיר זאָגן, אַז דו זעעסט אויס, קיין עין-הרע, זייער פיין. וואָס האָט אויף דיר היינטיקן זומער אַזוי גוט געווירקט?

— אַנהויב זומער — ענטפערט יענער — האָב איך זיך גע־פילט גאָר נישט גוט, נאָר גרעאַטעוועט האָבן מיך דערנאָך די בעדער.

— וואָס, ביסט געווען אין די אויסלענדישע בעדער?

— ניט איך, נאָר מיין ווייב איז אָפּגעווען דאָרטן גאַנצע פיר חדשים.

## 711. הבדלה

ביי איינעם איז דאָס ווייב אויף אַכט טעג אַוועקגעפאָרן פון דער היים. ווען זי איז דערנאָך געקומען צוריק אַהיים, נעמט דער מאַן נאָך מעריב מאַכן „הבדלה".

— וואָס איז דאָס פלוצעם פאַר אַ הבדלה אין מיטן מיטוואָך? — פרעגט דאָס ווייב פאַרוואונדערט.

— דו פאַרשטייסט, מיין ווייב — ענטפערט ער — אַכט טעג כסדר איז ביי מיר געווען יום־טוב, און איצט איז אויס, נו, און מוצאי־יום־טוב קומט דאָך על־פי־דין צו מאַכן „הבדלה".

## 712. צוואַנציק יאָר לעבן

אין אַ שטעטל איז דער רב געוואָרן מסוכן קראַנק און גע־האַלטן ביים שטאַרבן. די דאָקטוירים האָבן אים אַלע שוין אָפּגע־זאָגט דאָס לעבן, נאָר אַזוי ווי די גאַנצע שטאָט האָבן שטאַרק גע־האַלטן פונעם רב און ער איז ביי אַלעמען געווען זייער טייער, איז געבליבן צו באַנוצן די אַלטע סגולה: יעדער זאָל שענקען דעם חולה אַ חלק פון זיין לעבן. און אַזוי האָט מען געטאָן: איינער האָט אַוועקגעשענקט אַ האַלבן טאָג, דער אַנדערער אַ גאַנצן טאָג. עס האָבן זיך אויך געפונען ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז זיי שענקען אַוועק דעם רב אַ גאַנצע וואָך לעבן. פלוצעם לויפט אַריין אַ יונגערמאַנטשיק, איינער פון שניידערשן צעך, און רופט אויס אויף אַ קול, אַז ער אַליין שענקט אַוועק דעם רב צוואַנציק יאָר לעבן.

דער גאַנצער עולם איז געוואָרן שטאַרק איבערראַשט, און איי־נער פון דער זייט גיט אים אַ זאָג שטילערהייט:

— מ׳שוגענער יונג! ווי נעמט עס אַ מענטש און גיט אַוועק מיט אַמאָל אַזוי פיל יאָר לעבן?

— חכם איינער! — ענטפערט אים אָפּ דאָס שניידערל — פון מיינע יאָרן, מיינט איר, האָב איך אַוועקגעגעבן? איך האָב עס געמיינט פון אירע יאָרן, פון דער שיינער צרה מיינער; זיי שענק איך עס אַוועק מיטן גאַנצן האַרצן. עס וועט, כ׳לעבן, גאָר אַ קליי־נער אומגליק זיין אין באָד, אַז די קליפּה מיינע וועט לעבן וויי־ניקער מיט אַ צוואַנציק יאָר.

## 713. צושטעלן ווי גענומען

אַ מאַן איז געקומען מיט זיין ווייב צום רב. ער טענהט פאַרן רב, דאָס ער וויל איר געבן אַ גט און זי האָט זיך איינגעשפּאַרט און וויל בשום אופן ניט נעמען.

— רבי — זאָגט זי צום רב — וואָס פאַרלאַנג איך דען אַזוינס? איך וויל ניט מער, ער זאָל מיך צושטעלן פונקט אַזוי ווי ער האָט מיך גענומען.

— אין וואָס — פרעגט דער רב — גייט עס דאָ ביי אייך, אין געלט?

— ניין, רבי — זאָגט זי — גענומען האָט ער מיך אַן אַלמנה, פאַרלאַנג איך ער זאָל מיך ווידער צוריקשטעלן אַן אַלמנה.

## 714. איין קליין בערגעלע גראָז

אַ קליינשטעטלדיקער ייד איז אַמאָל געקומען אין אַ גרויסער שטאָט וועגן געשעפטן. פאָרנדיק אין טראַמוויי זעט ער ווי אייניקע פרויען זיצן און טראָגן אויף די קעפּ אַזעלכע גרויסע היט באַפּוצטע מיט פאַרשיידענע פרוכטן.

זיצט דער ייד און באַטראַכט עס און מאַכט מיטן קאָפּ ווי איינער וואָס וואונדערט זיך שטאַרק.

— וואָס חידושט איר זיך אַזוי, רב ייד? — פרעגט אים איינער, וואָס איז לעבן אים געזעסן.

— איך קוק אויף די היגע ווייבער — ענטפערט יענער — און טראַכט ווי די היגע מענער האָבן מזל: ביי זייערע ווייבער אויף די קעפּ וואַקסן גאַנצע גאָרטנס מיט אַלערליי פרוכטן; און אַ סך פון אונדזערע קליינשטעטלדיקע מענער וואָלטן געוועזן העכסט צו־

פרידן ווען גאָט העלפט זיי, אַז אויף זייערע ווייבערס קעפּ זאָל כּאָטש וואַקסן ניט קיין פּרוכטן, נאָר איין קליין ברעקעלע גראָז...

## 715. עסט מן

בשעת פירן די גאָלדענע חתונה, האָט דער אַלטער דערציילט די שבחים פון זיין פרוי:

— איך מוז זאָגן אַז איין מעלה האָט מיין פלונית, זי איז זייער פרום, פיל פרימער פון אונדזערע עלטערן וואָס זיינען געגאַנגען אין מדבר. יענע האָבן געגעסן דעם מן פערציק יאָר, האָט עס זיי זיך צוגעגעסן. מיינע אָבער עסט שוין דעם מאַן גאַנצע פופציק יאָר און עס איז איר נאָך אַלץ ניט מיאוס געוואָרן.

## 716. עפּעס העכערס

אַ מאַן זאָגט איינמאָל דעם ווייב:

— שטענדיק ליגט דיר אין קאָפּ נאָר קליידער און קליידער: אָבער אַ קלייד און ווידער אַ קלייד. שוין־זשע קענסטו ניט טראַכטן אַמאָל וועגן עפּעס העכערס?

— יאָ, מיין מאַן — ענטפערט דערויף די פרוי — איך דאַרף אַ הוט אויך.

## 717. נישט קיין גליק צו כלות

— איך זאָג, מיין פריינד — קלאָגט זיך איינער פאַרן צווייטן — איך האָב נישט קיין גליק צו קיין כלות: דריי כלות האָב איך געהאַט אויף מיין לעבן, איז די ערשטע כלה ביי מיר געשטאָרבן, די צווייטע האָט אָפּגעזאָגט דעם שידוך, און מיט דער דריטער איז נאָך אַ גרעסערע צרה.

— וואָס איז?

— זי איז געוואָרן מיין ווייב.

## 718. הערשל אָסטראָפּאָליערס ווייב

הערשל אָסטראָפּאָלער, ווען ער איז געווען שטאַרק געענגט אין געלט (און דאָס פלעגט זיך ביי אים טרעפן גאַנץ אָפט), פלעגט ער אויסטראַכטן אַלע מאָל אַן אַנדער המצאהלע אויף צו קריגן די־

נויטיקע פאַר גילדן. איינמאָל אין אַזאַ פֿאַל איז ער זיך מישב און קומט צו דער חברה-קדישא מיט אַ וויי-געשריי: דאָס ווייב זיינס איז פּלוצעם געשטאָרבן, און דאָ האָט ער נאָך דערצו קיין פּרוטה ניט אויף די נויטיקע הוצאות צו דער קבורה. דער גבאי פֿון דער חברה קדישא האָט אים באַלד געגעבן דערויף עטלעכע רובל. אין עטלעכע שעה אַרום קומען די חברה-קדישא-לייט אין הויז פֿון הערשל אָסטראָפּאָליער, לאָזט זיך אויס אַז ס'איז דאָרטן גאָר ניטאָ קיין שום מת און דאָס ווייב הערשלס שטייט ביים אויוון און קאָכט מיטאָק.

— סטייטש, הערשל, — פֿאַלן זיי אָן אויף אים מיט אַ געשריי — ווי קומט עס צו אייך אַזוי מיאוס אונדז אָפּנאַרן?

— שאַט, שאַט! מאַכט הערשל — וואָס איז דאָס געשריי? איר האָט אפשר מורא, זי וועט זיך פֿון אייערע הענט אַרויסדרייען? גלויבט מיר, פֿריער אָדער שפּעטער, אָבער, סוף-כל-סוף וועט זי זיין אייערע...

## 719. אַ שענערע סחורה

יאָסע גאָלדעס, דער וויטעבסקער בעל-תפילה, אַ באַוואוסטער לץ, איז געווען זייער קראַנק און ער האָט געפֿילט, אַז דער מלאך-המות שטייט אים שוין צוקאָפּנס, האָט ער צוגערופֿן דאָס ווייב זיינס און זאָגט איר אַזוי:

— הערסטו, מיין ווייב, איך האָב צו דיר אַ בקשה, און אַזוי ווי דאָס איז מיין לעצטע בקשה טאָרסטו מיר ניט אָפּזאָגן: איך פֿאַרלאַנג פֿון דיר, זאָלסט זיך אָנטאָן און זיך אויספּוצן און דערנאָך קומען אַהער.

דאָס ווייב קוקט אים אָן און טראַכט ביי זיך: ניט אַנדערש, ער רעדט פֿון היץ, אָדער ער איז גאָר אַראָפּ פֿון זינען. דאָך האָט זי ניט געוואָלט דעם קראַנקן מצער זיין און געטאָן זיין ווילן. ווען זי איז דערנאָך צוריקגעקומען אַן אויסגעפּוצטע, האָט ער זיך ווי אויפגעהויבן אַ ביסל און זיך אָנגערופֿן:

— מלאך-המות, טו נאָר אַ קוק מיט דיינע טויזנט אויגן און זאָג דו אַליין, איז זי דען ניט פֿאַר דיר אַ שענערע סחורה איידער איך?

## 720. אויב איינער שטאַרבט

אַן אַלט פּאָר־פאָלק, נאָכדעם ווי זיי האָבן אויסגעגעבן די יינגסטע טאָכטער זייערע, זיצן זיי פאַרנאַכט־צייט און שמועסן צווישן זיך ווי איינצואָרדענען דאָס לעבן איצט אויף דער עלטער, ווען זיי זיינען געבליבן איינע אַליין „אַ זיידע מיט אַ באָבע".

— הערסטו, מיין ווייב, וואָס איך וועל דיר זאָגן — מאַכט דער אַלטער — אין אונדזערע יאָרן דאַרף מען געדענקען דעם סוף פון אַ מענטשן און מען טאָר ניט פאַרגעסן אינעם טויט... אויב איינער פון אונדזביידע שטאַרבט חלילה, נעם איך תיכף און פאָר אַוועק קיין ארץ־ישראל.

## 721. אויב ניט איצט — ווען דען

אַ גרייז־גראָער ייד קומט צום רב: ער וויל זיך גטן מיטן ווייב. דער רב קוקט אים אָן פאַרוואונדערט און פרעגט אים:

— זאָגט, וויפל יאָר איז שוין ביי אייך נאָך דער חתונה?

— העכער פופציק — ענטפערט דער אַלטער.

— קינדער האָט איר?

— פיר זין און דריי טעכטער.

— וואו זיינען די קינדער אייערע?

— אַלע, ברוך השם, שוין אויסגעגעבן.

— ווי קומט עס עפּעס וואָס איצט, אויף דער עלטער, ווילט איר זיך פּלוצעם גטן מיטן ווייב?

— וואָס הייסט פּלוצעם? ס'איז גאָר ניט פּלוצעם. הערט מיך אויס, רבי, וועט אייך די זאַך גאָר נישט זיין קשה. ביז דער חתונה האָב איך, ווי דער שטייגער, די כלה מיינע ניט געקענט און כמעט ניט געזען אפילו. באַלד נאָך דער חתונה האָב איך זיך אומגעקוקט און דערזען און נאָענט דערקענט וואָס פאַר אַ מין סחורה איך האָב געקראָגן, און גאָר גיך טאַקע חשק באַקומען זיך פון איר צו באַפרייען. הויבט זיך אָן אַ מעשה: אַ מעוברתע פרוי. טענהט דער טאַטע, עליו השלום, אַז קיין מעוברתע גט מען ניט. ס'איז אַ בזיון פאַר לייטן, און ער איז גערעכט. נאָכן געווינען דאָס קינד איז זי דאָך אַ זויגערין — ווידער אַ טענה, אַז קיין זויגערין גט מען ניט. און אַזוי איז געווען כסדר: אָדער געטראָגן, אָדער געזויגן

ביז גאָט האָט געהאָלפֿן, זי האָט אויפגעהערט צו קינדלען. איז אָבער אַלץ ניט אויסגעקומען גלאַט: קינדער אין שטוב, ווי נעמט מען צו ביי קינדער די מוטער זייערע? איצט, רבי, האָב איך שוין אויס־געגעבן די לעצטע טאָכטער, זאָל לעבן, און אינדערהיים איז ניט פאַרבליבן, דאַנקען גאָט, ניט קיין זון און ניט קיין טאָכטער. היינט זאָגט שוין איר אַליין: אויב ניט איצט — ווען דען?

## 722. לאַנג געהאַט בדעה

אַ ווייב ליגנדיק קראַנק און פילנדיק אַז זי האַלט שלעכט, רופט זי צו צום בעט דעם מאַן און זאָגט:

— הערסטו מיין מאַן, מיין רצון איז זאָלסט נאָך מיין טויט נעמען מיין יינגערע שוועסטער, מוזט עס מיר צוזאָגן.

— האָב נישט קיין מורא, מיין ווייב — זאָגט דער מאַן — זאָלסט אַזוי זיין אַ מליצה ישרה פאַר אונדז דאָרט אין גן־עדן, ווי איך האָב שוין לאַנג געהאַט בדעה דאָס צו טאָן.

## 723. זאָל דער מזבח איצט וויינען

צו אַ רב איז געקומען אַן אַלט פּאָר־פֿאָלק זיך גטן. פרעגט דער רב דעם מאַן:

— פֿאַרוואָס ווילט איר זיך גטן מיט אייער ווייב? ווייסט איר דען נישט וואָס אונדזער הייליקע גמרא זאָגט, אַז דער וואָס גט זיין ערשט ווייב גיסט אויף אים דער מזבח טרערן.

— איך ווייס, רבי — ענטפערט דער מאַן — נאָר ביז איצט האָב איך געגאָסן מיט טרערן, איצט מעג דער מזבח אַ ביסל וויינען.

## 724. אַן אשה כשרה

ביי איינעם איז געשטאָרבן דאָס ווייב, אַ שרעקלעכע ארורה. באַוויינט ער זי, אַז זי איז געווען אַן אמתע כשרה נשמה, וואָס האָט געטאָן דעם מאַנס רצון.

— סטייטש — פרעגט אים איינער פון זיינע נאָענטע גוטע פריינד — דו האָסט זיך דאָך שטענדיק געקלאָגט, אַז זי פאַראומערט דיר דאָס לעבן.

— צום סוף אָבער — מאַכט דער אַלמן — האָט זי ווי אַן אמתע אשה כשרה, געטאָן טאַקע דעם רצון פונעם מאַן אירן.

### 725. נקבה

בשעת אַ קריג צווישן אַ מאַן מיט זיין ווייב, וואָס איז געווען אַ וואוילקענענדיקע, רופט זיך אָן דער מאַן:

— וואָס קען שוין זיין גוטס, מ׳שטיינס געזאָגט, אַז נקבה איז ראשי־תיבות פון „נ׳פשנו ק׳צה ב׳לחם ה׳קלוקל״.

— שוטה איינער! — זאָגט דאָס ווייב — דאָס שטייט דאָך אין פסוק ביים מאַן (מן)!

### 726. פאַרזוך פריער

— זאָג מיין ווייב — פרעגט דער מאַן — האָסט שוין צוגע־גרייט מיר עפּעס היים.

— יאָ, מיין מאַן — ענטפערט זי אַנגעברוגזט — קריינק מיט יסורים.

— אויב אַזוי — מאַכט ער צום ווייב — פאַרזוך דו פריער און זאָג וואָס פאַר אַ טעם עס האָט.

### 727. זי שטייט אויף

ביי איינעם איז שטאַרק קראַנק געוואָרן דאָס ווייב און ער האָט געמיינט, אַז זי גייט פון דער וועלט, האָט ער ביי זיך אין קאָפּ געמאַכט פּלענער, וואָס ער וועט טאָן אַז זי וועט שטאַרבן, ווי ער וועט נעמען אַ צווייטע פרוי און דווקא מיט היפּש נדן־געלט. לאָזט זיך אָבער אויס, אַז די קראַנקע איז געזונט געוואָרן און אויפגעשטאַנען פונעם בעט. קומט צו אים אַ גוטער ברודער, פאַר וועלכן ער האָט קיין סודות ניט געהאַט, זאָגט אים יענער מיט אַ שמייכל:

— איצט פאַרשטיי איך גוט דעם פשט פונעם פסוק אין תהילים: „רבות מחשבות בלב איש״ — פיל מחשבות מיט פּלאַנען האָט דער מענטש „ועצת ה׳״ — וואָס איז זיך גאָט מישב, „היא תקום״ — ער מאַכט, אַז זי שטייט אויף פון קראַנקן בעט, און אַלע מחשבות מיט די פּלענער ווערן צו נישט.

### 728. אַ מיאוסע משפּחה

שייקע פּייפער, נאָכן טויט פון זיין ערשטער פרוי, האָט ער חתונה געהאַט פאַר אירע אַ שוועסטער, און נאָך דעם ווי די איז אויך געשטאָרבן האָט ער גענומען אַ דריטע שוועסטער.

— וואָס איז אייך — פרעגט מען אים — עפּעס געפעלן געוואָרן צו נעמען אַ ווייב אַלץ פון די דאָזיקע שוועסטער?

— נמאס און מיאוס — האָט ער געענטפערט — איז מיר געוואָרן אָט די דאָזיקע משפּחה, וויל איך אַז זי זאָל אויף אַזאַ אופן וועון פאַרשוואונדן פון דער וועלט.

### 729. אַ רייכע אַלמנה

צוויי שמועסן צווישן זיך. פרעגט איינער:

— גיב מיר צו פאַרשטיין אָט וואָס: מילא אַז אַ יונג מיידל נעמט אַן אַלטן רב, לייגט עס זיך נאָך אויפן שכל: ער איז אַ רב, וועט זי דאָך זיין אַ רביצין; נעמט זי אַן אַלטן דאָקטאָר — האָט זי חשק צו ווערן אַ דאָקטאָרשע. אָבער וואָס, אַ שטייגער, קען אויסן זיין אַ יונג מיידל, וואָס האָט חתונה ניט פאַר קיין רב און ניט פאַר קיין דאָקטאָר, נאָר גלאַט אַזוי פאַר אַן אַלטן מאַן אַ רייכן אַלמן?

— וואָס פאַרשטייסטו דאָ נישט? — ענטפערט דער צווייטער — טאָקע אויך די אייגענע מעשה: זי איז דערמיט אויסן צו ווערן אַ רייכע אַלמנה.

### 730. אויף קעסט

אַן אָרעמע אַלמנה איז אַוועק ווינטער אויפן הייליקן אָרט אויסצוגיסן אויפן מאַנס קבר איר שוואַער, צעבראָכן האַרץ. דער שניי איז אָבער דאָרטן געווען זייער גרויס און מיט אירע צעריסענע שיך האָט זי ניט געקענט צוקומען צום מאַנס קבר. גיט זי דעם קברות-ייד עטלעכע קאָפּיקעס, ער זאָל צוגיין אַהין אין איר נאָמען, און איבערגעבן דעם געשטאָרבענעם מאַן אירן, אַז ס'איז איר זייער ביטער און פינצטער און זי פּלאָגט זיך שרעקלעך, און דאָ זיצן נאָך אויף איר קאָפּ די אויסגעגעבענע טאָכטער מיטן איידעם, און אין דער צייט וואָס זי האָט אַליין ניט וואָס צו עסן דאַרף זי נאָך זיי געבן קעסט.

דער קברות-ייד איז אַוועקגעגאַנגען און אין אַ פּאָר מינוט קומט ער צוריק. פרעגט זי אים, צי ער איז שוין געווען אויפן מאַנס קבר און צי האָט ער אים איבערגעגעבן אַלץ וואָס זי האָט געבעטן.

— געווען און איבערגעגעבן אַלץ, ניט פאַרפעלט קיין איין וואָרט — ענטפערט דער קברות-ייד.

— גאָט זאָל אייך דערלענגערן די יאָרן. ווי מיינט איר, מיין ליבער ייד, האָט ער אייך גוט פאַרשטאַנען?

— אַ שאלה אַ ביסל! איך האָב אַפילו געהערט פון קבר אַרויס אַן ענטפער אויך.

— אַן ענטפער? אוי געזונט זאָלט איר זיין! זאָגט גיכער, וואָס פאַר אַן ענטפער?

— אַ געבעט צו אייך, איר זאָלט אויסהאַלטן די קינדער ביז נאָך פסח, דערנאָך וועט ער זיי נעמען צו זיך אויף קעסט.

## 731. דריי ווייבער

צוויי גייען שפּאַצירן אַנהויב זומער. דערווייל הויבט אָן צו גיין אַ היפשער זומערדיקער רעגן. רופט זיך אָן איינער צום צווייטן:

— וואָס זאָגסטו אויף דעם טייערן גאָלדענעם רעגן? ווער קען אָפּשאַצן זיין ווערט? ס'איז אַן אמתע ברכה פון גאָט. באַלד נאָך דעם רעגן וועט אַלעס אַרויס פריש און לעבעדיק פון דער ערד.

— וואָס רעדסטו? — שרייט-אויס דער צווייטער ווי אי-בערגעשראָקן — לאָז גאָט אָפּהיטן דערפון: אַ קלייניקייט, איך האָב דאָרט, אין דער ערד, דריי ווייבער!

## 732. זאָל ער וויינען

— פאַרוואָס, טייערע מיינע, וויינסטו גאָרנישט? — האָט אַ מוטער געפרעגט איר טאָכטער די כלה פאַר דער חופּה — ווייסטו דען נישט, אַז אַ כלה פאַר דער חופּה דאַרף וואָס מער פאַרגיסן טרערן?

— פאַרוואָס זאָל זי עפּעס וויינען? — רופט זיך אָן דער כלהס יינגערע שוועסטער, וואָס איז געשטאַנען דערביי — וואָס איז, אַ שלעכטן חתן נעמט זי? אַזאַ יאָר אויף מיר! אויב וויינען, זאָל ער וויינען, וואָס ער נעמט אַ כלה, אַזאַ יאָר אויף מיינע שונאים!

# שווער און שוויגער

## 733. דערלאָזט ניט צו עסן

אַ שווער האָט צוגעזאָגט דעם איידעם, וואָס איז געווען צו דער חתונה נאָך גאָר אַ יונגער בחור, אַז ער וועט אים האַלטן ביי זיך אויף קעסט ביז עס וועט אים אָנהויבן צו וואַקסן אַ בערדל. וואָס-זשע האָט געטאָן דער איידעם? ווען עס האָט אָנגעהויבן ביי אים שפּראָצן דאָס בערדל, פּלעגט ער עס אָפּגאָלן, קיין סימן זאָל ניט בלייבן.

איינמאָל קומט אָן דער שווער אומגעריכט און טרעפט דעם איידעם בשעת-מעשה ווי ער זיצט און גאָלט זיך דאָס בערדל. מאַכט ער אַ גוואַלד:

— וואָס טוסטו, דו הולטיי איינער! באַלד מוזסטו מיט מיר גיין צום רב. געקומען צום רב, הויבט ער אָן מוסרן דעם איידעם: סטייטש, ווי פּאַלט ער אוים צו טאָן אַזאַ גרויסע עבירה ווי גאָלן זיך די באָרד? ענטפערט דערויף דער איידעם:

— איך וועל אייך דערווייזן, רבי, אַז געטאָן האָב איך עס על-פּי-דין. מיר ווייסן, אַז וואָנצעס, וואָס דערלאָזן ניט צו עסן, מעג מען אָפּשערן אָדער אָפּגאָלן. היינט וויבאַלד דער שווער מיינער האָט מיט מיר בפירוש אויסגענומען אַ תנאי, אַז ער גיט מיר ביי זיך קעסט עסן נאָר ביז עס וועט מיר אָנהויבן צו וואַקסן אַ בערדל, קומט דאָך אוים אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס בערדל מיינס דערלאָזט מיר ניט צו עסן נאָך ערגער ווי די וואָנצעס, — פאַרוואָס-זשע, פרעג איך אייך, זאָל איך עס ניט טאָרן אָפּגאָלן?

## 734. אַן ערב

אַ פּראָסטער ייד, אַן אויפגעקומענער עושר, איז אַמאָל געקומען מיט זיין נייעם איידעם צום מינסקער ראש ישיבה ער זאָל אים

פאַרהערן. דער ראש ישיבה נעמט פרעגן דאָס איידעמל אין לערנען, און זעט באַלד אַז ער איז גאָר אַ קליינער וויסער.

— נו, רבי — פרעגט דער עושר — ווי געפעלט אייך מיין איידעם אין לערנען?

— איך בין אייך אַן ערב — ענטפערט דער ראש־ישיבה — אַז ער קען וואויל לערנען.

דער עושר איז אַוועק מלא שמחה. פרעגט דערנאָך איינער דעם ראש־ישיבה, ווי אַזוי האָט ער געזאָגט אַז ער איז אַן ערב פאַר די לומדות פון דעם איידעמל, וואָס איז, ווי עס ווייזט אויס, גאָר אַ פשוטער עם־הארץ?

— פאַרשטייט איר — זאָגט דער ראש־ישיבה — וואָס איז אַן ערב? אַז דער לוה קען ניט צאָלן צאָלט ער. די אייגענע זאַך איז דאָ: אַז דער יונגערמאַן קען נישט לערנען — קען דער ערב זיינער...

## 735. דער שוטה מיינט עס טאַקע ערנסט

איינער איז געקומען צום רב זיך קלאָגן אויף דעם איידעם זיינעם, אַז ער דאַוונט צופיל, שטענדיק פאַרדבקט אאַז"וו.

— נו, וואָס איז פאַר אַ חסרון? — פרעגט אים דער רב — איך טו אויך אַזוי.

— דאָס איז אים נאָך ווייניק — קלאָגט זיך יענער ווייטער — גלוסט זיך אים נאָך אויפצושטיין האַלבע נאַכט און אָפּריכטן חצות.

— נו, וואָס איז? — זאָגט ווידער דער רב — איך ריכט אויך אָפּ חצות.

ווערט יענער שוין אויפגעבראַכט און מאַכט מיט פאַרדרוס:

— איך פאַרשטיי אייך ניט, רבי, וואָס פאַר אַ גלייכעניש איז עס? איר טוט עס צוליב פרנסה, אָבער דער שוטה מיינער מיינט עס טאַקע ערנסט.

## 736. ער קען נישט

אַ שווער האָט זיך געקלאָגט פאַר זיינעם אַ גוטן פריינד אויפן איידעם, אַז ער קען ניט טרינקען און קען ניט שפילן אין קאָרטן.

— איך פאַרשטייט ניט — זאָגט יענער — וואָס פאַר אַן אומ־

גליק עס שטעקט אין דעם. פאַרקערט, דאַכט זיך, איר וואָלט באַ־דאַרפט זיין דערפון שטאַרק צופרידן וואָס ער קען נישט אַזעלכע זאַכן.

— דער אומגליק איז — ענטפערט דער שווער פאַרביטערט — וואָס ער קען ניט טרינקען און טרינקט, ער קען אין קאָרטן שפּילן און שפּילט.

## 737. קליגער געווען

איינער האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער פאַר אַן אַלמן, און פון דער ערשטער שעה אָן איז צווישן שווער און איידעם נישט געווען קיין שלום. איינמאָל טוט דער שווער אַ פרעג דעם איידעם זיינעם:

— זאָג מיר נאָר, פיינער בחור, האָסט דאָך שוין געהאַט אַמאָל אַ שווער, פלעגסטו מיט יענעם שווער אויך פירן, אַזוי ווי מיט מיר, אַ שטענדיקע מלחמה?

— ניין — ענטפערט דער איידעם — יענער שווער האָט מיר ניט אָנגעהויבן צו זיין שווער, ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל ער איז מיט איין זאַך געווען קליגער פון אייך.

— מיט וואָס, אַ שטייגער?

— מיט דעם, וואָס ער האָט גענומען פריער, נאָך איידער איך בין געוואָרן זיין איידעם, און האָט זיך איבערגעפּעקלט אין אַ בעסערע וועלט.

## 738. „תזל כטל אמרתי״

אַ יונגערמאַן, וואָס האָט געהאַט זיין אייגנם זייער אַ ביטערע שוויגער, האָט געטייטשט דעם פּסוק „תזל כטל אמרתי״: „גע־שוואָלן זאָל ווערן ווי אַ באַרג מיין שוויגער״, און אויסגעדרונגען האָט ער עס אַזוי:

— „תזל״ איז געווים די טייטש „געשוואָלן זאָל ווערן״, וואָרעם וואָס דען זאָל מיין שוויגער, ניט געשוואָלן ווערן? „כטל״ — פאַר־שטייט זיך, ניט ווי אַ באַר, דאַרף זי געשוואָלן ווערן, נאָר „ווי אַ באַרג״; היינט „אמרתי״ — מוז שוין זיין „מיין שוויגער״, וואָרעם ווער דען,

פרעג איך אייך, זאָל געשוואָלן ווערן ווי אַ באַרג, אויב ניט מיין זיסהאַרציקע שוויגער?

### 739. דריי־גאָרנדיקע שנאה

— דריי זאַכן — האָט איינער געזאָגט — האָב איך פיינט און קען זיי ניט אָנקוקן: אַ שווער, אַ שטריימל און לאָקשן. היינט שטעלט זיך פאָר, ווי פיינט איך האָב מיין שווער בשעת ער גייט אָנגעטאָן אין שטריימל און עסט דערצו לאָקשן!

### 740. אַן עונש

דער וואָס נעמט צוויי ווייבער, אויסער דעם עונש אויף יענער וועלט, האָט ער נאָך זיין עונש אויף דער וועלט: ער האָט אַמאָל זיין אייגנם — צוויי שוויגערס...

### 741. זען נקמה

— ווי קומט עס — האָט מען איינעם געפרעגט — וואָס איר האָט דערלאָזט דערצו, אַז די טאָכטער אייערע זאָל חתונה האָבן פאַר אייער גרעסטן שונא?

— געטאָן האָב איך עס — ענטפערט יענער — ווייל איך וויל אין אים זען אַ נקמה: לאָז ער האָבן מיין שלאַק פאַר אַ שוויגער!

### 742. דערלעבן אַ צווייטע „בר־מצווה“

איינער אַן אַלטער מאַן פלעגט מאַכן אַלע יאָר אין זיין געבורטס־טאָג אַ גרויסע סעודה פאַר זיינע קרובים און גוטע פריינד, און ווען מען האָט אים אַ פרעג געטאָן וויפל יאָר ער איז געוואָרן, פלעגט ער יעדעס מאָל זאָגן מיט אַ יאָר ווייניקער, אַזוי אַז עס פלעגט אויס־קומען, אַז יעדעס יאָר ווערט ער ניט עלטער, נאָר פאַרקערט גאָר יינגער אויף אַ יאָר.

איינמאָל אויף אַזאַ סעודה נעמט דער איידעם דעם כוס אין דער האַנט, שטעלט זיך אויף און זאָגט דעם שווער אַזאַ ברכה:

— מיט וואָס, שווער, זאָל איך אייך בענטשן? איך ווינטש אייך, אַז מיר זאָלן זוכה זיין אַלע אין איינעם מיט אייך צו דערלעבן זיך משמח צו זיין אויפן יום־טוב פון אייער „בר־מצווה“.

# ימים־טובים

## 743. הוילע וואַסער

אין אַ שטעטל האָבן זיך מוצאי־שבת־בראשית צונויפגעקליבן אין דעם שניידערשן שולכל אַלע שניידערס פונעם שטעטל אויף אַ גרויסע אַסיפה, צו באַטראַכטן אַ וויכטיקע זאַך: ווי אויסצוזוכן רעכטע מיטלען, אַז אויף איבער אַ יאָר שמחת־תורה זאָל זיך ניט איבערחזרן, חלילה, אַזאַ מיאוסע מעשה ווי היינטיקס יאָר, וואָס האָט אויסגעפעלט משקה, און מען זאָל קענען זיין באַוואָרנט אין צווייען, אי דער יי״ש זאָל זיין אַ גוטער און אי מען זאָל האָבן צו טרינקען וויפל דאָס האַרץ גלוסט. עצות פאַרשיידענע, אַזוינע און אַזעלכע, האָבן זיך געלאָזט הערן פון אַלע זייטן, נאָר קיין איינע פון זיי איז ניט געווען דעם עולם צום האַרצן, ביז אַ יונג שניידערל איז אַרויף האַסטיק אויף דער בימה, האָט אַ גוטן פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט אויפן באַלעמער און אַזוי געזאָגט:

— הערט מיך אויס, רבותי, איך האָב געפונען אַ גוטע עצה. זאָל מען אַנידערשטעלן ביי אונדז אין שול אַ ליידיקע פּאַס, און יעדער פון אונדז זאָל אָפּשפּאָרן אַלע וואָך פונעם קידוש איין גלעזל בראַנפן און יעדן ערב־שבת נעמען דאָס גלעזל און אַריינגיסן עס אין פּאַס און אַזוי זאָל מען טאָן אַלע וואָך אין אַ משך פונעם גאַנצן יאָר, דעמאָלט וועלן מיר האָבן, אַז עס וועט קומען שמחת־תורה, אַ פולע פּאַס ווי אַן אויג און יי״ש וועט זיך ביי אונדז גיסן ווי וואַסער.

די עצה איז זייער געפעלן דעם גאַנצן עולם און חברה שניידערס האָבן אַלע ווי איין מענטש באַשלאָסן אַזוי טאָן.

געקומען דער ערשטער ערב־שבת, האָט זיך יעדער פון זיי באַזונדער אַזוי באַטראַכט: אַזוי פיל מענטשן, קיין עין־הרע, וועלן אַלע ברענגען צו גלעזלעך יי״ש, וואָס קען עס דאָ שאַדן, אויב איך

איינער וועל אַריינגיסן אַ גלעזל וואַסער? צווישן אַזוי פיל בראַנפן וועט מיין ביסל וואַסער זיך גאָר ניט אָנזעען".

איבערגעגאַנגען דער ווינטער, אַוועק דער זומער, געקומען למזל דער ליבער יום־טוב סכות און צום סוף דער פריילעכער שמחת־תורה. דער גאַנצער עולם פון דעם שניידערשן שולכל קלויבט זיך צונויף מיט שיינענדיקע שמחת־תורהדיקע פּנימער אַרום דער פאַס, זי איז פול מיטן אויג. אַלע האָבן געהאַלטן וואַרט. מען נעמט שעפּן מיט גלעזלעך, אַ זאָג „לחיים" און אַ גאַס אין מויל — לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז אין גאַנצן גאָר הוילע וואַסער.

## 744. דעם ליטווישן מגידס מבינות

צוויי באַקאַנטע שניידערס זיינען אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען פון שול נאָך דער דרשה פונעם ליטווישן מגיד אויף דער מגילה, רופט זיך אָפּ איינער צום אַנדערן:

— גיב מיר צו פאַרשטיין, גוטער ברודער, אַט־וואָס: האָסט געהערט ווי דער ליטווישער מגיד האָט אויסגעבראַכט פון דער גמרא דאָרט, אַז אסתר המלכה איז געווען גאָר אַ געלע און אַ גרינע, פרעג איך דיך: שוין־זשע, זאָג מיר, איז אַחשורוש געווען באמת אַזאַ גרויסער טיפּש, אַז פון אַלע זיינע מדינות, וויפל זיי זיינען געווען, דאַכט זיך גאַנצע הונדערט זיבן און צוואַנציק, האָט ער מער ניט גע־פונען ווי אויסצוקלייבן פאַר זיך נאָר גראָד אַזאַ „יפהפיה"?

— בהמה איינע! — ענטפערט דער צווייטער — ווי מיינסטו, אַ שטייגער, דער מלך אַחשורוש האָט טאַקע באַדאַרפט זיצן אַן אַלמן און אַרויסקוקן ביז וואַנען דער ליטווישער מגיד וועט קומען אים זאָגן זיינע מבינות?

## 745. צוואַנציק כפרות

דער גביר פון שטעטל האָט איינמאָל פאַר ערב יום־כיפור געגעבן הערשעלע אָסטראָפּאָלער געלט אויף צו קויפן אין מאַרק צען הענער און צען הינער אויף כפרות פאַר זיין היפשער משפחה. אַ טאָג פאַר ערב יום־כיפור ברענגט הערשל צוטראָגן איין מאָגער הענדל און איין אויסגעדאַרט הינטל.

— דאָס זיינען עם די צוואַנציק כפּרות! — פרעגט דער גביר פאַרוואונדערט.

— געווים אַזוי — ענטפערט הערשל — אדרבה, קוקט אַליין און זאָגט: אָט דאָס טויג אויף צען כפּרות, אפשר ניין? און דאָס אַנדערע טויג אויך אויף צען כפּרות. נעמט אינאיינעם האָט איר אייך צוואַנציק כפּרות.

## 746. זיך איבערבעטן

צוויי נאָענטע שכנים האָבן אַ שטיק צייט זיך געהאַלטן אין איין קריגן, געקומען ערב יום־כיפּור גייט איינער אַריין צום אַנדערן זיך איבערבעטן, ווי דער שטייגער איז. דער שכן האָט אים דערזען, גייט ער אים אַנטקעגן, דריקט אים פריינדלעך די האַנט און זאָגט:

— זייער גוט האָט איר געטאָן וואָס איר זענט אַריינגעקומען. מיר האָבן זיך איינער דעם אַנדערן געטאָן די לעצטע צייט אומרעכט און ביידע געהאַט גענוג פאַרדרוס. איצט קומט אַזאַ הייליקער טאָג און איידער מיר גייען בעטן פאַר דעם אַז גאָט זאָל אונדז מוחל זיין, דאַרפן מיר איינער דעם אַנדערן מוחל זיין, און איך ווינטש אײַך אויפן נייעם יאָר דאָס וואָס איר ווינטשט מיר...

— וואָס — טוט זיך אַ כאַפּ יענער — איר הויבט שוין ווידער אָן!

## 747. אָן אַ כפּרה

ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער איז אַמאָל אין די ניין טעג געגאַנגען קלייבן אויף אַ צדקה־זאַך. קומט ער צו אַ נגיד אין שטוב און טרעפט אים זיצן מיט אַלע בני־בית ביים טיש און עסט עופות.

— עס וואונדערט מיר אויף אייך — זאָגט ר׳ לוי יצחק — וויבאַלד אַז איר עסט היינט אויף די עופות, וועט איר דאָך בלייבן ערב יום־כיפּור גאָר אָן אַ כפּרה.

## 748. אַ קלאַפּ פאַרגייט

איינמאָל אום פּורים, בשעת לייענען די מגילה, ווען דער עולם האָט באַגלייט המנס נאָמען, ווי דער שטייגער, מיט אַ גראַגעריי

און קלאַפּעריי, האָט איינער אַ שניידער פון די אַלטע ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן גענומען און געמאַכט המנען אויף אַ קול דעם גרויסן כפול־שמונהדיקן יונישן „מי־שברך", און אַז מען האָט אָנגעהויבן שרייען: „שאַ! אַזאַ חוצפה, אין אַ שול!" האָט ער דערויף געענטפערט:

— וואָס טויגן מיר מעשיות? איך ווייס זיך מיינס: אַ קלאַפּ פאַרגייט און אַ וואָרט באַשטייט!

## 749. אויסגעהערט דעם אַנדערן צד

איינמאָל אום אסתר־תענית האָט מען געכאַפּט „שמעיה גוט־יום־טוב־ביטער" ווי ער זיצט און עסט, פרעגט מען אים: ווי קומט עס ער זאָל אַזאַ זאַך טאָן און ניט פאַסטן?

— איך פאַסט ניט אסתר־תענית — האָט ער געענטפערט — ווייל ביי מיר קומט אויס פונקט פאַרקערט, אומגערעכט אין דער גאַנצער מעשה איז געווען מרדכי, און המן איז גאָר דער גערעכטער.

אויף מאָרגן זעט מען ווי ער איז זיך שטאַרק משמח, טאַקע גאָר אויפן פורימדיקן שטייגער, פרעגט מען אים:

— ר' שמעיה, וויבאַלד נאָך אייך קומט אויס, אַז המן איז גאָר גערעכט, דאַרף דאָך ביי אייך ניט זיין פורים קיין יום־טוב?

— פאַרשטייט איר מיך — ענטפערט ער — קיין איין צד טאָר מען קיינמאָל ניט אויסהערן. נעכטן האָט זיך מיר געהאַט אויסגעוויזן, אַז המן איז גערעכט; נאָכדעם אָבער וואָס מען האָט געלייענט די מגילה איין מאָל און דאָס צווייטע מאָל און איך האָב גוט אויסגעהערט דעם אַנדערן צד, זע איך, אַז דער גערעכטער איז טאַקע פאַרט מרדכי.

## 750. פורימדיקער ראש־ישיבה

אין וואָלאָזשינער ישיבה איז געווען אַ מנהג אויסצוקלייבן אַלע פורים פון די ישיבה־בחורים אַ געמאַכטן ראש־ישיבה, וואָס איז געזעסן דעם פורימדיקן טאָג אויפן שטול פון ראש־ישיבה און זיך געפירט ווי אַן אמתער ראש. איינמאָל אין אַ פורים־טאָג האָט דער פורימדיקער ראש־ישיבה געכאַפּט אַן איבעריקן כוס און באַליידיקט דעם אמתן ראש־ישיבה גאָר אויף אַ גראָבן אופן. אויף מאָרגן איז דער דאָזיקער ישיבה־בחור געקומען איבערבעטן דעם ראש־ישיבה

און זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז געווען נעכטן אַ ביסל מבוסם און האָט ניט געוואוסט וואָס ער רעדט.

— אָט דערפאַר טאַקע — זאָגט אים דער ראש־ישיבה — בין איך דיר מוחל. אמת, באַדאַרפט וואָלט איך אייגנטלעך זיך באַלייּ־דיקן, ווייל די וועלט זאָגט, אַז „וואָס ביי אַ ניכטערן אויף דער לונג איז ביי אַ שיכורן אויף דער צונג". די מעשה איז אָבער וואָס ניט תמיד איז עס אַזוי. און דערמיט איז מיר פאַרענטפערט אַ זאַך, וואָס איז מיר שטענדיק געווען קשה: צוליב וואָס דאַרף מען ביי אַ בהמה בודק זיין די ריאה (לונג) נאָך דער שחיטה, און אַז עס מאַכט זיך, זי ווערט טריף — ברענגט עס צו אַ גרויסן היזק, בעסער וואָלט מען געקענט די בהמה פאַר דער שחיטה אָנשיכורן און דעמאָלט שוין באַטראַכטן די צונג און דאָרט אַרויסזען וואָס אויף דער לונג? דער תירוץ איז, אַז ביי אַ בהמה איז עס גאָרנישט קיין סימן.

## 751. אַ הצלחה פון עשון

אין אַ שיינעם פאַר־פסחדיקן טאָג גייט אַ פרומע אַלטע יידענע פון בית־המדרש מיטן „קרבן־מנחה" אין דער האַנט און שלאָגט זיך אָן אין אַ גויישע לוויה. שאָקלט זי מיטן קאָפּ און מאַכט מיט פאַרדרוס:

— אָט דאָס הייסט אַ הצלחה ביי עשון! אַ קליינִיקייט, שטאַרבן אין חודש ניסן! וואָס וואָלט עס, אַ שטייגער געאַרט דעם רבונו־של־עולם, ווען אויף דעם אָרט פון אַן עשו שטאַרבט בעסער אַן אָרע־מער ייד?

## 752. אַ בילד פאַר אַ בילד

דער געוויסער רב מלב"ים, ווען ער איז געווען אין בוקאַ־רעשט האָט ער געהאַט פיל קעגנער, באַזונדערס צווישן די „אויפגע־קלערטע" רייכע אַסימיליאַטאָרן. איינער פון די דאָזיקע לייט, אַ פאַר־ברענטער שונא דעם מלבי"מס, האָט ער איינמאָל אום פורים געוואָלט חוזק מאַכן פונעם רב, נעמט ער און שיקט אים אַריין שלח־מנות אין אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט. דער רב עפנט־אויף און געפינט דאָרט אַ בילד פון אַ חזיר. טראַכט ער נישט לאַנג, נעמט זיין אייגן בילד און שיקט עס יענעם דורך דעם זעלביקן שליח.

אין א פאר טעג ארום באגעגנט יענער גביר דעם מלבי״ם ערגעץ אויף א קהלשע אסיפה, קען ער זיך ניט איינהאלטן, גייט־צו צום רב און גיט אים א פרעג וואס ער האט געמיינט דערמיט וואס ער האט אים געשיקט זיין בילד.

— וואס פארשטייט איר דא ניט — ענטפערט אים דער מלבי״ם — ס׳איז דאך אזוי פשוט: א בילד פאר א בילד. איר האט מיר געשיקט אייער בילד, האב איך גענומען און אייך אפגעשיקט מיינס.

## 753. א ייד ביז דער קעשענע

אין סלאנים איז געווען א ייד א גרויסער גביר און דערצו א מוראדיקער קמצן. אין גאנץ סלאנים האט מען געוואוסט אז א נדבה פון אים באקומען איז שווערער ווי פון א פעלזנשטיין וואסער. איינ־מאל ערב פסח גייט דורך דער סלאנימער רב ר׳ אייזיל חריף פאר דעם פייער וואס מען פארברענט דארט חמץ, זעט ער ווי יענער גביר שטייט און טרייסלט־אויס די קעשענע זיינע עס זאל דארט חלילה נישט פארבלייבן קיין ברעקל חמץ.

— הערט איר — ווענדט זיך צו אים דער רב — מיר דאכט אז אייער קעשענע איז אינגאנצן פטור פון בדיקת־חמץ, ווייל בודק זיין דארף מען נאר אזעלכע ערטער וואס זיינען שייך צו א יידן, און איר זענט דאך א ייד נאר ביז דער קעשענע.

## 754. א האלבן פסח

— וואס זארגסטו זיך אזוי — האט מאטקע חב״ד איינמאל אין א פאר־פסח געזאגט דער ווייב — א האלבן פסח האבן מיר דאך שוין אין שטוב.

— איך האב ליב אז ער קומט מיט זיינע ווערטלעך — מאכט דאס ווייב פארצארנט — וואס פאר א האלבן פסח? מיר האבן דאך אפילו קיין מצות ניט.

— פסח, פארשטייסטו מיך, מיין ווייב — מאכט מאטקע — באשטייט פון צוויי זאכן, פון אויסראמען חמץ און עסן מצה. איז חמץ געפינט זיך שוין לאנג נישט ביי אונדז אין הויז. איצט פעלט נאר די צווייטע העלפט — מצה.

## 755. צען כוסות

אַ ייד וואָס האָט ליב געהאַט דעם טרונק פלעגט זאָגן:

— מיר וואָלט, כ׳לעבן, גאָר נישט געאַרט ווען משה רבינו זאָל מתפלל זיין פאַר גאָט ברוך־הוא, ער זאָל טאָן פאַרקערט: געבן די מיצרים נאָר פיר מכות און דערפאַר די יידעלעך זיינע צען כוסות.

## 756. אַ נייער פירוש אויף דער הגדה

אַן אָרעמער מחבר איז געקומען פאַר פסח צו אַ גביר מיט אַ נייעם פירוש אויף דער הגדה. פרעגט אים דער גביר האַלב מיט אַ שמייכל און האַלב מיט כעס:

— קאַרג האָבן מיר שוין, ברוך־השם, פירושים אויף דער הגדה? וואָס טויג נאָך אַ נייער פירוש?

— עס טויג אוודאי — ענטפערט דער מחבר — ווייל פון יענע אַלע פירושים, פאַרשטייט איר, קען איך קיין פסח ניט מאַכן.

## 757. שוואַכע קעפ

איינער האָט זיך אַריינגעכאַפּט ערב פסח גאַנץ פרי אין שענק, געמאַכט די שיינע כוסה און איבערגעלאָזט דאָרט פאַר אַ משכון די גרויסע און שיינע הגדה זיינע. פרעגט מען ביי אים דערנאָך: ווי אַזוי נעמט עס אַ ייד און לאָזט ערב־פסח זיין הגדה אין שענק? ענטפערט ער דערויף:

— די מעשה, פאַרשטייט איר, איז געווען אַזוי: איך האָב אַרויסגענומען פון שאַפע די הגדה, ווי דער שטייגער, אויסצולופטערן זי און צוגרייטן צום סדר. דערווייל דערזע איך דאָרט, אין דער הגדה הייסט עס, אַזעלכע געהויבענע לייט ווי ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע און די איבעריקע. היינט פרעג איך אייך, ווי רופט מען עס נישט אַזוינע טייערע געסט אין שענק מכבד צו זיין מיט אַ ביסל יי״ש? האָבן מיר גענומען דעם גוטן שנאַפּס. איך האָב ליב אַז וויבאַלד כבוד זאָל עס ניט זיין גענאַרט — נו, וואָס טויג עס אייך? איך האָב אַ שטאַרקן קאָפּ, האָב איך דערנאָך זיך נאָך געקענט דערשלעפּן אַהיים, זיי אָבער האָבן שוואַכע קעפּ, נעבעך, ניט געוואוינט, אַפּנים, צום טרונק, האָבן זיי געמוזט דאָרט טאַקע אין שענק פאַרבלייבן.

### 758. פאַרקויפט צו אַ גוי

ערב־פסח זאָגט אַ מאַן צום ווייב:

— דאַנקען גאָט, שוין אויסגערוימט פון שטוב דעם גאַנצן חמץ, נאָר דו איינע ביזט נאָך פאַרבליבן.

— מיך — זאָגט דאָס ווייב — האָט מיין פאָטער שוין לאַנג באַוואָרנט מיט דעם, וואָס ער האָט מיך גענומען און מיך פאַר־קויפט צו אַ גוי.

### 759. ווי אַזוי מען דאַרף דעם „סדר" אָפּריכטן

אַ יונגער ישובניק האָט פאַרגעסן — דאָס יאָר איז גרויס — ווי אַזוי מען דאַרף דעם „סדר" אָפּריכטן. שיקט ער דאָס יונג ווייבל זיינס פאַרן זעצן זיך צום סדר, זי זאָל גיין קוקן צום שכן אונטערן פענצטער און דערנאָך איבערגעבן אַלצדינג וואָס יענער טוט.

די ישובניצע גייט־צו נאָענט צום שכנס פענצטער, באַטראַכט דאָרט דעם באַדעקטן טיש און וואָס אויף אים געפינט זיך. דערנאָך זעט זי ווי דער שכן נעמט שלאָגן דאָס ווייב זיינס. וואָס צווישן פאַר־פאָלק דאָרט איז פאָרגעקומען פריער ווייסט זי ניט, מיינט זי אַז אַזוי טאַקע מוז מען אָנהויבן דעם סדר אָפּריכטן. קערט זי זיך אום צוריק אין איין שרעק.

— נו, מיין ווייב, דערצייל וואָס האָסטו דאָרט געזען? — זאָגט דער מאַן.

דאָס ווייב האָט מורא צו זאָגן וואָס זי האָט געזען. שווייגט זי.

— וואָס שטייסטו עפּעס ווי אַ ליימענער גולם און שטומסט?

— שרייט שוין דער מאַן אויף אַ קול.

דאָס ווייב שווייגט אַלץ.

דאָ ווערט שוין אונדזער ישובניק רעכט אין כעס און שטעקט איר אָפּ אַ פּאָר היפּשע פּעטש. רופט זיך אָן די ישובניצע מיט אַ גע־וויין:

— אַז דו ווייסט אַליין, וואָס־זשע האָסטו געדאַרפט מיך שיקן זיך אונטערצוקוקן אונטערן פענצטער?

### 760. קורח אין דער הגדה

ביי אַן אָרענדאַר האָט געפרעגט דאָס ווייב:

— ווי קומט קורח (כורך) אין דער הגדה?

— וואָס פאַרשטייסטו דאָ ניט, מיין ווייב? — ענטפערט דער מאַן — וויבאַלד קורח איז איינגעזונקען געוואָרן, איז ער געווים פון פרעהם לייט.

## 761. אַ בעל-דקדוק

פאַרוואָס, פרעגט זיך, איז דער בעל-הגדה אַזוי אויפגעבראַכט געוואָרן אויף דעם רשע פון די אַרבעה בנים פאַר זיין שאלה „מה העבודה הזאת לכם?” און דרינגט מיט אַ בייזער „לכם ולא לו” — אייך, הייסט עס, ניט אים, און דערפאַר הייסט ער, מען זאָל זיך מיט אים אָפּרעכענען און זאָגט „הקהה את שניו” — זעץ אים אויס די ציין זיינע? דאָס זעלבע קען מען דאָך אויסטייטשן דעם חכמס ווערטער אויך „אשר צוה אלהינו אתכם” — אייך און ניט אים!

דער תירוץ איז: אויפן חכם, דעם גמרא-לערנער, איז קיין קשיא נישט: ער קען, נעבעך, ניט קיין דקדוק, ווייסט ער נישט קיין חילוק פון אַ וואָרט, ווי מען דאַרף עס זאָגן אַזוי צי אַזוי; אָבער דו רשע, אַפּיקורוס איינער, ביסט דאָך יאָ אַ בעל-דקדוק און זאָגסט אַזוי, איז עס ניט אומזיסט און האָסט אוודאי דערביי אַ מיין!

## 762. דער רשע פון דער הגדה

וואָס האָט דער רשע פון דער הגדה אַזוי שטאַרק חוטא געווען דערמיט וואָס ער פרעגט „מה העבודה הזאת לכם?” — וואָס שטעקט דאָ אין דעם אַזאַ פאַרברעכן, אַז עס קומט דערפאַר אויסזעצן די ציין?

נאָר דער בעל-הגדה ווייסט וואָס ער זאָגט: דער רשע, דער שאַרלאַטאַן, אין וואָס פאַר אַ שטוב ער קומט, נעמט ער זיך דאָס ערשטע נאָכצופרעגן: „מה העבודה האת לכם”? און זיין מיין איז: וואָס איז ביי אייך פאַר אַ דינסט?

## 763.ביידע איידעם — שדים

אַן אָרענדאַר אַ גראָבער יונג, וואָס איז געווען שטאַרק שטומפּיק אויף דער עברי, רופט זיך אָן ביים סדר צום ווייב:

— הערסטו, מיין ווייב, איך זאָג דיר, אַז דער וואָס האָט געמאַכט די הגדה איז געווען טאַקע אַ חכם אַ ייד. דו קלאָגסט זיך שטענדיק אויף אונדזערע ביידע איידעמס, און אַזאַ יאָר זאָל איך

האָבן ווי דו ביסט אָקעגן זיי געדעכט. אָט גיב אַ קוק, ווי אין דער הייליקער הגדה שטייט טאַקע קלאָרע ווערטער: „ביידע איידעם שדים" („בעדי עדיים — שדים").

## 764. אַן עבור-יאָר

אַ ישובניק האָט אַמאָל געזאָגט די הגדה מיט זיינעם אַ זון פון איין הגדה, וואָס ער האָט פאַר פּסח אָפּגענומען פונעם איינבינדער, האָט זיך גראָד געמאַכט אַז אין הגדה איז געווען פאַרווענדט אַ בלעטל פון סליחות, און זיי זאָגן כסדר: „אלו עשר מכות שהביא הקדוש ברוך-הוא על המצרים במצרים ואלו הן: אשמנו, בגדנו, גזלנו און אַזוי ווייטער.

— טאַטע — רופט זיך אָן דער זון — מיר דאַכט, אַז היינטיקס יאָר איז עפּעס מער מכות ווי אַלע יאָר.

— יאָ, זונעניו — ענטפערט דער פאָטער — דו ביסט גע-רעכט.

— פאַרוואָס-זשע, טאַטע, קומט היינט מער מכות?

— וואָס פאַרשטייסטו דאָ ניט, נאַרוץ? היינטיקס יאָר האָבן מיר דאָך אַן עבור-יאָר.

## 765. מכות ניט רבנים

אַ מאַן איז געזעסן ביים סדר מיטן ווייב. בשעת ער האָט גענומען זאָגן מיטן געוויסן ניגון: „מעשה ברבי אליעזר ורבי יהושע", האָט דאָס ווייב גענומען אָפּגיסן צו ביסלעך וויין פון איר כוס. זאָגט איר דער מאַן:

— ניין, מיין ווייב, דאָס איז ניט די צען מכות.

— וואָס דען איז עס?

— דאָס זיינען אַזעלכע רבנים.

דערנאָך, אַז ס'איז געקומען צו „דם, צפרדע" נעמט ער אָפּגיסן פון זיין כוס.

— דאָס זיינען שוין ניט קיין רבנים? — פרעגט דאָס ווייב.

— ניין, מיין ווייב — מאַכט ער — פריער זיינען געווען אמתע רבנים, איצט איז שוין מכות נישט רבנים.

## 766. בנים איז אויך אַ גאַנץ גוטע מכה

אַ ישובניק האָט אַמאָל ביים סדר געזאָגט אין דער הגדה: „דם, צפרדע, בנים...״

— כנים — פאַרריכט אים דער עלטערער זון.

— נישקשה, עס מאַכט ניט אויס — רופט זיך אָן דער מלמד וואָס איז געזעסן ביים טיש — בנים איז אויך אַ גאַנץ גוטע מכה

## 767. גאָט איז גערעכט

די מעשה פון „חד־גדיא״ איז אַ ביסל קשהדיק: ווי סע דערציילט זיך דאָרטן קומט־אויס, אַז גאָט איז ווי אומגערעכט. נעמט כסדר: דער טאַטע האָט געקויפט אַ ציגעלע פאַר צוויי גילדן און די קאַץ איז געקומען און האָט עס אויפגעגעסן — געוויינלעך איז די קאַץ אַ שולדיקע; דערנאָך אַז עס קומט דער הונט און רעכנט זיך אָפּ מיט דער קאַץ דער פרעסערין און דערלאַנגט איר אַ רעכטן בים — איז דער הונט אומשולדיק; דער שטעקן, וואָס שלאָגט דעם אומשולדיקן הונט — איז ווידער שולדיק; דאָס פייער, וואָס פאַרברענט דעם שולדיקן שטעקן — אומשולדיק; דאָס וואַסער, וואָס פאַרלעשט דאָס אומשולדיקע פייער — שולדיק; דער אָקס וואָס טרינקט אויס דאָס שולדיקע וואַסער — אומשולדיק; דער שוחט, וואָס קוילעט דעם אומשולדיקן אָקס — שולדיק; דער מלאך־המות וואָס קוילעט דעם שולדיקן שוחט — אומשולדיק. היינט נעמט צום סוף גאָט ברוך־הוא, און שחט דעם מלאך־המות, וואָס ער איז גאָר אומשולדיק — איז ער חס־וחלילה, אַ שולדיקער: ווי קען דאָס זיין, אַז דער אויבערשטער זאָל בלייבן דער אומגערעכטער?

דער תירוץ איז אָבער, אַז אינדעם וואָס די קאַץ איז אַ נאַשערין איז שולדיק אייגנטלעך ניט אַזוי די קאַץ ווי די בעל־הביתטע, וואָס האָט ניט גוט אַכטונג געגעבן אויף דער קאַץ. אויף אַזאַ אופן ווערט שוין דערנאָך דער הונט, וואָס האָט געביסן די קאַץ, אַ שולדיקער. און אַזוי ווייטער כסדר ווערט אַלץ איבערגעביטן פאַרקערט, ביז עס קומט אויס צום סוף, אַז גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט *).

---

*) נאָך אַן אַנדער נוסח הויבט זיך אָן דערדאָזיקער וויץ מיט אַן אויסגעטראַכטן מדרש פליאה „אשת חיל ימצא״, הדא הוא דכתיב „צדיק

## 768. ווי קומט אַ הונט אין דער הגדה

אויף דער זעלבער אויבנדערמאָנטער קשיא, איז דאָ נאָך אַ תירוץ: מען וואַרפט אַרויס דעם הונט פון דער דאָזיקער מעשׂה, וואָרעם ווי קומט אַ הונט אין דער הגדה? — און דעמאָלט ווערט שוין ווידער אַלעס רעכט.

## 769. קען זיך ניט אויסשלאָפן

איינער האָט זיך געקלאָגט אויף דער נאַכט פון שבועות, וואָס מען דאַרף אויף־זיין:

— ס'איז אַן אומגליק מיט דער דאָזיקער נאַכט: איך בין געשלאָפן דריי נעכט פריער און דריי נעכט דערנאָך, און די נאַכט פון שבועות אויך — און קען זיך אַלץ ניט אויסשלאָפן.

## 770. אָן היזקות

חברה־לצים האָבן איינמאָל אַריינגעלאָזט אין הויז פון אַ ישובניק צו „שפוך חמתך" אַ ציג מיט אַ צוגעקוועטשטן עק מיט אַ שפרייז־העלצל. די ציג איז געשפרונגען און אַרויף גלייך אויפן טיש און גענומען מאַכן אַ תל פון אַלץ וואָס שטייט דאָרט. דער ישובניק האָט אַנדערש ניט געמיינט, אַז דאָס איז אליהו הנביא אין געשטאַלט פון אַ ציג אַריין אין שטוב דורך דער אָפענער טיר, רופט ער זיך אָן:

— זעט, איך בעט אייך, ר' אלינקע, עסט אייך און טרינקט אייך געזונטערהייט וויפל אייער האַרץ גלוסט, נאָר אָן היזקות!

## 771. אַ רגילות

אַ יידענע האָט איינמאָל געזאָגט שבועות־צייט:

— וואָס אַ רגילות הייסט: אַלע שבועות בין איך געוואוינט צו טרינקען אַ גלאָז קאַווע, זאָלט איר זען אַז שטענדיק, ווען עס קומט שבועות, ציט מיך שוין דאָס האַרץ צום גלעזל קאַווע.

---

ה' בכל דרכיו", און עס ווערט דערקלערט דער מדרש דערמיט, אַז וויבאַלד קיין „אשת־חיל" איז נישטאָ און די בעל־הביתטע איז אַ שלימזלניצע דעריבער קומט אויס אַפילו אין דער דאָזיקער מעשׂה פון „חד־גדיא" אַז גאָט איז אַ גערעכטער.

## 772. דריי נסים

דריי נסים זיינען פאַראַן ראש-השנה בשעת שופר בלאָזן: איין נס האָט גאָט, דעם צווייטן — די יידן, און דעם דריטן — דער שטן.

גאָט האָט אַ נס, וואָס אברהם אבינו האָט נאָר געטראַכט צו שחטן, אָבער ער האָט ניט געשחטן יצחקן. אויב איצט, ווען ער האָט נאָר געוואָלט אים קוילען, לייגן יידן איין די וועלט און הערן ניט אויף צו דערמאָנען פאַר גאָט די מעשה פון יצחקס עקידה, היינט ווי וואָלטן זיי זיך געבלאָזן אויף גאָט און ווי שווער וואָלט אים געווען פאַר זיי זיך אויסצוצאָלן ווען, די שעה זאָל ניט זיין, אברהם וואָלט דעם זון זיינעם געקוילעט ניט אויף צו כלומרשטן נאָר אויף אַ רעכטן אמת.

יידן האָבן אַ נס, וואָס מען האָט זיי געהייסן זאָגן זיבן מאָל דאָס קליינע קאַפּיטל תהילים און ניט דאָס גרעסטע „אשרי תמימי דרך".

דער שטן האָט אַ נס, וואָס מען בלאָזט שופר פון דער שמאָלער זייט אין דער ברייטער, האָט ער דאָס מעגלעכקייט זיך אַרויסצוכאַפּן און מאַכן אַ פּליטה; ווען אָבער מען זאָל בלאָזן פאַרקערט, פון דער ברייטער זייט אין דער שמאָלער, וואָלט ער גאָר אינגאַנצן געוואָרן דערשטיקט.

# פאַרשיידענע

## 773. אַ ברכה

די ברכה, וואָס יצחק האָט געבענטשט דעם זון זיינעם עשון: ואת אחיך תעבד" (דעם ברודער דיינעם וועסטו דינען), האָט דער באַרימטער שרייבער מענדעלע מוכר-ספרים וויציק דערקלערט אַזוי:

— די זאַך איז דאָך שטאַרק קשה: וואָס איז דאָס פאַר אַ משונה ברכה: בענטשן איינעם, אַז ער וועט זיין אַ משרת ביי יענעם? נאָר ווי מיר זעען אַרוים באַשיימפּערלעך אין די לעצטע צייטן, שטעקט אין דעם אַ גרויסע ברכה פאַר עשון, ווייל יעקבס אַ זון, וויבאַלד ער באַקומט געלט און ווערט אַ גרויסער באַנקיר צי אַ רייכער פאַבריקאַנט, וועט ער שוין אויף קיין פאַל, מעג ער זיין

זיכער, ניט נעמען אַרבעטער און דינער פון זיינע אייגענע ברידער, פון יעקבס קינדער, נאָר דווקא פון עשום...

### 774. אַקוראַט פאַרקערט

אין אַ שטעטל איז געווען אַ שוחט, וואָס די שחיטה האָט אים ניט געקלעקט צום לעבן, האָט ער דערצו זיך באַשעפטיקט אויך מיט זייגער־מאַכעריי אַ רעכטער שלימזלניק איז דער שוחט געווען אין אַלעם וואָס ער האָט זיך גענומען צו טאָן, האָט מען אין שטעטל זיך געווערטלט וועגן אים:

— אונדזער שוחט האָט די מעלה אַז ווען ער שעכט אַ הינדל — גייט עס, און ווען ער פאַרריכט אַ זייגערל — שטייט עס.

### 775. געבן אַ שטעל

איינער פון די „שיינע יידן" איז געקומען צו אַ גביר, דער גביר נעמט אויף דעם גאַסט זייער פריינדלעך. הייסט אים דערלאַנגען טיי און שטעלט פאַר אים אַ פושקע מיט צוקער, יענער נעמט אַרויס פון דאָרט גאַנצע פינף שטיקלעך צוקער און וואַרפט זיי אַריין צו זיך אין גלאָז, דער גביר האַלט זיך נישט איין און גיט אַ פרעג דעם גאַסט:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, זייט איר ביי זיך אינדערהיים אויך אַזאַ מילדער מחותן?

— חלילה — ענטפערט יענער — נאָר אין דער פרעמד האָב איך ליב זיך צו געבן אַ שטעל.

### 776. אַ מיטל פטור צו ווערן

איינער האָט זיך געקלאָגט פאַר זיינעם אַ גוטן פריינד, אַז מען לאָזט אים נישט רוען, עס קומען מענטשן, דער אַרויס, דער אַריין.

— אויב דו ווילסט פטור ווערן פון מענטשן איז דאָ איין מיטל, בדוק ומנוסה: איז יענער אַ רייכער — בעט ביי אים אַ גמילות־חסד; איז יענער אַן אָרעמער — גיב אים אַ גמילות־חסד.

### 777. פריער געבונדן

דער סלאָנימער רב ר׳ אייזיל חריף איז געווען באַוואוסט פאַר אַ גרויסן כעסן און אַ מענטש מיט אַ האַרבן און שאַרפן כאַראַקטער, וואָס האָט זיך אַמאָל זיינע שגעונות. איינמאָל זעט ער ביי איינעם פון די סלאָנימער בעלי־בתים אַ חבור זיינעם צוזאַמען געבונדן מיטן קאָוו-

נער רבס ר׳ יצחק-אלחננס, און זיין חבור איז געבונדן צולעצט. רופט ער זיך אָן:

— די וועלט, האַלט, דאַכט זיך, מיך פאַר אַ משוגענעם מער ווי ר׳ יצחק-אלחנן, צום סוף ווען עס קומט צום בינדן, נעמט מען און מען בינדט גאָר אים פריער.

## 778. פריער אויפגעשטאַנען

ר׳ נחום הוראָדנער איז אַמאָל געקומען אין בית-המדרש ווינטער פאַרטאָג אין זייער אַ שלעכטן וועטער.

— רבי — וואונדערט זיך דער שמש — אַזוי פרי און ביי אַזאַ אינדרויסן!

— פרי זאָגסטו — ענטפערט ר׳ נחום — געהאַט האָב איך, אמת, אַ גרויסע מלחמה מיט יענעם חברה-מאַן, מיטן יצר-הרע מיין איך. ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, מאַכט צו מיר דער יצר-הרע: „שלאָף נאָך אַ ביסל, נחום, אינדרויסן איז אַזוי נאַס און קאַלט; זיי ניט קיין נאַר, נעם בעסער זיך גוט איינדעקן און שלאָף געשמאַק כאָטש נאָך אַ פּאָר שעה". — „שייגעץ איינער — האָב איך אויף אים אָנגעשריען — דו האָסט זיך יאָ געפעדערט אַזוי פרי אויפצושטיין, און איך זאָל שלאָפן!" און באַלד האָב איך זיך געכאַפּט אָנטאָן און געקומען אַהער אין בית-המדרש.

## 779. ניט קיין היגער

— אַ פרומער ייד, וואָס וויל מחדש זיין די לבנה, שטייט אויפן גאַס און קוקט אויפן הימל, נאָר די לבנה ווייזט זיך נישט.

— וואָס איז די מעשה — פרעגט ער אַ פאַרבייגייענדיקן יידן — וואָס די לבנה איז נאָך ניטאָ?

— איך ווייס ניט — ענטפערט יענער — איך בין ניט קיין היגער.

## 780. איבער די כוחות

אין אַ שטעטל האָט זיך געמאַכט, אַז עס האָט באַדאַרפט דורכפאָרן דער קיסר. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט געמאַכט דעם גרויסן פאַראַד און אין שטעטל האָט זיך געקאָכט. צווישן דעם גרויסן עולם וואָס איז געשטאַנען אויף דער ברייטער גאַס, וואו דער קיסר האָט באַדאַרפט דורכפאָרן, האָט זיך געפונען אויך אַ קראַנקע צע-

בראָכענע יידענע. געזען האָט מען אַז קוים וואָס זי האַלט זיך אויף די פיס, און אַז עס האָט זיך באַוויזן דעם קיסרס קאַרעטע און דער עולם האָט גענומען שרייען „הורראַ!" — האָט זי אויך, הוסטנדיק און קייכנדיק, געשריען אויף אַ קול:

— הוראַ! הוראַ! אוי ווי איז צו מיר, ער זאָל אַזוי כוח האָבן, רבונו־של־עולם, צו לעבן ווי איך האָב כוח צו שרייען... הו־ראַ! הו־ראַ!

## 781. איינער זאָל זאָרגן פאַר אַלעמען

איינער האָט אַמאָל געזאָגט:

— וואָס טויג עס אַז אַ גאַנצע וועלט מענטשן זאָלן זאָרגן? אַמער איז גלייכער מען זאָל דינגען איין מענטשן ער זאָל זאָרגן פאַר אַלע־מען. אַי וואָס? וויבאַלד אַלע וועלן אים צאָלן שכירות וועט ער דאָך גאָרניט האָבן וואָס צו זאָרגן? זאָל מען מאַכן, אַז די שכירות זיינע זאָל ער באַקומען פון מיין האַנט — וועט ער שוין, נישקשה, האָבן צו זאָרגן און צו זאָרגן.

## 782. אויסטרינקען אַ ים

אויף דעם פסוק אין תהילים „הים ראה וינוס" (דער ים האָט געזען איז ער אַנטלאָפן) זאָגט די גמרא: וואָס אַזוינס האָט ער דער־זען? יוספס אָרון האָט ער דערזען. פרעגט זיך, וואָס האָט דער ים־סוף אַזוי זיך איבערגעשראָקן פאַר יוספס אָרון?

דער תירוץ איז: אַן אָרון מיט אַ מת באַגלייטן געוויינלעך די חברה־קדישא־לייט, און יענע, ווי מען ווייסט, זיינען אין אַלע צייטן זעלטענע טרינקערס און קענען אַריינגיסן אין זיך אַ גאַנצן ים, און אָט דערפאַר האָט דער ים אַזוי זיך דערשראָקן און פאַר גרויס שרעק געמאַכט אַ פליטה.

## 783. אמת און שקר

איינער האָט באַגעגנט די חברה־קדישא־לייט גיין צוריק פון בית־עלמין שטאַרק פאַרטרונקען, קוים וואָס זיי פּלאָנטערן מיט די פיס, רופט ער זיך אָן:

— אַ חידוש אין דער וועלט! די דאָזיקע לייט קומען, דאַכט זיך, פונעם עולם האמת, צום סוף קענען זיי ניט שטיין אויף די פיס ווי דער שקר.

## 784. אַ יידישע פּאַטשט

איינער האָט געהאַט אַ נאַטור צו שעלטן מיט טויטע קללות. זאָגט אים איינמאָל אַ צווייטער:

— כ׳לעבן, ס׳איז זייער ניט שיין! ווי אַזוי לאָזט מען אַרויס פונעם מויל אַזעלכע קללות?

— עס מאַכט ניט אויס — זאָגט דער ערשטער — פאַרגעסט נישט, אַז ס׳איז אַ יידישע פּאַטשט. הלוואַי קומט עס אָן אין אַ צען יאָר אַרום...

## 785. תהו ובהו

אין סאָוועט-רוסלאַנד זיינען געזעסן דריי מענטשן, איינער אַן אַדוואָקאַט, דער צווייטער אַ דאָקטאָר און דער דריטער אַן עכטער באָלשעוויק-קאָמוניסט, און געפירט צווישן זיך אַ שמועס און גענומען זיך אַמפּערן, ווער פון אַלע דריי מינים איז פריער געקומען אויף דער וועלט.

באַווייזט דער אַדוואָקאַט:

— פריער פון אַלע האָט געמוזט קומען אויף דער וועלט דער יוריסט, וואָרעם נאָך גאָר אין די ערשטע צייטן ווען קין האָט גע-הרגעט זיין ברודער הבל, האָט זיך געוויס באַלד אָנגעהויבן דער ערשטער פּראָצעס, און ווי קען דאָס געמאָלט זיין אַ פּראָצעס אָן אַן אַדוואָקאַט.

שווייגט נישט אָפּ דער דאָקטאָר און טענהט:

— ניין, די מעשה מיט אדם הראשונס אָפּעראַציע, וואָס מען האָט אים אויסגעשניטן אַ ריפּ, איז געווען נאָך פריער, און אין אַזאַ פאַל האָט מען דאָך געמוזט אָנקומען צו אַ דאָקטאָר.

שפּרינגט-אויף דער באָלשעוויק-קאָמוניסט און שרייט אויס מיט שטאָלץ:

— וואָס דערציילט איר מעשיות? נאָך העט-העט פריער, ווען ס׳איז נאָך נישט געווען ניט קיין אדם הראשון און ניט קיין וועלט אַפילו, איז שוין געווען תהו ובהו — און וואו תהו ובהו האָט זיך גע-מוזט געפינען איינער פון אונדזערע קאָמוניסטן.

## 786. שטאַרק נויטיק אַ קאַץ

איינער אַ געוויסער לץ לאָזט זיך גיין האַסטיק פון שול פאַרן

ענדיקן דאָס דאַווענען. פרעגט אים איינער, וואוהין ער אײַלט זיך עס אַזוי?

— איך מוז לויפן — ענטפערט ער — געשווינד ערגעץ אויפזוכן אַ קאַץ.

— צו וואָס עפּעס פּלוצעם אַ קאַץ?

— ס'איז שטאַרק נויטיק: עס האָבן זיך אין מזרח פאַרפירט מיאוסקייטן.

## 787. מיט אַ קלוגן מענטשן

אײַזיק מאיר דיק גייט אַמאָל אין גאַס שטאַרק פאַרטראַגן און רעדט צו זיך אַליין. באַגעגנט אים זײַנער אַ גוטער פרײַנד און זאָגט:

— ר' אײַזיק מאיר, וואָס רעדט איר עפּעס צו זיך אַליין?

— טאָמער רעד איך אַמאָל — ענטפערט אים אײַזיק מאיר — מיט אַ קלוגן מענטשן פאַרגינט איר מיר אויך ניט.

## 788. ניט שאַנעווען

איינער וואָס האָט ליב געהאַט מאַכן אָפט אַ כוסה איז ערנסט קראַנק געוואָרן און גערופן אַהיים דעם דאָקטאָר, יענער האָט געפונען אַז דער פּאַציענט איז שטאַרק קראַנק און ער מוז אויפהערן צו טרינקען.

— אָבער דאָקטאָר — פרעגט דער חולה — זאָגט מיר, איך בעט אײַך, צי האָב איך געהאַט אַמאָל אַ געזונטע מילץ?

— זעלבסטפאַרשטענדלעך — ענטפערט דער דאָקטאָר.

— אויב אַזוי — מאַכט דער חולה — קען איך אײַך, ליבער דאָקטאָר, ניט פאָלגן, וואָרעם אַז איך האָב ניט געשאַנעוועט מײַן געזונטע מילץ, וועל איך מײַן קראַנקע מילץ געוויס ניט שאַנעווען.

## 789. גוטע שווימער

אַ ייִד, וואָס פלעגט אָפט זײַן מבוסמדיק, פלעגט זאָגן, אַז ער טרינקט נאָר כדי צו פאַרטרינקען די צרות זײַנע. פרעגט מען אים:

— נאָכדעם וואָס איר דערטרינקט זיי שוין, פאַרוואָס טרינקט איר ווײַטער?

— איר שפּילט זיך מיט די צרות מײַנע! — ענטפערט ער — נישקשה, איר מעגט זיך אויף זיי פאַרלאָזן, זיי קענען גוט שווימען. איך פאַרטרינק זיי — און זיי שווימען צוריק אַרויס...

## 790. ווען דו וועסט מיך אויפוועקן

איינער אַ גרויסער טרינקער האָט איינמאָל פאַרן שלאָף אָוועקגעשטעלט לעבן זיין בעט אַ פלעשל יי״ש און אָנגעזאָגט דעם ווייב אַזוי:

— הערסטו, מיין ווייב, ווען איך וועל אַנטשלאָפן ווערן זאָלסטו מיך אויפוועקן באַלד ווי איך וועל נאָר וועלן מאַכן אַ כוסה.

— פון וואַנען — פרעגט דאָס ווייב — זאָל איך וויסן ווען דו וועסט וועלן?

— וואָס ווייסטו ניט, נאַרעלע? — ענטפערט ער — ווען דו וועסט מיך אויפוועקן וועל איך וועלן.

## 791. דער טעם פון וויין

דער סאַוראַנער רב פלעגט זאָגן:

— זיבעציק טעמים זיינען פאַראַן מען זאָל ניט טאָרן טרינקען קיין וויין, נאָר דער איינער טעם פון וויין וועגט זיי אַלע איבער.

## 792. אַ שנאַפּס גאַנץ פּרי

איינער וואָס האָט גאָר ניט פיינט געהאַט דעם טרונק, איז געקומען צו זיינעם אַ גוטן באַקאַנטן גאַנץ פרי. מאַכט יענער צו אים:

— אפשר ביסטו אַ בעלן איצטער אויף אַ גוט ביסל שנאַפּס?

קניטשט זיך דער און זאָגט:

— צוליב דריי טעמים וויל איך ניט: ערשטנס איז נאָך ביי מיר פאַרן דאַווענען; צווייטנס, טרינק איך גלאָט ניט; דריטנס, האָב איך שוין געמאַכט היינט אַ כוסה.

אַנדערע גיבן איבער דעם ענטפער מיט אַזאַ נוסח:

— איך וויל ניט צוליב דריי טעמים: ערשטנס, האַלט איך נאָך פאַרן דאַווענען; צווייטנס, האָב איך נאָר־וואָס געמאַכט אַ שנאַפּס; דריטנס, שטעל אַנידער וועל איך פּרואוון.

## 793. פּרעסט

אַ יונגערמאַן איז אַריינגעגאַנגען צו זיינעם אַ חבר, זעט ער ווי דער פאָטער זיינער, אַן אַלטער מאַן אַ ווייס גראָער מיט אַ ברייטן שטערן, זיצט איינער אַליין ביים טיש פאַרטיפט שטאַרק אין דער

אַכילה און קנאַקט אַזוי געשמאַק אויףביידע באַקן. רופט ער זיך אָן צום חבר:

— וויסטו, צו וואָס דיין פאָטער איז איצט געגליכן? צו אַ שיינער ווינטער-נאַכט: אויסגעשטערנט, אויסגעשנייט און פרעסט, אַז עס קנאַקט...

## 794. סאָב-דירעקטאָר

אַ פאַרמעגלעכער רוסישער ייד איז געקומען קיין ווין. ביי טאָג גייט ער אַריין אין אַ רייכן רעסטאָראַן עסן מיטאָק. דער קעלנער דערלאַנגט אים אַ שפּייז-צעטל, ער זאָל זיך פון דאָרט אויסקלייבן וואָס ער פאַרלאַנגט צו עסן. אַזוי ווי קיין דייטש פאַרשטייט דער ייד ניט און קען ניט לייענען — ווייזט ער אָן מיטן פינגער אויפן ערשטן נומער. ברענגט אים דער קעלנער אַ סופּ. נאָכדעם ווייזט אים דער ייד אָן אויפן צווייטן נומער, ברענגט אים דער קעלנער אַן אַנדער מין סופּ. דער ייד ווייזט אָן דערנאָך אויפן דריטן נומער, ווידער אַ מין סופּ, שוין צום דריטן מאָל. דאָ ווערט שוין דער ייד אויפגעבראַכט און הויבט אָן שרייען אויף יידיש, פאַרדייטשט אַביסל מיט פּתחן, אַז ניט אַנדערש דער באַדינער מאַכט פון אים חוזק; און פאַרוואָס קומט עס אים, ער וועט דען ניט צאָלן קיין געלט גלייך ווי אַלע? גייט צו דער סאָב-דירעקטאָר פונעם רעסטאָראַן צום יידן און זאָגט אים העפלעך:

— וואָס פאַרלאַנגען זיי? איך בין סאָב-דירעקטאָר.

— וואָס טויג מיר סופּ-דירעקטאָר? — שרייט דער ייד — איך האָב זיך שוין גענוג אָנגעסופּט, לאָז מען מיר בעסער צושיקן דעם פליישׁ-דירעקטאָר!

## 795. רעדן און שווייגן

ר' חיים סאָלאָווייטשיק, דער בריסקער רב, האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן ערגעץ אין וועג מיטן טעלזער רב. דער טעלזער רב האָט ליב געהאַט צו רעדן אַ סך, און האָט געהאַלטן אין איין רעדן; ר' חיים, פאַרקערט, האָט מער געשוויגן ווי גערעדט.

אַז מ'האָט דערנאָך געפרעגט ר' חיימען פאַרוואָס ער האָט די גאַנצע צייט כמעט ווי געשוויגן, האָט ער געענטפערט:

— דער טעלזער טראַכט אַ שעה אין מעת-לעת, כדי דריי-און-צוואַנציק צו רעדן; איך טראַכט דריי-און-צוואַנציק שעה כדי אַ שעה צו רעדן.

## 796. דריי מצוות

דריי מצוות זיינען פאַראַן וואָס האָבן קיין טעם ניט און קריכן ניט אין מויל:

1) אַ ווינטערדיקע שלש-סעודות; 2) דער אַפּיקומן; 3) מציצה פון אַן אַלטן גר.

## 797. לאָקשן

איינעם אַ יידישן חקרן האָט מען אַמאָל געפרעגט: פאַרוואָס רופט מען לאָקשן מיטן נאָמען „לאָקשן"? האָט ער אַ מאַך געטאָן מיטן גראָבן פינגער און געענטפערט אַזוי:

— לאַנג זיינען זיי, און ווייך אויך, און ווי לאָקשן זעען זיי אויס — היינט זאָגט אַליין, פאַרוואָס זאָל מען זיי ניט רופן לאָקשן?

## 798. וואָס טויג די פּ"א אין המן

— וואָס טויג די פּ"א אין המן?
— אין המן געפינט זיך דאָך גאָר קיין פּ"א ניט.
— פאַרוואָס זאָל זיך אין המן ניט געפינען קיין פּ"א?
— צו וואָס טויג די פּ"א אין המן?
— הערסטו, אַט דאָס פרעג איך דאָך טאַקע.

## 799. אַ טעות

איינער פאַלט אָן אויף אַ צווייטן אין גאַס און לאָזט אים אַראָפּ אַ היפּשן פּאַטש, דערנאָך טוט ער זיך אַ כאַפּ און זאָגט:

— הערט אַ מעשה, איך האָב גאָר אַ טעות געהאַט, עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איר זענט מיין חבר שמערל.

— נו, און אַז אייער חבר שמערל, — שרייט דער געפּאַטשטער — דאַרף מען נעמען און פּאַטשן אים אין גאַס?

— איך פאַרשטיי ניט — מאַכט יענער — וואָס איז אייער עסק, איך בעט אייך, צו מישן זיך אין דעם וואָס איך וויל טאָן מיט מיינעם אַ חבר?

## 800. האַלט ניט פון אַזעלכע קאַטאָוועסלעך

צוויי גוט-באַקאַנטע יידן זיינען ערב-שבת אין שוויץ-באָד אַרויף אויבנאָן אויף דער אויבערשטער באַנק. רופט זיך אָן איינער צום אַנדערן:

— נאַ דיר מיין בעזימל און שמייס מיך אָפּ.

נעמט יענער דאָס בעזימל אין האַנט און טיילט איין דעם דאַ־זיקן, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן פאַר אים, אַ רעכטע פּאַרציע הייסע שמיץ און צעקאַראַדאַשעט אים דאָס לייב ביזן בלוט אַריין. טוט אים דער געשמיסענער אַ זאָג מיט האַרץ:

— הערסטו, גוטער ברודער, די מעשה דערפון איז אַזוי: אויב דו האָסט באמת געוואָלט מיט מיר ערנסט זיך אָפּרעכענען דאָ אויף דער אויבערשטער באַנק, בשעת איך ליג אויסגעצויגן אַ נאַ־קעטער און דו שטייסט און האַלטסט דאָס בעזימל און האָסט ביד צו שמייסן, — מהיכא־תיתא, ביסטו גערעכט. אויב אָבער דו מיינסט עס נאָר גלאַט אַזוי אויף קאַטאָוועס, זאָג איך דיר, אַז איך האַלט ניט פון אַזעלכע קאַטאָוועסלעך.

## 801. פאַרשטייט ענגליש

צוויי יידן, האַלב סוחרימלעך האַלב מעקלערס, גייען אין גאַס, ווייזט־אָן איינער דעם אַנדערן:

— דו זעעסט דאָרט גיין יענעם לאַנגן פראַנט? דאָס איז אַן אויסלענדער. פון ענגלאַנד איז ער און כאָטש גיב אים אַ קרענק רעדט ער נאָר ענגליש. קוק אים נאָר אָן, דאַכט זיך אויפן פּנים גאָר אַן איידלמען, צום סוף האָט ער מיך אַנומלט, ווען איך בין געווען ביי אים וועגן אַ געשעפט, אַ ביסל באַליידיקט.

— וואָס הייסט — פרעגט דער אַנדערער — דו פאַרשטייסט דען ענגליש?

— אַוודאי האָב איך פאַרשטאַנען! בשעת ער האָט מיך אָנ־גענומען מיט איין האַנט ביים קאָלנער און מיט דער אַנדערער געוויזן די טיר, האָב איך זיך באַלד אָנגעשטויסן וואָס ער מיינט.

## 802. געוואָלט געבן אַ פּאָר פּעטש

איינער דערציילט דעם אַנדערן:

— נעכטן פאַרנאַכט בין איך געווען וועגן עפּעס אַ געשעפט ביי איינעם אַ בייזן פּריץ און מיט אים היפש אַריינגעטענהט, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז ער האָט זיך צעהיצט און מיר געוואָלט געבן אַ פּאָר פּעטש.

— פון וואַנען, אַ שטייגער — פרעגט אים יענער — קענסטו וויסן וואָס דער פּריץ האָט געוואָלט?

— פון וואַנען ווייס איך? אַ שיינע זאַך, כ׳לעבן, איך האָב אַ גוטן סימן. טו אַ קוק וועסטו נאָך היינט דערקענען אויף דער באַק.

— הייסט עס, אַז ער האָט דיר טאַקע געגעבן, וואָס-זשע זאָגסטו, אַז ער האָט געוואָלט געבן?

— וואָס דען, ער האָט ניט געוואָלט? אַ שכל אַ ביסל! ווען ער זאָל ניט וועלן, וואָלט ער מיר דאָך ניט געגעבן!

## 803. אַ בעלן צו ציילן

— יענע וואָך — דערציילט איין מעקלער דעם צווייטן — בין איך געווען ביים נייעם פריץ און האָב מיט אים לאַנג איינגעשמועסט גאַנץ פריינדלעך מכוח אַ וויכטיקן עסק. באַדאַרף זיך ביי מיר, ווי אויף צו להכעיס, אַרויסכאַפּן עפּעס אַזאַ וואָרט. וואָס זאָל אָנרירן זיין האָנאָר. וואָס טויג עס דיר? מיטאַמאָל האָט זיך אים אָנגעצונדן עשוס רציחה און ער האָט מיר געוואָלט אָפּשטעקן זעקס פּעטש.

— פון וואַנען — פרעגט אים יענער — האָסטו עס געקענט וויסן, אַז גראָד זעקס?

— וואָס הייסט פון וואַנען? איך בין אַ בעלן געווען צו ציילן.

## 804. איין צאָן זאָל בלייבן

איינער האָט געוואונטשן אַ בלוטיקן שונא זיינעם, אַז אַלע ציינער זאָלן אים אַרויספאַלן נאָר איין צאָן זאָל בלייבן אין מויל. פרעגט מען אים: פאַרוואָס וויל ער אַז איין צאָן זאָל דעם שונא בלייבן?

— ווייל איך וויל — ענטפערט יענער — ער זאָל קענען פילן דעם טעם פון צאָן-ווייטאָק.

## 805. גוט פאַרשטאַנען

— פאַרוואָס וויינסטו?

— וואָס הייסט פאַרוואָס? מען האָט מיך געשלאָגן.

— איבער וואָס האָט מען דיך געשלאָגן?

— איבער וואָס מען האָט געטראָפן מיטן שטעקן: איבער די הענט, איבער די פיס, איבערן קאָפּ.

— אָך דו פאַרשטייסט מיך ניט. איך מיין, וואָס האָסטו גע-טאָן?

— וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? געשריען אויף קולות.

### 806. צען טויזנטער פאַר איין קוק

איינער אַ לץ האָט זיך באַרימט אין אַ שמועס פאַר אַן עולם מענטשן:

— זעט איר, רבותי, ווי איר קוקט מיך אָן, קען איך אייך זאָגן און איר מעגט מיר גלויבן, אַז אַנומלט, ווען איך בין געווען אין וואַרשע האָט זיך דאָרט געפונען אַ גראַפס אַ טאָכטער, וואָס איז געווען גרייט אַוועקצוגעבן צען טויזנט קאָרבן, און אויב איר ווילט, נאָך אַ סך מער, זי זאָל מיך נאָר אָנקוקן.

דער עולם וואָס הערט עס אויס, לאַכט פון דער באַרימעריי, און איינער רופט זיך אָן:

— וואָס זאָגט איר, איך בעט אייך, אויף זיין טאַטן? וואָס פאַר אַ גליק מ'שטיינס געזאָגט, וואָלט זי געכאַפּט פון אַ קוק אויף אַזאַ פּאַרשוין?

— וואָס מיינט איר? — מאַכט דער לץ — אַוודאי וואָלט זי געווען די גליקלעכסטע זי זאָל קענען טאָן אויף מיר כאָטש איין קוק. ווייל זי איז געווען אַ בלינדע אויף ביידע אויגן.

### 807. איין פענצטער

איינמאָל גאַנץ פרי האָט אַ בלינדער אויף איין אויג באַגעגנט אַ באַקאַנטן הויקער, רופט ער זיך צו אים אָן:

— אַזוי פרי האָסטו שוין געאיילט אַרויפצונעמען אַזאַ משא אויף די פּלייצעס?

— דיר ווייזט אוים — ענטפערט דער הויקער — אַז ס'איז אַזוי פרי, ווייל דו האָסט ביי דיר געעפנט נאָר איין פענצטער.

### 808. גיין און זען

אַ קרומער האָט באַגעגנט זיינעם אַ באַקאַנטן, אַ בלינדן אויף איין אויג, פרעגט אים יענער שפּעטיש:

— ווי גייט עס דיר, ברודער?

באַקומט ער פון יענעם אַ תשובה לויט זיין שאלה:

— אָט ווי דו זעסט, ברודער.

### 809. ווי די שאלה אַזוי די תשובה

פון וואַנען איז געדרונגען פון דער תורה דאָס וואָס די וועלט זאָגט: „ווי די שאלה אַזוי די תשובה?"

— פונעם טראָפּ אין חומש ביי דער געוויסער מעשה פון יהודה מיט תמרן: פריער שטייט „ויאמר״ (ער האָט געזאָגט) מיט אַ פּשטא, דאָס הייסט געלאָסן, שטייט דער ביי ותאמר״ (זי האָט געזאָגט) אויך געלאָסן מיט אַ פּשטא; דערנאָך, מיט אַ פּסוק ווייטער, שטייט שוין „ויאמר״ מיט אַן אַלזא, ד״ה מיט אַ בייזער, שטייט דערביי „ותאמר״ אויך מיט אַ אזלא, מיט דעם זעלביקן בייזער הייסט עס; צום סוף שטייט שוין „ויאמר״ מיט אַ רביעי, ד״ה, מיט אַ טאָן פון איבערבעטן זיך שטייט דערביי „ותאמר״ פונקט אויך אַזוי מיט דעם זעלביקן טאָן.

## 810. נאָך נישט אָנגעהויבן

— פאַרוואָס — האָט מען אַמאָל געפרעגט אַ רב — הויבן זיך אָן אַלע מסכתות פון דף ב׳ און ניט פון דף א׳?

— דאָס איז דערפאַר — האָט ער געענטפערט — אַ מענטש זאָל וויסן אַז ער האָט נאָך קיינמאָל ניט אָנגעהויבן.

## 811. נאָך נישט געבוירן געוואָרן

ביי אַן אונטערהאַלטונג זיינען געזעסן ביי איין טיש עטלעכע פרויען און געפירט אַ שמועס וועגן יאָרן.

— איבערטראַגן קען איך נישט — זאָגט אַ דאַמע פון אַ יאָר פופציק — די דאָזיקע פרויען וואָס פאַרלייקענען זייערע יאָרן. איך, ווען עמעצער פרעגט מיך וויפל איך בין אַלט זאָג איך באַלד דעם אמת אַז איך בין שוין נישט קיין יונגע און בין אַלט 37 יאָר.

רופט זיך אָן אַ צווייטע פרוי פון אַ יאָר 45: וואָס פאַר אַ חידוש? ווען איינער פרעגט מיך אויף מיין עלטער זאָג איך אויך דעם גאַנצן אמת, אַז איך בין אַלט דאָס זעקס און צוואַנציקסטע יאָר. נו, און וויפל, אַ שטייגער, זענט איר אַלט? — ווענדט זי זיך מיט אַ פראַגע צו גאָר אַ יונג מיידל, וואָס איז געזעסן אַקעגן איר.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת — ענטפערט דאָס מיידל — לויט די חשבונות פון דאָ ביים טיש, קומט אויס אַז איך בין נאָך נישט געבוירן געוואָרן.

## 812. ווי מען לעזט דאָס בריוול

אַ גאַליציאַנער ייד האָט געשיקט זיין זון לערנען אין אַ נאָענטער שטאָט אין שלעזיען. איינמאָל באַקומט ער פון אים אַ בריוו

געשריבן דאָס ערשטע מאָל מיט דייטשע בוכשטאַבן. אַזוי ווי דער פּאַטער איז געווען שטומפּיק אויף אַזאַ מין עברי, שטייט ער מיטן ווייב ביי דער טיר און זיי קוקן־אַרוים אויף איינעם וואָס זאָל זיי איבערלייענען דעם בריוו. גייט דורך דער באַס־זינגער פון דער געמיינדע. שטעלט אים אָפּ דער פּאַטער און פרעגט אים צי ער קען דייטש לעזן, און אַז ער באַקומט דעם ענטפער אַז יאָ, דערלאַנגט ער אים דעם בריוו און בעט אים איבערצולעזן. יענער נעמט לעזן מיט זיין האַרטער און גראָבער שטים:

ליבער פאַטער! שיק מיר דאָך פינף גולדן, דען מיינע הויזן זיינען צעריסן און איך מוס מיר נייע קויפן".

דער פּאַטער ווערט אויפגעבראַכט און זאָגט דעם ווייב:

וואָס זאָגסטו אויף דעם שגץ? ווי געפּעלט דיר ווי גראָב ער שרייבט עס! אָסור אויב איך וועל אים שיקן איין פעניג.

— וואָס איז געוואָרן מיט אים! — זאָגט דאָס ווייב — ס'איז דאָך געווען תמיד אַזאַ פיין איידל קינד. ווייסטו וואָס איך רעכן, אַז דער באַס האָט אוממיסטן צוגעלייגט זיינס און אין בריוו שטייט גאָר נישט אַזוי. מען דאַרף עס געבן אַן אַנדערן איבערלעזן.

דערווייל גייט דורך דער טענאָר־זינגער פון דער געמיינדע. ער קען אויך לעזן דייטש, בעט מען אים ער זאָל איבערלעזן דאָס בריוול און ער לעזט מיט זיין ווייכער און גלאַטער שטים:

„ליבער פאַטער... שיק מיר דאָך פינף גולדן.. דען מיינע הויזן זיינען צעריסן... און איך מוס מיר נייע קויפן.."

— ווען ער שרייבט — מאַכט דער פּאַטער אַזוי פיין און איידל — וועל איך גלייך נעמען און שיקן אים דאָס געלט.

## 813. אַין תחת אַין

איינער אַ מחבר האָט געשיקט זיינס אַ ספר דעם צווייטן מחבר. נעמט יענער און שיקט אים אָפּ באַלד זיינס אַן אייגן ספר. רופט זיך אָן דערויף אַ דריטער:

— אַין תחת אַין (גאָרנישט פאַר גאָרנישט).

## 814. פון היץ

ווען אשר גינצבערג (דער שפּעטערדיקער „אחד העם") איז געווען אַ יונגערמאַן און געקומען דאָס ערשטע מאָל קיין וואַרשע,

איז ער געגאַנגען זען דעם משורר א. ב. גאָטלאָבער, דעם רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „הבקר אור”. גאָטלאָבער האָט דעמאָלט געדרוקט זיינע זכרונות אין „הבקר אור”. דעם יונגן משכיל איז געווען קשה די גאַנצע צייט: ווי קומט עס וואָס גאָטלאָבער רעדט אין זיינע זכרונות נאָר פון אַנדערע און וואָס מיט אים אַליין האָט פּאַסירט שרייבט ער כמעט גאָרנישט. פרעגט ער די שאלה דעם מחבר.

— איך וועל אייך, יונגערמאַן — ענטפערט גאָטלאָבער — דערציילן דערויף אַ מעשה: אין אונדזער שטעטל איז אַ יידענע געלעגן קראַנק אויף טיפוס און גערעדט פון היץ, ווי דער שטייגער איז, און דערציילט האָט זי אַלץ וועגן אירע אַ שכנה, אַז יענע איז אַזוי און אַזוי און געטאָן דאָס און דאָס. דערנאָך אַז זי איז געזונט געוואָרן, פרעגט מען זי, פאַרוואָס זי האָט אַלץ גערעדט פון יענער און נישט פון זיך. אויף דעם האָט זי געענטפערט: אַז יענער וועט קראַנק ווערן אויף טיפוס און וועט רעדן פון היץ וועט זי דערציילן וועגן מיר.

## 815. דער היקעוואַטער

אַ פורמאַן אַ גראָבער יונג איז אַמאָל באַפאַלן אַ פיינעם יידן, אַ היקעוואַטן און אים אָנגערופן וואָס אין דער קאָרט שטייט: גנב, מערדער, גראָבער יונג אאַז”וו. דער ייד איז געשטאַנען און אויסגעהערט. דערנאָך רופט ער זיך אָן צו אים: דו־דו הי־קע־וואַטע!

יענער האָט זיך צעלאַכט:

— וואָס זאָגסטו אויף דעם יאָלד? מיך רופט ער היקעוואַטע!

— פאַרשטייסט ניט — זאָגט אים דער ייד — דו־דו האָסט מיר גע־גע־זאָגט וואָס דו ביסט, האָב איך ד־דיר גע־גע־זאָגט וואָס איך בין.

## 816. אַ מיטלפּונקט

אַ פּוילישער סוחר איז אַמאָל געפאָרן צוליב געשעפט קיין דייטשלאַנד, געבליבן שבת אין אַ דייטשער שטאָט איז ער געגאַנגען דאַווענען אין טעמפּל. דער ראַבינער האָט געהאַלטן זיין פּרעדיקט, פאַרן אַהיים־גיין פרעגט אַ בעל־הבית דעם פּוילישן גאַסט ווי ס'איז אים געפעלן די פּרעדיקט.

— אויסגעצייכנט! — ענטפערט דער פּוילישער סוחר — איצט

איז מיר פאַרענטפערט געוואָרן אַן אַלטע קשיא וואָס האָט מיך נישט געלאָזט רוען: שלמה המלך, דער חכם מכל אדם, רעכנט אויס אין קהלת פאַרשיידענע געגנזעצטע זאַכן צווישן וועלכע עס געפינט זיך געוויינלעך אַ מיטלפּונקט. למשל, ס׳איז דאָ אַ צייט פון פרייד און אַ צייט פון טרויער — איז פאַראַן אַ מיטלפּונקט, ווען דער מענטש איז נישט פריילעך און נישט אומעטיק. ווידער זאָגט ער: ס׳איז דאָ אַ צייט צו ליבן און אַ צייט צו האַסן — אויך פאַראַן אַ מיטלפּונקט, ווען דער מענטש איז גלייכגילטיק. נישט ער ליבט, נישט ער האַסט. אָבער אויף דעם וואָס ער זאָגט: ס׳איז דאָ אַ צייט צו רעדן און אַ צייט צו שווייגן, האָב איך קיין מאָל נישט פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ מיטלפּונקט קען דאָ זיין. איצט פאַרשטיי איך: פּרעדיקן.

## 817. „ספּוד" און „רקוד"

דער באַרימטער פילאָסאָף ר׳ משה דעסויער (מענדעלסאָהן) האָט, ווי מען דערציילט, דערלעגט נישט ווייניק געלט צום תנ"ך, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן; דערפאַר אָבער האָבן אים די דייטשע ווערק זיינע, פאַרקערט, אַריינגעבראַכט היפּש פאַרדינסט. האָט ער איינמאָל געזאָגט אויף דעם אַזאַ וויץ:

— אין „קהלת" שטייט „עת ספוד ועת רקוד" (אַ צייט צו קלאָגן און אַ צייט צו טאַנצן). „ספוד" — איז די זעלבע אותיות פון „דפוס" (אויף העברעאיש אַ דרוק), און „רקוד" — די זעלבע אותיות פון „דרוק".

# קורצע שאלות און תשובות

1) פאַרוואָס האָט אָדם הראשון אַזוי לאַנג געלעבט?

— ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין שוויגער.

2) פאַרוואָס דאַרף אַ מאַן דאָס ווייב שפּייזן און ניט פאַרקערט?

— ווייל איין מאָל האָט חוה, די ערשטע פרוי, געפּרואווט דעם מאַן געבן עסן, ליידט מען נאָך דערפון עד־היום.

3) ווער האָט מיט איין קלאַפּ אומגעבראַכט אַ פערטל מענטשן פון דער גאַנצער וועלט?

— קין.

4) ווען האָבן אַלע מענטשן פון דער גאַנצער וועלט געהערט דאָס קרייען פון איין האָן?

— אין דער צייט פונעם מבול אין נחס תיבה.

5) וואָס איז געווען די טויב, וואָס נח האָט געשיקט פון דער תיבה, אַ זכר צי אַ נקבה?

— געווים אַ זכר, ווייל עס שטייט בפירוש אין דער תורה, אַז נחס טויב האָט זיך אומגעקערט צוריק און מיט זיך פון ווייטן מיטגעבראַכט אַן אָפּגעפּליקט בלעטל אין מויל, — הייַנט ווען עס וואָלט געווען אַ נקבה, ווי קען עס גאָר געמאָלט זיין זי זאָל האַלטן אַזאַ לאַנגע צייט צוגעמאַכט דאָס מויל?

6) פאַרוואָס האָט לוטס ווייב געקאַרגט פאַר די אורחים זאַלץ מער ווי עפּעס אַנדערש?

— ווייל זאַלץ גיט צו צום עסן אַפּעטיט.

7) פאַרוואָס האָט לוט אויסגעקליבן צו באַזעצן זיך אין דער זינדיקער סדום?

— ווייל אויף סדום שטייט בפירוש: „כלה משקה".

8) פאַרוואָס טרינקט מען בראָנפן נאָך פיש ?

— כדי דער פיש זאָל ניט מתפלל זיין פאַר גאָט, ווי יונה אַמאָל אַז דער מענטש זאָל אים אויסשפייען, פאַרשיכורט מען אים, איז מען שוין באַוואָרנט ווייל שיכור אָסור להתפלל.

9) פאַרוואָס האָט עס לוטן אַזוי געצויגן צום טרונק ?

— ווייל זיין ווייב איז געוואָרן אַ שטיק זאַלץ.

10) פאַרוואָס זאָגט מען „שיכור ווי לוט" און ניט ווי נח, וועלכער איז געווען אַ טרינקער נאָך פריער פאַר לוטן ?

— ווייל נח, אַ פאָטער פון דריי אויסגעגעבענע זין, האָט אייגנטלעך געמעגט טרינקען, אָבער ניט לוט, אַ טאַטע פון צוויי איבערגעוואַקסענע טעכטער.

11) פון וואַנען איז געדרונגען פון דער תורה, אַז אברהם אבינו האָט געטראָגן אַ יאַרמלקע ?

— עס שטייט בפירוש אין חומש : „וילך אברהם" — אברהם איז געגאַנגען, היינט שוין־זשע וועט אברהם גיין אָן אַ יאַרמלקע ?

— עס שטייט בפירוש אין חומש : „וילך אברהם" — אברהם

—אליעזר, אברהמס קנעכט.

13) פון וואַנען האָט יעקב געוואוסט צו זאָגן אויף געווים „אין זה, כי אם בית אלהים" ?

— ווייל מען האָט זיך דאָך געקריגט (די שטיינער צווישן זיך), האָט יעקב דעריבער גערעכנט, אַז ניט אַנדערש דאָס איז אַ יידישע שול.

14) פאַרוואָס זיינען די מצרים שוואַרצע ?

— ווייל זיי האָבן געהאַט אַזויפיל יאָרן יידישע אַרבעטער, זיינען זיי געוואָרן שטאַרק פאַרשוואַרצט.

15) פאַרוואָס האָט זיך דער ים געשפאָלטן פאַר די יידן ?

— ווייל וואו אַ ייד שטעלט אַ פוס ווערט אַ שפאַלטונג.

16) פאַרוואָס האָט יתרו געהאַט זיבן נעמען?

— ווייל ער האָט געהאַט זיין אייגנם זיבן טעכטער און נאָכן אויסגעבן פון יעדער טאָכטער, וואָס האָט אָפּגעקאָסט אַ פאַר־מעגן, האָט ער געמוזט בלייבן אָן אַנזעצער און איבערבייטן אויפן שילד דעם נאָמען זיינעם.

17) פון וואַנען איז געדרונגען, אַז בלק איז געווען ניט קיין באַ־ווייבטער?

— ווייל ער האָט באַדאַרפט אָנקומען צו דינגען בלעמן אויף צו שעלטן.

18) פון וואַנען איז געדרונגען אַז קרח איז געווען רייך, וואָס מען זאָגט „ממון קרח"?

— ווייל קרח איז איינגעזונקען אין דער ערד, און אַ סך גע־שעפטן האַלטן אין איין זינקען.

19) רש"י פרעגט: קרח שפקח היה אאז"ו, פון וואַנען ווייסט עס רש"י אַז קרח איז געווען אַ פקח?

— ווייל עס שטייט בפירוש: „ויקח קרח" — קרח האָט גע־נומען, און דאָס ווייסט די וועלט פון אייביק אָן, אַז אַ נאַר גיט און אַ קלוגער נעמט.

20) פאַרוואָס האָט שלמה המלך באַדאַרפט שטעלן אַרום זיין בעט אַזוי פיל שומרים, גאַנצע זעכציק „גבורי ישראל".

— ווייל ס'איז געווען „גבורי ישראל".

21) פאַרוואָס האָט גאָט צוגענומען ביי איובן אַלצדינג און איבער־געלאָזט אים דאָס ווייב?

— צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, ווייל אַ ווייב אייגנטלעך איז אויך אַ שלאַק פון זיין ליבן נאָמען; און צווייטנס, כדי גאָט זאָל אים דערנאָך דאָס אויך ניט דאַרפן אָפּגעבן דאָפּל...

22) ווי אַזוי האָט אַחשורוש גענומען און אויסגעפּלאַסטערט זיין קעניגלעכן פּאַלאַץ מיט די טייערסטע שטיינער און האָט ניט מורא געהאַט, אַז עס וועט זיך געפינען אַ בעלן זיי אוועקצו־לקחנען?

— ווייל געווען איז ער אַ מלך טפש, און דאָס האָבן מיר פון

אייביק אָן אַ כלל, אַז אַ נאַר וואַרפט אַריין אַ שטיין אין גאָרטן קענען קיין צען קלוגע ניט אַרויסשלעפּן.

23) פון וואַנען איז געדרונגען, אַז אין אַחשורושעס צייטן איז געווען אַ שטרייק פון שניידער?

— אין דער מגילה שטייט געשריבן בפירוש, „אין אונס" — קיינער האָט ניט גענייט.

24) פון וואַנען איז אַ ראיה, אַז אַמאָל ביי יידן אין בית־המקדש איז ניט געווען קיין גלאָק?

— ווייל אויב יאָ, וואָלטן מיר דערנאָך געהאַט אַ גאַנצע מסכתא „גלאָק".

25) וואָס טוט אַ גאַנץ יאָר דער מלאך, וואָס איז ממונה אויף די תקיעות אין ראש־השנה?

— ער גיט אַכטונג אַלע שבת אויפן טשאָלנט אין די יידישע אויוונס, ער זאָל האָבן דעם אמתן יידישן טעם. אַ ראיה דערצו: ווען ראש־השנה פאַלט אום שבת בלאָזט מען ניט, ווייל דער מלאך איז דעמאָלט פאַרנומען מיטן טשאָלנט.

26) פאַרוואָס זאָגט מען, אַז יום־כיפור ציטערט אַ פיש אין וואַסער?

— ווייל ראש־השנה צו תשליך וואַרפט מען אַרויף אויף די פיש אַלע עבירות, ציטערן זיי נעבעך פאַרן יום־הדין.

27) פאַרוואָס איז ביי די חסידים אַ מנהג, צו כאַפּן זיך אויף מוצאי־יום־כיפור באַלד נאָך מעריב צום גלעזל יי״ש?

— ווייל זיי האַלטן זיך אַלע פאַר צדיקים, לאלתר (ד״ה טאַקע באַלד) ל ח י י ם".

28) פאַרוואָס רופט מען סוכות „זמן שמחתנו"?

— ווייל מען זיצט אין סוכה ביים טיש אָן די ווייבער.

29) פאַרוואָס שלאָגט מען המנען, כפּרות און הושענות?

— ווייל אין דער תורה שטייט „הכה תכה" און „הכה" מאַכט המן, כפּרות, הושענות.

30) וואָס איז דער טעם וואָס אַלע דריי מאָל, ווען מען שלאָגט, עסט מען קרעפּלעך?

— ווייל קרעפּלעך פאַר זיך האָבן גאָר ניט קיין שלעכטן טעם.

31) פאַרוואָס שליסט מען צו די טיר ווען מען נעמט זאָגן די־הגדה ?

— ווייל מען זאָגט באַלד פון אָנהויב „כל דכפין ייתי וייכול" (ווער ס'איז הונגעריק זאָל קומען עסן).

32) פאַרוואָס פרעגט מען ביים סדר „מה נשתנה" ?

— ווייל מען זעט ביי יידן אַ ס ד ר קומט אויס די זאַך מ ש ו נ ה און מען וואונדערט זיך דערויף.

33) פון וואַנען נעמט זיך וואָס מען זאָגט „אַ ליגנער ווי דער בעל־הגדה" ?

— עס נעמט זיך דערפון, וואָס אָט זאָגט ער אַליין אין דער הגדה: „תלמוד לומר בעבור זה", און באַלד טאַקע אויפן שטעל לייקנט ער אינגאַנצן אָפּ: „ב ע ב ו ר ז ה לא אמרתי" („בעבור זה" האָב איך גאָר ניט געזאָגט).

34) וואָס האָט ר' יהודה פאַרדינט אַזוינס מיט די סימנים וואָס ער האָט געגעבן „דצ"ך עד"ש באח"ב", עס קומט דאָך אויס די זעלבע מכות ?

— לויט ר' יהודהס סימנים קומט אויס ניט „מכת בכורות" נאָר בכורות אַליין אָן „מכת", הייסט עס, אַז ער האָט פאַרדינט דאָס וואָס מערסטנטייל יידן פאַרדינען: „מכות".

35) פאַרוואָס קלייבט מען „מעות חטים" אויף פסח, צו טיילן אָרעמע לייט, און נישט אויף סוכות, וואָס איז אויך אַ גרויסער יום־טוב, און נאָך מיט אַ טאָג לענגער ווי פסח ?

— ווייל ווענן פסח שטייט אין דער תורה בפירוש: „שבעת ימים תאכלו מצות" (זיבן טעג זאָלט איר עסן מצות), און ווי־באַלד ס'איז אַ חוב צו עסן, מוז מען געבן דעם אָרעמאַן ער זאָל אויך האָבן וואָס צו עסן; ביי סוכות אָבער שטייט „שבעת ימים תשבו בסכות" (זיבן טעג זאָלט איר ז י צ ן אין סוכות, איז אַ חוב צו ז י צ ן, אָבער נישט צו ע ס ן.

36) פאַרוואָס הייסן די ספירה־טעג טרויעריקע ?

— ווייל מען ציילט און מען ציילט און מען זעט ניט אין די אויגן קיין לעבעדיקן גראָשן.

37) פאַרוואָס מאַכט מען ניט אין ספירה-טעג קיין חתונה ?

— ווייל די חתנים גייען ניט געוויינלעך צו דער חופה ביז מען ענדיקט ניט פריער דאָס ציילן.

38) וואָס איז דער טעם פון עסן אום שבועות מילכיקס ?

— עס ווענדט זיך ווי ביי וועמען : אויב ביי אַ בריה אַ בעל-הביתטע האָט עס געווים אַ גוטן טעם ; אויב אָבער ביי אַ שלימזלניצע — האָט עס אַ טעם פון אַ שוואַרץ יאָר.

39) פאַרוואָס מעג דער שדכן טאָן זיין מלאכה און פירן שידוכים אום שבת ?

— ווייל ער מאַכט קיינמאָל ניט קיין 'קשר של קימא" (אַ קנופּ וואָס האַלט זיך לאַנג).

40) וואָס איז אַ יידנס גליק ?

— ווען ער קומט אָן צו „ברכו".

41) וואָס נאָך איז אַ יידנס גליק ?

— ווען ער שטאַרבט אין חודש ניסן.

42) וואָס איז אַ יידישער תענוג ?

— אַ קילער תשעה-באב.

43) וואָס איז אַ יידיש געווינס ?

— דער גורל צו „קדיש".

44) פאַרוואָס דרוקט מען דעם שם הויה (גאָטס נאָמען) מיט צוויי יודן („יי") ?

— ווייל גאָטס נאָמען איז שלום, און אַז צוויי י י ד ן זאָלן שטיין איינס לעבן אַנדערן און עס זאָל דאָך זיין שלום — קען עס מאַכן נאָר איין גאָט.

45) פאַרוואָס ווייסט דער ייד יעדע זאַך פריער נאָך איידער עס ווערט אָפּגעדרוקט ?

— ווייל דער ייד געפינט זיך שטענדיק אין ד ר ו ק.

46) פאַרוואָס טונקט איין אַ ייד די „המוציא" אין זאַלץ ?

— כדי ניט צו פילן ווי ב י ט ע ר עס קומט-אָן דאָס שטיקל ברויט.

47) צוליב וואָס זיינען יידן צעזייט און צעשפּרייט אויף דער וועלט?

— כדי זיי זאָלן ניט צופיל איינער דעם אַנדערן קאָנקורירן.

48) ווען קען זיך געפינען אין אַ יידישער שטוב אַ הונט?

— ווען איינס פון די צוויי: אָדער דער ייד איז קיין ייד ניט, אָדער דער הונט איז קיין הונט ניט.

49) וואו איז דאָס אָרט וואָס עס געפינט זיך ניט דאָרטן קיין איין ייד?

— אויפן גויישן בית־הקברות.

50) ווען פילט צאָן־ווייטאָק אַן אַלטער מאַן וואָס האָט שוין ניט קיין איין צאָן אין מויל?

— ווען אַ הונט טוט אים אַ ביס.

51) וואָס זאָל אַ ייד טאָן ער זאָל ניט שטאַרבן?

— ער זאָל זיך שמדן, וועט ער פּגרן.

52) פאַרוואָס זיינען דאָס רוב משומדים פאַרמעגלעכע און פאַר־קערט, דאָס רוב גרים אָרעמע לייט?

— ווייל דער משומד האָט אַ יידישן קאָפּ מיט אַ גויישן מזל, און דער גר פונקט פאַרקערט: אַ גויישן קאָפּ מיט אַ יידישן מזל.

53) פאַרוואָס פאַרהאַלט זיך משיח אַזוי לאַנג און קומט נישט?

— ווייל יידן אַליין דערלאָזן ניט דערצו: קומט פּסח זאָגן זיי „ל ש נ ה ה ב א ה בירושלים“, נעמט זיך משיח גרייטן אין וועג, צו קומען אויף דעם אַנדערן פּסח, דערווייל קומט יום־כיפור און יידן זאָגן ווידער „לשנה הבאה בירושלים“ — מאַכן, הייסט עס, אַ נדחה אויף ווייטער.

54) וואָס טוט מען די נאַכט פון ניתל, ווען ביי יידן איז אַ מנהג ניט צו לערנען, און אָן תורה קען דאָך די וועלט ניט האָבן קיין קיום?

— אַ מנהג ישראל אַליין פאַר זיך איז שוין אויך אַ תורה.

55) פאַרוואָס רופט מען אַ ליטוואַק „צלם-קאָפּ״?

— ווייל ער לייגט זיך אַוועק „אין דער לענג און אין דער ברייט״ אויף אַ שטיקל מהרש״א.

56) פאַרוואָס פלעגן אַמאָליקע רבנים באַקומען גאָר וויניק שכירות און היינטיקע נעמען אַזוי פיל?

— ווייל אַ רב מעג נעמען נאָר שכר בטלה (ד״ה לוין פאַר דער צייט וואָס ער איז מבטל), איז אַמאָל פלעגט דער רב תמיד זיך אָפּגעבן מיט לערנען און גאָר וויניק צייט מבטל זיין, איז אים דערפאַר געקומען וויניק שכירות; היינט אָבער בטלט דער רב די גאַנצע צייט — קומט אים דעריבער גרויסע שכירות.

57) פאַרוואָס איז דער מנהג, אַז אַ רב, ער מעג זיין ווי אַן עם-הארץ, מוז ער דאָך זאָגן אַ דרשה „שבת שובה״?

— ווייל „שבת שובה״ איז פאַר ערב יום-כיפור, דאַרף ער באַווייזן אַז ער טויג „אויף כפרות״.

און פאַרוואָס זאָגט ער אויך שבת-הגדול אַ דרשה?

— ווייל שבת הגדול איז פאַר ערב פסח, דאַרף ער באַווייזן אַז ער איז, מחילה, אַ גוי און טויג צו מכירת חמץ.

58) וואָס הייסט אַ פשטל?

— אַז מען נעמט דעם פשט און מען צעברעכט אים, ווערט דעמאָלט אַ סך פשטלעך׳

59) וואָס פאַר אַ טיטול פאַרדינט אַ מחבר פון אַ שלעכטן חבור?

— ער איז „מחזיר עטרה ליושנה״. ד״ה ער נעמט פאַפּיר, וואָס איז געמאַכט פון שמאַטעס, און מאַכט דערפון ווידער שמאַטעס.

60) פאַרוואָס פלעגן די אָרעמע מחברים אַרומגיין איבער די פאַר-מעגלעכע הייזער מיט זייערע חבורים אין די הענט?

— ווייל אַ קבצן, ווען ער טראָגט אַרום אויף די הענט אַ קינד אַ קאַליקע, האָט מען אויף אים מער רחמנות.

61) פאַרוואָס רופט מען די חסידישע רביים „גוטע יידן?״

— ווייל אַמאָל פלעגט אַ פּריסטאַוו אָדער איספּראַווניק, וואָס נעמט געלט, הייסן אַ „גוטער גוי", דערפאַר הייסט דער רבי, וואָס נעמט אויך געלט, אַ „גוטער ייד".

62) פאַרוואָס זאָגן די מלמדים, אַז קנעלן איז שווערער ווי האָלץ האַקן?

— ווייל האָלץ האַקן איז וואָס מער מיט אַ גוי גרינגער, קנעלן אָבער איז וואָס מער מיט אַ גוי שווערער.

63) פאַרוואָס דינגט מען אַ מלמד נאָר אויף אַ „זמן" (אַ האַלב יאָר)?

— ווייל ממה נפשך: אויב ער וועט דעם „זמן" קנעלן געטריי, וועט ער געוויס באַקומען אַ לונג-פעלער און אַוועקשטאַרבן, און אויב ער וועט ניט באַקומען קיין לונג-פעלער און וועט ניט שטאַרבן, איז דאָך אַ סימן, אַז ער טויג ניט.

64) פאַרוואָס זאָגט די וועלט, אַז אַ חזן איז אַ נאַר?

— ווייל אין מזרח-בלאַטביים עמוד שטייט „שויתי ה' לנגדי תמיד" (איך שטעל זיך פאַר גאָט קעגן מיר שטענדיק) און שלמה המלך האָט שוין לאַנג געזאָגט: „אין חכמה ואין תבונה נגד ה'" (קעגן גאָט איז ניטאָ קיין חכמה און קיין פאַר־שטאַנד).

י"א: ווייל אויף דודן דערציילט דער פּסוק פאַר אַ חידוש: „מטיב נגן — וטוב שכל".

65) פאַרוואָס מוז אַ חזן על-פּי-דין זיין אַ באַווייבטער?

— ווייל ער דאַרף דאַוונען פאַרן עולם מיט אַ צעבראָכן האַרץ.

66) פאַרוואָס איז אַ כהן אַ כעסן?

— ער איז בייז ווייל ער וואַשט זיך בײַ כהנים דוכנען, און צו עסן קריגט ער נישט.

67) פאַרוואָס גייט אַן אָרעמאַן איבער די טירן, און אַ קאַטשקע איבערן וואַסער, זאָל די קאַטשקע גיין איבער די טירן, און דער אָרעמאַן איבערן וואַסער?

— ווען דער אָרעמאַן וואָלט געגאַנגען איבערן וואַסער, וואָלט אים אין די שיך אַריינגערונען, און ווען די קאַטשקע וואָלט געגאַנגען איבער די טירן, וואָלט מען זי אויפגעכאַפּט.

(68 פאַרוואָס איז אַ מחבר געוויינלעך אַן אָרעמאַן?
— ווייל די פּראָבע פון „חבור" איז שטענדיק „חסור".

(69 פאַרוואָס בעט מען פאַר „עוסקים בצרכי צבור באמונה" ביי גאָט „ויסיר מהם כל מחלה" (ער זאָל אָפּטאָן פון זיי יעדע קרענק)?
— ווייל דער וואָס איז „עוסק בצרכי צבור באמונה" בלייבט אים אַ ק ר ע נ ק.

(70 פאַרוואָס רופט אַ דאָקטאָר צו זיך, ווען ער ווערט קראַנק, אַ צווייטן דאָקטאָר?
— ווייל ער וויל ניט זיין קיין „מאבד עצמו לדעת".

(71 וואָס איז דער אונטערשייד פון אַ מתנה צו אַ נדבה?
— אַ מתנה גיט מען יענעם צו זיך מקרב צו זיין, און אַ נדבה — פון יענעם פּטור צו ווערן.

(72 פאַרוואָס רופט מען יידישע בוכהענדלער „מוכרי־ספרים"?
— ווייל זיי פלעגן זיין געוויינלעך טאַקע נאָר מוכרי־ספרים, פאַרקויפער פון ספרים אָבער נישט קיין קונים.

(73 וואָס טוט מען, אַז מען וויל פּטרן אַ באַקאַנטן, ער זאָל אויפ־הערן אין שטוב צו קומען?
— אויב יענער איז אַ פאַרמעגלעכער בעט מען ביי אים אַ הלוואה און אויב ער איז אַן אָרעמאַן — גיט מען אים אַ הלוואה.

(74 פאַרוואָס גיט דער נגיד אַ נדבה גיכער דעם אָרעמען קאַליקע איידער דעם אָרעמען למדן?
— ווייל פון צו ווערן אַ קאַליקע איז ער אַליין אויך ניט באַוואָרנט, אָבער פון צו ווערן אַ למדן איז ער אויף אייביק באַוואָרנט.

(75 פאַרוואָס רופט מען אַ גביר אַ קמצן מיטן נאָמען „חזיר"?
— ווייל פון אים, גלייך ווי פונעם חזיר, קען מען הנאה האָבן נאָר נאָך זיין טויט.

(76 פאַרוואָס טאָר אַ קבצן ניט עסן קיין סמעטענע?
— ווייל ער איז ניט חולה צו עסן זויער־מילך.

77) פאַרוואָס האָט אַ קבצן אַ סך קינדער?

— ווייל ער האָט ניט אויף וואָס צו מאַכן אַ ברכה, מאַכט ער די איינע ברכה „בורא נפשות".

78) פון וואַנען איז געדרונגען, אַז אַ נעמער איז נישט קיין געבער?

— דער כהן איז געווים אַ נעמער (ער נעמט תרומות און מעשרות און ראשית הגז, און זרוע והלחיים אד"גל). און ביים כהן שטייט בפירוש: „ולקח הכהן מלוא חפניו, ונתן — באצבעו" ד"ה נעמען נעמט ער מיט פולע הויפנס און געבן גיט ער מיטן שפּיץ פינגער.

79) פון וואַנען איז געדרונגען, אַז פון קינדער ווערט מען אַלט?

— עס שטייט בפירוש אין דער תורה: „כי תוליד בנים ובני בנים ונושנתם בארץ").

80) פאַרוואָס איז ערד לשון נקבה אויף אַלע לשונות?

— ווייל קיינער קען ניט וויסן ווי אַלט זי איז.

81) פאַרוואָס רופט דער ווייבס פאָטער „שווער"?

— ווייל אַ שלעכטן שווער איז זייער שווער איבערצוטראָגן, און אַ גוטן שווער איז זייער שווער צו געפינען.

82) ווי אַזוי דערקענט מען אין וואַסער צווישן אַ קאַטשקע און אַ קאַטשער?

— גאַנץ פשוט, מען נעמט ברויט און מען מאַכט קליינע קיי־קעלעך און מען וואַרפט זיי אין וואַסער; שווימט ער צו און כאַפּט — איז עס אַ קאַטשער, שווימט זי צו און כאַפּט — איז עס אַ קאַטשקע.

83) ווייבאַלד אַלע מתים, ווי מען זאָגט, ליגן אין דער ערד און „באַקן בייגל", ווער־זשע קויפט ביי זיי?

— דערפאַר ליגן זיי טאַקע אין דער ערד מיט זייער געשעפט.

84) פאַרוואָס באַשיט מען דעם חתן בשעת כלה־באַדעקנס?

— ווייל אַז מען באַגראָבט מוז מען אויך באַשיטן.

85) פאַרוואָס האָט אַ „מטה" פון אַ מת נאָר צוויי שטעקנס און אַ חופה — פיר?

— ווייל אין אַ „מטה“ פירט מען באַגראָבן נאָר איינעם, און הינטער אַ חופה — צוויי.

86) פאַרוואָס שטייט אין „סדר נשים“ די מסכתא „גיטין“ פאַר „קידושין“?

— כדי צו ווייזן, אַז גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה.

87) וואו קומען אַהין די טעג מיט די יאָרן?

— די „טעג“ עסן אויף די קלויזניקעס, און די יאָרן — די איידעמס אויף קעסט.

88) וואָס פאַר אַ ייד עסט „אבר מן החי“?

— דער וואָכערניק.

89) וואָס פאַר אַ שבח זאָגט מען נאָך אַ קונציקן גנב?

— אַז ער גייט ניט קיין ד׳ אמות אָן נטילת-ידים (ד״ה נעמען מיט די הענט).

90) וואָס פאַר אַ שבח דאַרף מען אויסקריצן אויף דער מצבה פון אַ גנב אַ שלעסער-ברעכער? — „בחכמה פותח שערים“.

91) וואָס פאַר אַ ברכה מאַכט מען איבער אַ ליגנער?

— „שהכל נהיה בדברו“ (ד״ה וואָס ער דערציילט, איז גע-וואָרן פון זיינע רייד).

92) אויב ס׳איז אמת וואָס עס שטייט געשריבן אַז „אמת מארץ תצמח“ (אמת שפּראָצט פון דער ערד), פאַרוואָס-זשע זעט מען ניט דער אמת זאָל וואַקסן?

— ווייל דער שקר מיט זיינע גראָבע פיס האַלט אויף אים אין איין טרעטן.

93) וואָס פאַר אַ הויקער איז אַ גלייכער?

— דער „הוקר רגליך מבית רעך“.

94) פאַרוואָס זיינען זומער די טעג לאַנג און ווינטער קורץ?

— ווייל פון היץ ווערט יעדע זאַך אויסגעצויגן און פון קעלט איינגעצויגן.

95) פאַרוואָס רופט מען אַן עם־הארץ גראָבער יונג?
— ווייל ער הויבט ניט אָן צו וויסן קיין שום דין.

96) ווער קומט אין קלויז צום ערשטן?
— דער צווייטער.

97) צוליב וואָס טויגן צוויי „יקום־פורקנס?"
— טאָמער וועט איינער ווערן פאַרפאַלן, וועט בלייבן דער צווייטער.
פאַרוואָס־זשע איז פאַראַן נאָר איין „מי־שברך"?
— אָט דאָס איז טאַקע די מעשה: געווען זיינען מי־שברכס אויך צוויי, איז איינער פון זיי פאַרפאַלן געוואָרן.

98) פאַרוואָס רופט מען עם „טשאָלנט"?
— ווייל מען שטעלט עס אין אַ טשאָלנט־טעפּל.

99) פון וואַנען נעמט זיך דער נאָמען פונעם שטעטל „דראַזשנע"?
— ווייל דאָרט האָט געוואוינט דער דראַזשנער רב.

100) ווי אַזוי מאַכט מען אַ בייגל?
— מען נעמט אַ לאָך און מען קלעפּט אַרום מיט טייג, ווערט אַ בייגל.

101) פאַרוואָס זיינען קרעפּלעך דריי־קאַנטיקע און ניט פיר־קאַנטיקע?
— ווייל ווען זיי זאָלן זיין פיר־קאַנטיקע, וואָלט מען אין זיי באַדאַרפט איינמאַכן ציצית.

102) וואָס הייסט „אחד בפה ואחד בלב"?
— אַז מען נעמט אין מויל אַ שטיקל צוקער דעמאָלט ווען מען טרינקט אַ זיסע גלאָז טיי.

103) פאַרוואָס פאַרמאַכט דער האָן די אויגן בשעת ער קרייט?
— ווייל ער קען אויסווייניק.

104) ווען צו אַ האַלבן דאַך דאַרף מען האָבן נאָך 300 שינדלען, וויפל דאַרף מען פאַר אַ גאַנצן?
— קיין איינעם ניט.

105) פאַרוואָס דאַרף מען צום בענטשן אַ מזומן?

— ווייל געבענטשט איז דער וואָס האָט מזומן.

106) פאַרוואָס האָט דער כלב די טבע אָנצוכאַפּן דעם חזיר דווקא ביים אויער?

— דערפאַר וואָס די גמרא זאָגט: לית עשירא מחזירא ולית עניא מכלבא; דאָס הייסט: נישטאָ קיין גרעסערער עושר פונעם חזיר, ווייל ער געפינט דאָך אומעטום זיין פרנסה, און נישטאָ קיין גרעסערער קבצן פונעם כלב, ווייל עס קומט אים אָן שווער ביז ער קריגט אַ ביין און מחמת דעם כאַפּט טאַקע דער כלב דעם חזיר ביים אויער, ער רוימט אים איין אַ סוד: דו ברודער ביסט דאָך יאָ אַן עושר, פאַרוואָס־זשע ביסטו אַ חזיר?

107) פאַרוואָס זאָגט מען „צרות רבים חצי נחמה"?

— ווייל אַזוי לײדט דער מענטש אין צווייען: אי וואָס אים איז ניט גוט, אי וואָס יענעם איז גוט, אָבער ווען „צרות רבים", דאָס הייסט: ווען אַלעמען איז ניט גוט, לײדט ער נאָר העלפט: ניט מער וואָס אים איז ניט גוט.

108) פאַרוואָס רופט מען יום־כיפור אויך יום־כיפורים?

— כיפורים הייסט „ווי פורים", ווייל אין פורים פאַרשטעלן זיך יידן פאַר גויים, און אין יום־כיפור פאַרשטעלן זיך גויים פאַר יידן.

109) וואָס איז אַ וויץ?

— אַ זאַך פון וועלכער גויים קאַטשען זיך פון געלעכטער, און אַ ייד זאָגט: עט, שוין געהערט...

# אינהאלט:


זייט

„גוטע יידן" און חסידים 3—20

370. גלייך צו אַ מלאך — 3
371. קאַפּוּויטאַק און בויכווויטאַק — 3
372. רעדט מיט מלאָכים — „
373. גלוי אליהו — 4
374. דעם רבינס תורה — „
375. „רזין דרזין" — 5
376. „לשבוע ולא לרזון" — „
377. דין מיט רחמים — „
378. דריי — איז דריי — „
379. ווער איז גרעסער — 6
380. נעמט-מיט די מקווה — „
381. אַן עם-הארץ אויף חידושים 7
382. אַ נס, וואָס אַ נס הייסט — „
383. פשוט דערוואָרגן — 8
384. אַ שייגעצל אַ טויבער — „
385. אָן קוליעס — 9
386. אַ ווייטער קוק — 10
387. בדרך הטבע — „
388 „יזכור" — „
389. וואָס זאָגסטו אויפן שטעל 11
390. מחיה נפשות — „
391. מורא — 12
392. אַ קאַפּיקע צום פּופּיק — „
393 „ברגש" — 13
394. אַ קאַפּעלע מעוברת — „
395 אָנגעזאַלצן — 14
396. בצדק — „
397. כדי מען זאָל ניט וויסן — „
398. פון די אָבות — 15
399. על אַחת כמה וכמה — „
400. געווים אַ חסיד — „
401. וואָס שטייט העכער — 16
402. אַ קאָצקער חסיד — „
403. אָז ישיר — „
404. איך האָב אַ יצר הרע — 17
405. מיט אַ בלויען זאָק — „
406. אַ גרויסע חכמה — „
407. אַן אַנדער מענטש — 18
408. אַ טפש איז ער געווען — „
409. אַ גוטער קאָפּ — „
410. וי"ש מיט קעז — 19
411. מענטשן אויף דער לבנה — „
412. כשר פאַרדינט — „
413. אָן פיש אינמיטן — 20
414. די תרומה איז ניט קיין תרומה — „

רייכע און אָרעמע, קמצנים 21—40

415. אַ פאַרקערטע וועלט — 21
416. אַ מזל-זאַך — „
417. קאַפּיטאַל און אַרבעט — 22
418. געגאַנגען שווער צו קינד 22
419. אַ קליינע טובה — 23
420. די וועלט און יענע וועלט „
421. דווקא חם — 24
422. „נעבעך אַ יתום" — „
423. אַן אייגענער אָרעמאַן — „
424. שלום-עליכם — 25
425. גאָטס טעות — „
426. לאָזט זיך נישט מעלקן — 26
427. דאַכט זיך אַ נגיד — „
428. כסף מטהר ממזרים — „
429. קאַלטע לאָקשן — 27
430. ניט קיין היגער — „
431. מבקר-חולה-זיין — „
432. פון היץ — 28
433. איך שוויץ — 29
434. בלויז איין דאגה — 30
435. אַן אמתער באַווייז — „
436. פאַרוואָס ביסטו אַ חזיר — „
437. אַן איבעריקע זאַך — 31
438. אַ בעלן צו וויסן — „
439. קרן מיט רווחים — 32
440. גאָר אַנדערש געמאָלט — 33
441. דער שידוך געפעלט ניט — „
442. אַ תקנה פון די „ארבע ארצות" — 34
443. קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט קיין אָרעמאַן — 25
444. דער אמתער יורש — „
445. אַ בעל-רחמנות — „
446. צעברעכט דאָס האַרץ — 36
447. געשיקט פון „דלות" — „
448. נישט אַזאַ אויסברענגער — 37
449. פון אַן אויסשטעלונג — „
450. צעטיילן די אַרבעט — „
451. אַ מזומן לעולם הבא — 38
452. אַ ראשון בראשון — 39
453. גוט שפּילן — „
454. מכבד עשירים — „

אביונים און שנאָרער:

מקבלים — 41—54

455. צוויי הונדערט קאַרבן — 41
456. דער נשרף — „
457. אויך געליטן — 42
458. גמרא . . . — „
459. ווידער די זעלביקע קשיא 43
460. אַ גאַנץ זיכערע רפואה — „
461. ניט קיין קרוב — 44
462. אָט דאָס הייסט געלעבט — „
463. צוויי מיידלעך אויף איין פּיאַנע — „
464. קיין ווידישן טעם — 45

זייט

465. גענוג אַ פּאָר מינוט — — 45
466. מאַיענעזע — — — — 46
467. טאַקע ווערט — — — — ״
468. אַן אוידעם אויף קעסט — 47
469. צום ברודער אויף אַ שמחה ״
470. נאָך אויף איין יום-טוב — ״
471. גייט אַליין איבער די הויזער — — — — — — 48
472. פּרנסה בלייבט פּרנסה — 49
473. דערמאָנט דעם אָרעמאַן — ״
474. גיין לערנען-זיך שנאָרען 50
475. פאַרשטעלט פאַר אַ קבצן — ״
476. אויך אַ געשעפט — — — ״
477. אַ שיינער נדן — — — 51
478. אַ צו-להכעיס שפּיל — — ״
479. שלעכט אין אַלע ציַיטן — ״
480. אַ מלבוש אויף אַלע ימים-טובים — — — — — 52
481. אַ באַקאַליי-קרעמל — — ״
482. געוואָרפן אַן אום-חן — — ״
483. טוט-אָן און טוט-אויס — 53
484. אַזוי פיל מזוזות — — ״
485. אַ גאַנץ היטל צוקער — — ״
486. אויסמיַיטן אַ הונדערטער 54

קלויזניקעס און בטלנים 54—66

487. אַ פולער בית-מדרש מיט תורה — — — — — 54
488. וויסן אויף אַן אַנדערש מאָל ״
489. וואו זיַינען מיַינע ברילן 55
490. וואָס אַ קבצן פאַרגינט זיך ״
491. אַ פשוטער קל-וחומר — 56
492. אַ פּשוטער ממה-נפשך — ״
493. אַ בקשה — — — — ״
794. „זיבן גוטע טעג״ — — ״
495. זיבן הייזער — — — — 57
496. הלוואַי אַ גאַנצן טאָג — ״
497. די צווייטע קו״ף — — 58
498. וואָס פאַר אַ ברכה מאַכט מען ״
499. אַן אָנצוהערעניש — — ״
500. פריילעכער געווים — — 59
501. לאָקשן צו פאַרפל — — ״
502. קאַשע מיט תירוצים — — 60
503. היינטוועלטיקע המצאות — ״
504. איין ברויט וואָס איז צוויי 61
505. אַ שיינער חלום — — 62
506. אַ שרעקלעכער פראַל — — ״
507. פאַרביטן די יוצרות — — 63
508. פון וואַנען וואַקסט דער מענטש — — — — — ״
509. די נאָזלעכער — — — 64
510. באַשוימפערלעך — — — ״
511. בעסער דיין רובל — — ״
512. כוח הראַפּטאָם און כוח האימפעט — — — — — 65
513. פּאָניעס מזל — — — — ״
514. אַ קאָמיטע — — — — 66
515. גאָר אַן אַנדער זאַך קשה — ״

זייט

הכנסת־אורחים און גמילות־חסדים — — 67—72

516. נאָך אַ דריטע גלאָז — — 67
517. אויב איר פאַרשטייט קאַטאָוועס — — — — — ״
518. גאָטס און פרעמדס — — ״
519. שלאָפט געשמאַק — — — 68
520. אַ בית-עלמין פאַר אורחים ״
521. שלעכט אַזוי און שלעכט אַזוי — — — — — — ״
522. שולדיק אַן ענטפער — — 69
523. אויף דריי שעה — — — ״
524. מאָרגן — — — — — 70
525. אַ שמעק טאַבאַק — — — ״
526. בעטן אָדער געבן — — — 71
527. האַלב אויף האַלב — — — ״
528. בעסער פרעגן די גרויסע פיש — — — — — — ״
529. ניט געגעסן — — — — 72

נדרים — — — — — 73—74

530. איינס פון די צוויי — — 73
531. אַ ביליק פערדל — — — ״
532. געזאָגט איז געזאָגט — — 74

דאָרפס־יידן און גראָבע יונגען — — 75—92

533. אויב אַזוי, איז איוואַן גוט אין דער ערד — — — — 75
534. פאַרקילט און הייזעריק — ״
535. וואָס האָט מען צו דער שטומער בהמה — — — — — ״
536. אַ מצווה — — — — 76
537. טאָן וואָס דער טאַטע האָט געטאָן — — — — — ״
538. אויך נישקשה פון אַ מיטל 77
539. אַ שטיקל אפיקומן — — 78
540. גוטע יידן וועלן ניט דערלאָזן — — — — — ״
541. הלוואַי אויף מיינע קינדער 79
542. אַ נס — — — — — ״
543. ער זוכט אַן אוידעם — ״
544. אויסלערנען „קדיש״ — — 80
545. דער סוד פון „חד-גדיא״ — ״
546. זכות אָבות — — — — 81
547. צוליב דעם חורבן פונעם בית-המקדש — — — — ״
548. ביז איבער פסח — — — 82
549. מיר האָבן אַ גרויסן גאָט — 83
550. אַריינמישן זיך צווישן קיסרים — — — — — 84
551. אַ פּראָסטער „חי וקיים״ — ״
552. ערגער, ערגער — — — ״
553. אַ תהילים מיט גרויסע קאַנטן — — — — — 85
554. דער כוח פון דקדוק — — ״
555. אַרויפליַיגן אויף יענעם — 86

זייט

556. דער זעליקער פאָטער האָט עם פאַרדינט — 86
557. אָפּדאַוונען איידער ער וועט קומען — „
558. אָדם ובהמה — „
559. דער פעטער עשו — 87
560. דריי משהם — „
561. אַ בקי — „
562. מיט וועמען אַ וואָרט אויס־צורעדן — 88
563. דער קאַטשאַן אין „שולחן ערוך" — „
564. אַזוינע וויסטע קאַליקעס — „
565. זיך אָנגעשטויסן — „
566. לאַנג געווען בר־מצוה — 89
567. אויפן רוח געפינט זיך — „
568. נאָך אַלץ די נאַרישקייטן אין זינען — „
569. אַ גרויסער וויסער — 90
570. צו אַ גרויסער למדן — „
571. למדן אַרויס — 91
572. צעבראָכן די לוחות — „
573. טעות גוי — 92

**פויערים — 93—95**

574. פופצן קשיות — 93
575. איינגעטריקנט — „
576. נאָכגעקראָכן — 94
577. דריי פּראָבן — 95

**שוטים — 96—99**

578. בדוק ומנוסה — 96
579. בלייבן נעבכטיקן — 96
580. אָפּלעגן די חופּה — 97
581. פאַרקערט אָנגעשמירט — „
582. איין ריאַבע קו — „
583. אַריינגעוואָרפן דאָס קעצל — 98
584. זיך געשטעלט אויף אַ בענקל — „
585. געווען אַ פאַרשוין — „
586. אַ נאַר מיט אַ פּינטעלע — 99

**כעלמער נאַרן — 100—112**

587. אַ פּשרה — 100
588. דער ערשטער שניי — „
589. אַלע מיט איין מאָל — 101
590. וואוהין איז אַהינגעקומען די קאַץ — „
591. דערטרינקען דעם פיש — „
592. דורכפירן אַ קאַץ — 102
593. אַ רעטעניש — „
594. זוכט אין דער ליכטיק — 103
595. אַ שמירה — „
596. אַרויסגעגנבעט די לבנה — 104
597. עם פעלט פון אויבן — „
598. אַ מוסטער — 105
599. אַ סימן מובהק — „
600. פאַרגעסן די מאָס — 106
601. עס ווענדט זיך וועמעס — „
602. נאַר אַ רירט טאָן — „
603. אַ ריח — 107
604. דאָס בעסטע — „
605. אַלץ גרייט — 108
606. אויך ניט קיין גלייכע פּאָר — 109
607. אַ האַרב ווי אַ באַרג — „
608. ניט קיין אייגענע שיף — 110
609. פון וואַנען נעמט זיך זומער די היץ — „
610. צוליב די פערד־גנבים — „
611. אַראָפּ מיט ליידיקע און אַרויף מיט פולע — 111
612. גאָר קיין נאַר ניט — „
613. אַ דריי גאַרנדיקער טפש — „
614. היפש אָפּגערוקט — 112

**משוגעים: דער זאַגערער**

**משוגענער — 113—114**

615. די רעכטע צייט — 113
616. איין משוגענער אויף צוויי שטעט — „
617. נאָכלויפן די גאַנצע שטאָט — „
618. פון אונטן אַרויף — 114
619. אויב ניט — גאַנץ קהל — „

**קראַנקע און רופאים — 115—121**

620. אַ גוטע זאַלב — 115
621. זיך באַראַטן מיט אַ פּראָפעסאָר — „
622. שרייב מיט אַ בליישטיפט — 116
623. אַרויסשטעקן די צונג — „
624. אומזיסט געכאַפּט, און אויסגעהיילט — „
625. דעם געזונטן פוס — 117
626. פאַרוואָס עפּעס אייזן — „
627. בעסער זיין דערוויל טויב — „
628. צום אַפּעטיט — 118
629. אויף מאַמע־לשון — „
630. דער דופק — „
631. אַ שטאָט אָן אַ דאָקטאָר — 119
632. קורירט קליינע קינדער — „
633. דער סורפּריז — „
634. איך וויל אויך לעבן — 120
635. ניט ריכטיק געהיילט — „
636. רעדט צו זיך אַליין — „
637. בעסער איר — 121

## יונג און אַלט

### דער גאון ר׳ יהושע־העשיל

**קינדווייז — 122—129**

638. ולשרה בן — 122
639. מיט איין פּיסל — „
640. אַ גאַנצער הערינג — 123
641. אַ מצוות עשה — 124
642. קידוש אָן ווייַן — „
643. אָן אַ יצר־הרע — 125
644. געהערט ווי געזען — „
645. שוין פיינט באַציילטנס — 126

זייט

646. איבערגעקערט — 126
647. וויל נאַר — ״
648. פונעם אַלטן דור — 127
649. אויף דער עלטער — ״
650. איבערגעגעסן זיך מיט אפיקומן — ״
651. געווים אמת — 128
652. מיט פוטער — ״
653. ער איז טויב — ״
654. שוין אויס קאַשע — 129

## יידישע פאַמיליעס:

### עלטערן און קינדער — 136—130

655. אַ זכות — 130
656. אויסגערעכנט זיין יחוס — ״
657. אַ פשוטער חשבון — ״
658. אַ ווייב אין אמתן — 131
659. צוויי מעלות — ״
660. עס פעלט איין הונדערטער 132
661. הבל-הבלים — ״
662. אַ קונציקער כירורג — 133
663. גלוי עריות — ״
664. געמאַכט פאַר לייט — 134
665. אַן מזל — ״
666. אַ בשורה אָנזאָגן — ״
667. כבוד אָב — ״
668. פופציק פראָצענט — 135
669. קומט ניט צוריק — ״
670. זאָל ער וויסן — 136
671. אויך אַ שטר מכירה — ״
672. דאָס לשון אָפּגענומען — ״

### מאַן און ווייב — 157—137

673. פשוט מצה — 137
674. פון הימל אויף דער ערד — ״
675. מען פילט זיך גוט — 138
676. חתונה געהאַט — ״
677. שלעכטע שטאָף — ״
678. לעיני כל ישראל — ״
679. רעדן איבער אים ביז ווינ-טער — 139
680. טויב אויך — ״
681.ביידע קוויט — ״
682. מער ניט עלטער ווערן — 140
683. אַ נגע צרעת — ״
684. געפעלט מיר אויך ניט — ״
685. מוז אויסשפייען — 141
686. פון מויל אַרויס — ״
687. איך זע די צורה אייערע ״
688. בענטשן — 142
689. צוויי גראַמאַפאָנען — ״
690. אַ מלאך — ״
691. אַרבעט אַ סך מיטן מויל — 143
692. צו טייער — ״
693 געפונען — ״
694. גרויסע ליכט און קליינע ליכטעלעך — ״
695. אַ גרויסע אויסברענגערין 144
696. מחולק אין דער אַגראַר פראַגע — 144
697. אַ ביס אין צונג — 145
698 ווייבערשע האַנט-אַרבעט — ״
699. אַ ווייבערשע קרענק — ״
700. שטייט געשריבן — ״
701. קראַנק, נאָר נישט מסוכן 146
702. אָפּגענומען דאָס לשון — ״
703. צדקה תציל ממות — ״
704. גראַמט זיך נישט — 147
705. אויף מיין קאָפּ — ״
706. טראָגן ניט — ״
707. יינגער און עלטער — 148
708. אַ לוח — ״
709. זעט אויס יונג — ״
710. די אויסלענדישע בעדער ״
711. הבדלה — 149
712. צוואַנציק יאָר לעבן — ״
713. צושטעלן ווי גענומען — 150
714. איין קריין בערגעלע גראָז ״
715. עסט מן — 151
716. עפּעס העכערס — ״
717. נישט קיין גליק צו כלות ״
718. הערשל אַסטראָפּאָליערס ווייב ״
719. אַ שענערע סחורה — 152
720. אויב איינער שטאַרבט — 153
721. אויב ניט איצט — ווען דען ״
722. לאַנג געהאַט בדעה — 154
723 זאָל דער מזבח איצט וויינען ״
724. אַן אשה כשרה — ״
725. נקבה — 155
726. פאַרזוך פריער — ״
727. זי שטייט אויף — ״
728. אַ מיאוסע משפחה — 156
729. אַ רייכע אלמנה — ״
730. אויף קעסט — ״
731. דריי ווייבער — 157
732. זאָל ער וויינען — ״

### שווער און שוויגער — 161—158

733. דערלאָזט ניט צו עסן — 158
734. אַן ערב — ״
735. דער שוטה מיינט עס טאַקע ערנסט — 159
736. ער קען נישט — ״
737. קליגער געווען — 160
738. „תזל כטל אמרתי" — ״
739. דריי-גאָרנדיקע שנאה — 161
740. אַן עונש — ״
741. זיין נקמה — ״
742. דערלעבן אַ צווייטע „בר-מצווה" — ״

### ימים־טובים — 174—162

743. הוילע וואַסער — 162
744. דעם ליטווישן מגידס מבינות — 163
745. צוואַנציק כפרות — ״
746. זיך איבערבעטן — 164

זייט

747. אָן אַ כפּרה — 164
748. אַ קלאַפּ פאַרגייט — „
749. אויסגעהערט דעם אַנדערן צד 165
750. פּורימדיקער ראש-ישיבה — „
751. אַ הצלחה פון עשון — 166
752. אַ בילד פאַר אַ בילד — „
753. אַ ייד ביז דער קעשענע — 167
754. אַ האַלבן פּסח — „
755. צען כוסות — 168
756. אַ נייער פּירוש אויף דער הגדה — „
757. שוואַכע קעפּ — „
758. פאַרקויפט צו אַ גוי — 169
759. ווי אַזוי מען דאַרף דעם „סדר" אָפּריכטן — „
760. קורח אין דער הגדה — „
761. אַ בעל-דקדוק — 170
762. אַ רשע פון דער הגדה — „
763. ביידע אוידעם-שדים — „
764. אַן עבור-יאָר — 171
765. מכות ניט רבנים — „
766. בנים איז אויך אַ גאַנץ גוטע מכה — 172
767. גאָט איז גערעכט — „
768. ווי קומט אַ הונט אין דער הגדה — 173
769. קען זיך ניט אויסשלאָפן — „
770. אָן היזקות — „
771. אַ רגילות — „
772. דריי נסים — 174

פאַרשידענע — 174—190

773. אַ ברכה — 174
774. אַקוראַט פאַרקערט — 175
775. געבן אַ שטעל — „
776. אַ מיטל פּטור צו ווערן — „
777. פריער געבונדן — 176
778. פריער אויפגעשטאַנען — „
779. ניט קיין היגער — „
780. איבער די כוחות — 177
781. איינער זאָל זאָרגן פאַר אַלעמען — „

782. אויסטרינקען אַ ים — 177
783. אמת און שקר — 178
784. אַ יידישע פּאָמשט — „
785. תהו ובהו — „
786. שטאַרק נויטיק אַ קאַץ — 179
787. מיט אַ קלוגן מענטשן — „
788. ניט שאַנעווען — „
789. גוטע שווימער — 180
790. ווען דו וועסט מיך אויפוועקן — „
791. דער טעם פון וויין — „
792. אַ שנאַפּס גאַנץ פרי — „
793. פרעסט — 181
794. סאָב-דירעקטאָר — „
795. רעדן און שווייגן — 182
796. דריי מצוות — „
797. לאָקשן — „
798. וואָס טויג די פ"א אין המן „
799. אַ טעות — 183
800. האַלט ניט פון אַזעלכע קאַטאָוועסלעך — „
801. פאַרשטייט ענגליש — „
802. געוואָלט געבן אַ פּאָר פּעטש 184
803. אַ בעלן צו ציילן — „
804. איין צאָן זאָל בלייבן — 185
805. גוט פאַרשטאַנען — „
806. צען טויזנט פאַר איין קוק „
807. איין פענצטער — 186
808. גיין און זען — „
809. ווי די שאלה אַזוי די תשובה — „
810. נאָך נישט אָנגעהויבן! — 187
811. נאָך נישט געבוירן געוואָרן „
812. ווי מען לעזט דאָס בריוול „
813. אַין תחת אַין — 188
814. פון היץ — „
815. דער היקעוואַטער — 189
816. אַ מיטלפּונקט — „
817. „הספּד" און „רקוד" — 190

קורצע שאלות און תשובות — 191—204